ראובן בריינין

שריפטען

925

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאלע-ראדיקאלע שוהלע

דער שילער קלוב
פון דער פאראייניקטער
נאציאנאלע-ראדיקאלע שולען

ראובן בריינין.

שריפטען

ערצעהלונגען, ביאָגראַפיעס און קריטיק.

פערלאַג „השחר" ווארשא

ווארשא, תר"ע.

דרוק „הצפירה" פאַנסקא 40.

LIBRARY
APR 1 5 1998
UNIVERSITY OF TORONTO

דעם גביר'ס נדבה.

ניט לאנג האב איך געלייענט אין אַ העברעאישער צייטונג אַ הספד איף ר' לייבעלען דעם גביר פֿון בלאָטעוויקע — מיין געבורטס־שטאָדט. דער שרייבער האָט אָנגעשאָטען בערג מיט שבחים אויפֿ'ן טוידטען גביר. ער דערצעהלט, אַז ר' לייבעלע, זכר צדיק לברכה, איז געוועזען אַ גרויסער בעל־צדקה, אַ גרויסער בעל־רחמים – אַז די גאַנצע שטאָדט האָט געלעבט פֿון זיין אָפֿענער האַנד. זינד דער גביר איז געשטאָרבען — קלאָגט דער שרייבער — איז בלאָטעוויקע געבליבען אַ ביטערע יתומה, „פֿנה זיוה, פֿנה הודה, פֿנה הדרה", און כלל ישראל האָט אָנגעוואָרען „זיין קרוין, זיין ציערונג און שטאָלץ".

דער רעדאַקטאָר האָט צוגעגעבען צום הספד אַ גאַנץ שטיק, מיט בלוטיגע טרעהרען דערצעהלט ער: אַז ער האָט זוכה געוועזען צו קענען דעם געשטאָרבענעם גביר „פנים אל פנים" און זעהען זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער האָט געטהון מיט לייטען. דעריבער איז ער, דער רעדאַקטאָר, מנדב פֿאַר דער ריינער כשר'ער נשמה פֿון ר' לייבעלע דעם בלאָטעוויקער גביר אַ ביימעל אין ארץ־ישראל...

און אויך איך האָב מיך דערמאָנט אַ מעשה, וואָס בעלייכט נאָך העלער און קלאָרער אַלע ר' לייבעלעס צדקות און מעשים־טובים. דאָס איז געוועזען, ווען די גאַנצע שטאָדט האָט מעהר ווי אַלע מאָל געשמאַקט מיט די ליפען, געשאָקעלט מיט די קעפּ

פֿון גרויס וואונדער אויף ר׳ לייבעלעס מעשים; דאָס איז געוועזען, ווען אין איין וואָך האָט ער צוטיילט: הונדערט רובל אויף „ישראל גוי׳ס״ געזינד, הונדערט רובל אויפֿ׳ן הקדש, פֿופֿציג רובל אויף דער חברה „לחם אביונים״, פֿופֿציג רובל אויף דאָס שטאָדטיגע „גמילות חסדים״ און פֿינף רובל אויף ר׳ מאיר בעל הנס — סך־הכל דריי הונדערט און פֿינף רובל, און דאָס אַלץ צוליעב דער נשמה פֿון ישראל גוי, דעם טרעגער, וואָס איז אין ר׳ לייבעלעס אויגען יוערט געוועזען... נאָר דאָס וויל איך אייך טאַקי דערצעהלען.

* * *

אין בלאָטעוועקע איז געוועזען נאָך אַ בעריהמטער מאַן — „ישראל גוי״, דער טרעגער.

אויף איהם האָט מען נאָך זיין טוידט קיין הספד נישט געמאַכט, קיין נעקראָלאָג נישט געשריבען, קיין רעדאַקטאָר האָט פֿאַר זיין נשמה גאָרנישט מנדב געוועזען; אויף זיין קבר שטעהט נאָר אַ דראַניצע. און דאָך האָט איהם די שטאָדט אַ צייט געדענקט, און תשעה באָב, פֿערביינגעהענדיג פֿאַר זיין קבר, האָבען זיך איינִיגע אָבגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ שמייכעל, גלייך זיי וואָלטען זיך צוגעקליבען זאָגען אַ גלייכוואָרטעל: „נישטאָ שוין ישראל גוי!״...

אין שטאָדט האָבען איהם קינד און קייט געקענט; ער איז געוועזען ביי אַלעמען אויף דער צונג. אַ יונגעל וויל נישט אָדער קען נישט לערנען, ישראל ווערט שוין דאָ דערמאָנט. „וואָס? ווילסט זיין ווי ישראל גוי? — מוסר׳ן דאָס יונגעל די עלטערן אָדער דער רבי — ווילסט זיין אַזאַ „חאַמרוק״ אַזוי ווי ער? זעהר שען!״ אַ גראָבען יונג האָט מען סתם מיט „ישראל גוי!״ געזידעלט. „אוי! אוי! ישראל גוי!״ פֿלעגט מען פֿערשעמען איינעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אַביסעל נישט יודישען כח. אַ שטאָדטיגער בעל־הבית, אַז איהם געפֿעלען נישט די נייע שטיוועל, שרייט צום שוסטער: „וואָס בין איך — ישראל גוי, וואָס? אַזעלכע „שטיוואַלעס״ קען איך נישט טראָגען!״

קליינע קינדער האָבען איהם ליעב געהאַט. ער איז געוועזען זייער שמשון, זייער גבור, פֿאַר וועלכען קיין זאַך איז נישט צו שווער געוועזען; וועגען איהם און זיינע גבורות האָבען זיי געהאַט

„טויזענד און אײן נאַכט" צו דערצעהלען. געהט ישראל גיך, איז אַ סימן, אַז ערגעץ־וואו האָט זיך עפּעס געטראָפען, און קינדער און לעדיגגעהער לאָזען זיך לויפען נאָך איהם און האָבען קײנמאָל קײן חרטה נישט; אין אַנדערן עק שטעדטעל איז אַ שרפה, אַ פערד איז געפאַלען אָדער אַרײן מיט'ן וואָגען אין אַ שרעקליכען זומפּ. דער טײך האָט זיך צעגאָסען און הײזער פערטרונקען אָדער אַ שטיק באַרג האָט זיך אָבגעריסען און פערשיט אַ פּאָר הײזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן באַרג — און ישראל לויפט ראַטעווען.

ישראל קריכט אין פײער, לעשט, האַקט. ברעכט, טראָגט אַרויס פון דער ברענעדיגער שטוב גאַנצע פּעק, און נישט אײנמאָל האָט ער מענשען געראַטעוועט.

ישראל קריכט אַרײן אין בלאָטע, שפּאַנט זיך אײן אין וואָגען גלײך מיט דעם פערד; אַרום זומפּ שטעהען לעדיגגעהער — שטעדטישע בעלי־הבתים און קלײנע קינדער און שרײען, און מאַכען מיט די הענד. און פײפען, און ישראל אַרבײט מיט אַלע כוחות, און דאָס פערדעל מיט דעם וואָגען זענען שוין מיט מזל אויף אַ טרוקען אָרט.

ישראל שפּרינגט אַרײן אין טײך, באָרעט זיך מיט די פונאַנדערגעשפּילטע וועלען און ראַטעוועט מענשען, ראַטעוועט דאָס ביסעל גוטס פון די אָרימע פערטרונקענע הײזער...

בײ דעם אָבגעריסענעם באַרג איז ישראל דער הויפּטגרעבער און ער איז דער ערשטער, וואָס דערגראָבט זיך ביז דעם פערשיטענעם הײזעל און דער ערשטער, וואָס שלעפּט פון דאָרטען אַרויס אַ „פערשאָטענעם נפש".

אין חלי־רע צײט האָט מען געזעהן ישראל'ן נאָר אומלויפענדיג; מען האָט ניט געוואוסט אין שטאָדט: ווען עסט ער, ווען טרינקט ער, ווען שלאָפט ער? דאָ האָט ער געריבען אַ חולה און געשטעלט איהם וואַרעמע פלעשער צו די פיס. דאָ האָט ער די שטוב גערײניגט, דאָ האָט ער שוין אַ טוידטען אָבגעהויבען.

ישראל'ן האָט מען קײנמאָל נישט געדאַנקט. און פאַר זײן בריה'שאַפט און מסירות־נפש — קײן מעדאַל נישט געגעבען. ישראל האָט געמוזט זײן וואו נאָר עפּעס אַ צרה. ווען ער וואָלט נישט געווען, וואָלט מען זיך שוין געוואונדערט און גערעכענט,

אַז מיט איהם האָט זיך עפּעס געמוזט טרעפען. און ישראל אַליין האָט נישט געוואוסט, אַז קריכען אין פייער, שלעפען אַ פערד פון זומפּ, שפּרינגען אין טייכען, רייבען אַ חלי־רע־קראַנקען איז אַ גרויסע קונסט און דערפאַר קומט אַ דאַנק.

פון ישראלʼן האָט מען נאָך געלאַכט, געוויצעלט זיך וועגען זיינע אָבגעברענטע האָר, אַרומגעסמאַליעטע באָרד און פּאות, וועגען זיינע גרויסע, גראָבע „שטיוואַליעס”, שטענדיג בעדעקטע מיט בלאָטע, וועגען זיינע שטענדיג צודראַפּעטע, צובלוטיגטע הענד.

— ישראל, עס ברענט! — שרייט אוים אין שוהל אַ ווילדער יונגערמאַנטשיק, אַנʼאיידעם אויף קעסט, ווען ישראל שטעהט און דאַווענט אַריבערגעדעקט מיטʼן טלית.

— ישראל, דער טייך האָט אויסגעגאָסען! — שלעפּט איהם נאָך איינער פאַרʼן טלית.

— ישראל, לויף נאָך דער באָבען! — וויצעלט אַ דריטער בעל־הבית מיטʼן טאָן פון אַ קינדבעטאָרען.

ישראלʼן האָט מען נאָך געʼרודףʼט, געזידעלט און דעם צונאָמען „גוי” געגעבען דערפאַר, וואָס ער האָט קוים דאַוונען געקאָנט; דערפאַר אויך, וואָס ער האָט קיין חלוק נישט געמאַכט צווישען יודען און קריסטען, צווישען שבת און וואָך און שטענדיג געאַרבייט ביי אַ שרפה, ביי אַ פערד...

אין שוהל האָט מען איהם פאַר אַ יודען נישט גערעכענט, קיינמאָל קיין עליה נישט געגעבען — צו דער תוכחה נאָר פלעגט מען זיך אָן איהם דערמאָנען. און ישראל איז קיין שבת נישט אַוועקגעגאַנגען פון שוהל אָהן אַנʼאורה, און אָפט טאַקי מיט צוויי; די שוהל האָט ער מעהר פאַר אַלעמען אויסגעהאַלטען מיט האָלץ.

די גבירים פון שטעדטעל האָבען איהם אפילו פיינד געהאַט: ישראל איז געווען, לויט זייער מיינונג, אַ „גרויסער עזות־פנים”, אַ שטיק שייגעץ, אַ „גראָבער יונג”. ער האָט זיי קיינמאָל קיין „גוט מאָרגען” נישט געזאָגט, קיינמאָל נישט געבויגען פאַר זיי דעם רוקען און אָפט אפילו אויסגעשפּיגען פאַר זיי.

נאָר דערפאַר איז ער געווען אַ שטאַרקער חשוב ביי די אָרימע הענדלערקעס, זיצערקעס, טרעגער, וועגעלפיהרער און מאַרק־

קעהרער ... יעדער פלעגט אויסגיסען זיין שווער הארץ פאר ישראל'ן, און ער, ישראל, פלעגט שטעהן און שטארק איינהערען זיך מיט א בעזע מינע.

— נו, נו. און וואס ווילנסט דו? — רעדט ער ביז ארויס און פערקרימט זיך, אז דער רעדער אדער רעדערקע צוווינט זיך — ווײנט! וואס ווײנסט דו? עס פעהלט אויס א פאר רובל? איז וואס ווײנסט דו? ווײנט! קום צו מיר פארנאכט, וועסט דו ביי מיר קאנען קריגען א פאר רובל. ווײנט! נאר עפעס — געווײנט!

פארנאכט, אז דער טרעגער אדער די הענדלערקע האט בעקומען ביי איהם דאס געלד און געבענשט איהם, וואס ער האט זיי פשוט א נייע נשמה אריינגעזעצט, פלעגט ער טענה'ן נאך זיינס:

— נו, און וואס האסט דו געווײנט? ווײנט! נאר עפעס — געווײנט...

דער ישראל, דער בעריהמטער מאן, מיט וועלכע בלא־טעוויקע האט געקלונגען, איז געוועזן, ווי מיר וויסען שוין, א טרעגער. פון דעם אליין האט ער זיך מפרנס געוועזן, נישט־האבענדיג קיין אנדער צופאל, און פון דער פרנסה האט ער זיין גאנץ לעבען געקליבען א קאפיקע צו א קאפיקע; ער האט זיך געוואלט פערזארגען אויף דער עלטער. ער טאר צו קיינעם נישט אנקומען, ער טאר פאר קיינעם נישט בייגען די פלייצע, איהם טאר קיינער נישט אויפווארפען „געבעטעלטען ברויט" — ער וועט זיך בעסער א טוידט מאכען, איידער צו לייטען אנקומען. ער האט געקליבען עטליכע צעהנדליג יאהר, נישט צעהלענדיג דאס געלד, פאר א סגולה וועגען, און קיינער, אפילו פון דעם הויז־געזינד, האט דער־פון נישט געוואוסט. נאר איינמאל אויף דער עלטער שוין, האט ער זיך פערשלאסען אין שטוב, ווען קיינער איז נישט געוועזן, און האט איבערגעצעהלט דאס געלד. ער האט מורא בעקומען צו האלטען דאס געלד ביי זיך אין שטוב — ער האט זיך אליין דער־שראקען, אז ער האט אנגעצעהלט דריי הונדערט ניין און צוואנציג רובל. ער האט מורא בעקומען פאר דעם יצר־הרע. ער האט אויף גיך גענומען דריי הונדערט רובל און אראבגעלאזען אין זיינע טיעפע ברייטע קעשענעס — ניין און צוואנציג האט ער צוריק אבגעלעגט אויפ'ן אלטען ארט — און איז אוועק צום גביר פון שטאדט.

— וואָס ווילסט דו? — פֿרעגט איהם דער גביר ברוגז'דיג און קנייטשט אָן דעם שטערן.

— אַ קליין טובה'לע... הייבט אָן ישראל אַריינלאָזענדיג די האַנד אין קעשענע, און הייבט אָן אויסשיטען פֿון דאָרט די פּאַפּירלעך אויפֿ'ן טיש.

— וואָס איז, וואָס? — זאָגט דער גביר אונצופֿריעדען און קוקט אויף ישראל'ס אַרבייט.

— אַ קלייניגקייט, טאַקי גאָר אַ קלייניגקייט... — שטאַמעלט ישראל אויסשיטענדיג דאָס געלד פֿון דער צווייטער קעשענע.

— אָט אָ דאָ — הויבט ער אָן מיט אַ פֿרעהליכען טאָן. ענדיגענדיג זיין מלאכה — אָט אָ דאָ איז מיין ביסעל אָרעמקייט, וואָס איך האָב אָנגעקליבען פֿאַר מיין גאַנץ לעבען, און דאָס וויל איך ביי אייך איינלעגען. דאָ איז דאָ דריי הונדערט רובעליעס, איך האָב דריי מאָל געצעהלט.

— מעהר קיין עסקים, הייסט עס, האָב איך שוין גאָרנישט! — זאָגט דער גביר ברוגז'דיג און גיט זיך אַ קעהר אַוועק צוגעהן — נאָך איבערצעהלען אַזאַ קופּע איינציגע פּאַפּירלעך. און נאָך צוריסענע, פֿערשמאָלצענע.

— ניין, איז ניין! — ענטפֿערט ישראל — וועל איך געהן צו ר' חיים'ן. ער האָט שוין געוואָלט צוריק אַריינשיטען דאָס געלד אין די קעשענעס, נאָר דער גביר איז שוין געשטאַנען נעבען טיש און האָט געצעהלט די פּאַפּירלעך מיט אַנ'אייגנעקנייטשטען שטערן, ווי איינער זאָגט: נאָר טובות און טובות!

יענעם טאָג איז ישראל זעהר פֿרעהליך געווען; די שטובינגע האָבען זיך געוואונדערט און נישט געוואוסט, וואָס איז מיט איהם אַזוינס די שמחה.

פֿיער יאָהר זענען אַריבער פֿון דעם טאָג. ישראל איז שוין געווען אונטער זיבעציג און האָט נאָך אַלץ געאַרבייט אין שטאָדט-זאַכען. נאָר ראַטעוועגדיג איינמאָל פֿון דעם פֿונאַנדערגעגאָסענעם טייך, האָט ער זיך פֿערקיהלט און בעקומען אַ ברעכעניש אין גאַנצען קערפּער. מען האָט איהם געשמירט, געריבען, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿען.

ער האָט אָנגעהויבען אויפֿבינדען די קניפּלעך, וועלכע ער האָט אָנגעמאַכט אין די לעצטע פֿיער יאָהר; מען האָט אָבגעגעסען אַ האַלב יאָהר פֿון גרײטען. אַז עס האָבען אָנגעהויבען אויסגעהן די קניפּלעך, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען פֿון בעט און איז אַוועק צום גביר אָנגעשפּאַרטערהײט אויף אַ שטעקען. דעם ווײַב האָט ער נישט געוואָלט זאָגען, אַז ער האָט נאָך דרײַ הונדערט „רובעליעס“.

און גאַס האָט מען איהם בעגעגענט מיט אַ „הורראַ!“ דערזעהענדיג, ווי דער אַמאָליגער גבור ריהרט קוים די פֿיס: ווײַסע חברה־ניקעס און לעדיגגעהער האָבען איהם אַרומגערינגעלט, געשלעפּט איהם פּאַר די פּאָלעס, געריסען איהם דעם שטעקען פֿון האַנד, נאָכגעקרימט איהם זײַן גאַנג.

— ישראל, אַ שרפה!

— ישראל, אַ פֿערד איז געפֿאַלען!

— ישראל, נאַ דיר צוואַנציג קאָפּיקעס, טראָג מיר אָב מײַן פּעקעל!

פֿון דער חברה שפּרינגט אײַנער אַרויף אויף ישראל׳ס אײַנגעבויגענעם רוקען און וואַרפֿט איהם שיער נישט אום.

די קרעמער און קרעמערינס פֿון גאַס האָבען געקוקט און געלאַכט.

ישראל האָט זיך פֿון די ווײַסע חברה־ניקעס נישט געקאָנט אָבשלאָגען. עס זענען צוגעלאָפֿען עטליכע טרעגער און זיצערקעס און האָבען אָנגעהויבען פֿונאַנדערטרײַבען זײ.

— אַוועק יונגאַטשעס! אַוועק ממזרים! מיר צושלאָגען אײַך די קעפּ! — האָבען זײ געשריען, נאָכלויפֿענדיג די קינדער.

— און איהר וואָס לאַכט? — האָבען זײ זיך געקרימט צו די קרעמער, קרעמערינס און לעדיגגעהער — נישקשה, אַז ער האָט אײַך אַמאָל געראַטעוועט פֿון אַ שרפה, האָט איהר דעמאָלט נישט געלאַכט פֿון איהם!...

אײניגע צוהערער האָבען זיך אַוועקגעדרעהט שווײַגענדיגערהײט, נאָר אײניגע זענען זיך צוגאַנגען אַרויסרעדענדיג: „אַ גרויסע זאַך, ישראל גוי!“

— אַ ודאי איז ער איצטער קײן גרויסע זאַך נישט — האָבען די זיצערקעס געשריען — אַז ער האָט געשלעפּט פֿון

חאַסער און פֿון פֿייער, איז ער דעמאָלט גראָד געווען אַ גרויסע זאַך!

און ישראל איז זיך געגאַנגען ווײַטער זײַן וועג, אויפֿ׳ן האַר־צען איז איהם געווען שווער און אונמוטיג.

— דאַנקען גאָט, וואָס איך דאַרף חאַטש צו קיינעם נישט אָנקומען! — האָט ער זיך געטרײסט און געהויבען די אויגען פֿול מיט טרעהרען צום הימעל.

— וואָס ווילסט דו? — האָט דער גביר געפֿרעגט מיט רוגזה, דערזעהענדיג איהם.

— מען דאַרף שוין אָנהויבען שלעפּען פֿון דעם געלד, וואָס איך האָב בײַ אײַך אײַנגעלעגט — האָט ער געזאָגט מיט אַנ׳אונמוטיגען שמײכעל.

— פֿון וועלכען געלד? — פֿרעגט איהם דער גביר שטאַרק פֿערוואונדערט, און טראַכט בײַ זיך: „אַקוראַט איצטער דאַרף ער האָבען דאָס געלד!”...

— ווי הייסט וועלכען געלד? — לאַכט ישראל — דאָס געלד, וואָס איך האָב בײַ אײַך פֿאַר פֿיער יאָהר אײַנגעלעגט...

— וואו איז דאָס צעטעל? — פֿרעגט איהם דער גביר ברוגז׳דיג און שטרעקט אויס צו איהם די האַנד.

„ניש׳קשה — טראַכט ער — ער וועט נישט אָנווערען אַנ־אַנדערס מאָל אָבנעהמען דאָס געלד.”

— וואָס פֿאַר אַ צעטעל? — וואונדערט זיך ישראל.

— אַ צעטעל פֿון מיר, אַז דו האָסט בײַ מיר דאָס געלד אײַנגעלעגט, המיר! — שרײַט אויס אומגעדולדיג דער גביר.

„מיט איהם נאָך עסק׳ן זיך!” — טראַכט ער מיט כעס.

— איהר האָט דאָך מיר קיין צעטעל נישט געגעבען, און איך האָב בײַ אײַך נישט געבעטען — שמײכעלט ישראל — אויף וואָס דאַרף איך אײַער צעטעל? און טויזענדער אָהן אַ צעטעל, וואָלט איך אײַך נישט געגלויבט? אַ סימן קאָן איך אײַך זאָגען, אַז די דרײַ הונדערט זענען געווען אַ סך פּאַפּירלעך און איהר...

— איך מוז דאָס בײַ זיך אין די ביכער אויפֿזוכען — רײַסט איהם איבער דער גביר — איך זאָל וויסען, ווען דאָס איז געווען און וויפֿיעל דו האָסט בײַ מיר אײַנגעלעגט. קום אַנ׳אַנדערס מאָל.

ער איז אַרויס פֿון צימער.

„די געשעפטען זײַנע װעלען זיך ניט שטעלען" — האָט ער געטראַכט.

ישראל האָט זיך אײַנגעשלעפּט אַ צורודערטער אהײם. ער האָט, חס וחלילה, ניט חושד געװען דעם גביר, אַז ער װיל בײַ איהם דאָס געלד אַרײַנחאַפּען, ער האָט איהם געגלױבּט, אַז ער האָט פֿערגעסען; נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז ער װעט זיך ניט אַזױ גיך דערמאָנען און דאָ װעט דאָס לעצטע ביסעל געלד אױסגעהען. אין דעם טאָג איז ישראל עלטער און קראַנקער געװאָרען.

ישראל איז געװאָרען אַנ׳אָפּטער אַרײַנגעהער צום גביר אין שטוב, נאָר יעדעס מאָל איז ער אַװעקגעגאַנגען מיט גאָרניט. דאָ שלאָפט דער גביר, דאָ עסט ער, דאָ זיצט בײַ איהם אַ פּריץ, דאָ איז ער עפּעס אַ חולה, דאָ איז בײַ איהם אַ קהל׳שע אסיפה און דאָ איז ער גאָר אָבגעפאָהרען אױף עטליכע װאָכען. אַז ער פֿלעגט איהם שױן אַמאָל טרעפען, פֿלעגט דער גביר אָנפֿאַלען אױף איהם מיט קולות:

— לאָז מיך צורוה! אַ מין העזה אַביסעל! זעהסט דאָך, אַז איך האָב קײן צײַט ניט!... — פֿלעגט דער גביר שרײַען.

„דוקא אָט איצטער האָט איהם אָנגעשפּאַרט דאָס געלד אָבּ־צונעהמען!" — האָט דער גביר מיט כּעס געטראַכט.

— װאָס שלעפּסט דו זיך אַרום צום גביר? — האָבען איהם געפֿרעגט דאָס הױז־געזינד, די טרעגער און די לעדיג־געהער.

— גאָרניט... אַזױ... אַזױ... ניט נאָך אַ נדבה... ניט נאָך אַ נדבה... – האָט ער געשטאַמעלט.

אײַנמאָל, נאָך זיבען חדשים אַרומשלעפּען זיך, איז ער אַרױס פֿון גביר מיט גאָרניט, נאָכדעם אַז דער גביר האָט זיך גוט אָנגעשריען אױף איהם. נעבען טהיר האָט איהם אָבגעשטעלט אַ לעדיגגעהער.

— װיִז װאָס פֿאַר אַ נדבה דער גביר האָט דיר געגעבען! — האָט איהם דער לעדיגגעהער געפֿרעגט.

ישראל האָט אױפגעהױבען זײַן בליק אױפ׳ן לעדיגגעהער, בע־קוקט איהם מיט גאוה פֿון אױבען ביז אַראָב, האָט אױסגעשפּיגען און אומגעקעהרט זיך צוריק צום גביר.

— דו ביזט וויטער דאָ? — האָט דער גביר אויסגעשריען — וואָס ביזט דו צוגעשטאַנען צו מיר ווי אַ פּיאַווקע?!

— הערט — האָט איהם איבערגעריסען ישראל מיט אַ ציטערדיגען קול — הערט, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב ביי אייך איינגעלעגט דריי הונדערט רובל... זאָגט מיר איצטער אָפען, ווילט איהר מיר אָבגעבען מיין געלד, צי נישט. ווילט איהר, מאַ גיט מיר זיי שוין אָב, ווילט איהר נישט, מאָ זאָל אייך גאָט העלפען... איך וועל שוין צו אייך מעהר נישט געהן... איך בין נאָך, לויב גאָט, קיינמאָל קיין בעטלער נישט געוועזען...

— וואָס זאָגסט דו אויפ'ן פּאַרך? ער איז נאָך ביי זיך אַ גרויסער מענש! — האָט דער גביר אַ לאַך געטהון, און איז אַרויס אין צווייטען צימער...

„יעצט וועט ער ערשט ביי מיר נישט אויספיהרען!" — האָט ער זיך געזאָגט מיט נצחון.

* * *

פאַרנאַכט איז געזעסען דער גביר מיט זיין הויז-געזינד ביי אַ פעטע וועטשערע, דערביי זענען נאָך געזעסען איינינגע שטעדטישע לעדיגגעהער און אַ מחבר, וואָס האָט געבראַכט צום גביר זיין ווערק, אויף וועלכען דעם גביר'ס געדרוקטער טיטעל האָט פערנומען פיעל שורות...

די טהיר האָט זיך געעפענט, און עס איז אַריין דער שמש פון חברה קרישא מיט אַ גרויסער פערזשאַווערטער בלעכענער פושקע.

— צדקה תציל ממות! — האָט ער גענעבען אַ קלאַפּ מיט איהר.

— ווער איז געשטאָרבען? — האָט מען געפרעגט.

— ישראל גוי! — האָט דער שמש געענטפערט.

דער גביר האָט זיך פלוצלונג געוואָרגען מיט'ן ביסען; ער האָט זיך פערהוסט, פערהליסניעט און קוים געהאַפּט דעם אָטהעם. אַז „ישראל גוי זאָל שוין נעהמען און שטאַרבען" האָט ער זיך גאָר נישט געריכט.

— מיט אַ מאָרגעם טויט איז ער עפּעס געשטאָרבען — דערצעהלט ווייטער דער שמש, אונטערטראָגענדיג זיין פושקע צו

דער גבירה — זיין ווייב איז געקומען, האט זי איהם געפונען אויף דער ערד נעבען קאמאר מיט א צושלאגענעם קאפ.

— האט ער זיך דאס אליין בכוון צעשלאגען דעם קאפ? — האט דער מחבר געפרעגט, און דער גביר האט אנגעקנייטשט דעם שטערן, און דאס האריץ האט איהם אנגעהויבען צו קלאפען.

— ע! — האט געזאגט דער שמש אוועקגעהענדיג — גאר עפעס! ישראל גוי וועט זיך מיט א כיון צושלאגען דעם קאפ! ער האט געמוזט אנגערן פאלען און צוקלאפען זיך אן קאמאר.

— א ודאי אזוי! — האט דער גביר געזאגט און אנגעהויבען פרייער צו אטהעמען. נאר ער האלט נאך אנגעקנייטשט דעם שטערן: ער ווייסט יעצט נישט, וואס זאל ער טהון מיט ישראל גוי'ס געלד? אויב זיין געזינדעל ווייסט פון „דער גאנצער געשיכטע", וועט ווערען א מאוס'ער סקאנדאל.

אויב זיי ווייסען נישט, פליהט איהם דורך אין קאפ. וועט ער די דריי הונדערט רובל צוטיילען אויף נדבות און טאקי פאר ישראל'ס נשמה.

א ווייַלע שפעטער איז ביי איהם שוין געבליבען צו שענקען נאך עפעס פון זיין אייגען געלד.

ער האט נאך פרייער אנגעהויבען צו אטהעמען; עס איז איהם אראב א שווערע משא, ער האט זיך גוט אויסגעהוסט און גענומען זיך ווייטער צום עסען.

— אראב שוין דער בזיון? ר' לייב! — פרעגט איהם איינער מיט חנופה.

ר' לייבעלע, אונזער גביר, שווייגט און שפארט אין מויל אריין א לעפעל נאך א לעפעל.

— אזוי, איז ישראל גוי געשטארבען! — האט איינער געלאכט — וואס וועט מען יעצט טהון אהן איהם ביי א שרפה?

— לאכט נישט! — האט דער גביר ערנסט געזאגט — ער איז געוועזן זעהר א נייטיגער מענש אין שטאדט... ער האט טאקי פיעל געטהון.

— די לעצטע צייט איז ער עפעס געוועזן א גאנץ אפטער אריינגעהער צו אייך — האט איינער געחנפ'ט דעם גביר.

— פֿון וואָס דען האָט ער געלעבט די לעצטע צײַט? —, האָט אַ צװײטער געענטפֿערט מיט אַ שאלה.

ר׳ לײבעלע האָט געמאַכט אַ נאַאיװע מינע פֿון אַ גרויסן ענו.

סֶדֶר נַאכְט פוּן בֶּעֶרְלִין

(דִי עֶראִינְעֶרוּנג פוּן אַ סטוּדעֶנט).

דאָס אִיז געֶוועֶן דִי עֶרשטעֶ סדר נאַכט אִין בעֶרלִין. אִיךְ האָב געֶוואָהנט אוֹיף דעֶם פִיערטעֶן שטאָק בַּיי אַנ'אַלטעֶר דייַטשקעֶ, נאָהעֶנט פוּן דעֶר שטאָדט-באַהן. יעֶדעֶס מאָל, ווען דעֶר צוּג אִיז פאַרבַּייגעֶלאָפעֶן, האָט בַּיי מִיר אַלעֶס אִין צִימעֶר געֶצִיטעֶרט, געֶטרייסעֶלט זִיךְ אוּן אוּנטעֶרגעֶטאַנצט: אוּן דעֶר צוּג אִיז אַלעֶ צווייַ מִינוּטעֶן, אָדעֶר אַלעֶ מִינוּט, אַ הִין אָדעֶר אַהעֶר געֶלאָפעֶן מִיט אִימפּעֶט. דאָס אייַנצִיגעֶ פעֶנסטעֶר פוּן מייַן נִיט גרוֹיסעֶן צִימעֶר אִיז אַרוֹיס צוּם הוֹיף, דוּרךְ דִי בעֶלייַכטעֶנעֶ פעֶנסטעֶר פוּן דִי וואָהנוּנגעֶן האָב אִיךְ געֶזעֶהן ווִי דִי אָרִימעֶ אַרבייַטעֶר-פאַמִיליעֶן זִיצעֶן אַרוּם דִי לאָמפּעֶן אוּן פאָרקעֶן זִיךְ, יעֶדעֶרעֶר מִיט אַ בעֶזוּנדעֶרעֶר אַרבייַט, מִיט אַנ'אייַזעֶרנעֶם געֶדוּלד פוּן אַ מאַשִינעֶ. אִיךְ בִּין דאַן געֶוועֶן פאַר דִי לעֶצטעֶ עֶקזאַמעֶנס, מעֶדעֶצִין האָב אִיךְ שטוּדִירט. נאָהעֶנט פוּן מייַן אַרבייַטס-טִיש אִיז געֶשטאַנעֶן אַ מעֶנשלִיכעֶר סקעֶלעֶט, וועֶלכעֶן אִיךְ האָב געֶלִיהעֶן בַּיי אַ פריַינד. אִיךְ האָב אוֹיף אִיהם אָפט געֶצעֶהלט דִי טרוּקעֶנעֶ בייַנעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן געֶוועֶן שמוּצִיג פוּן פִיעלעֶ פִינגעֶר, וואָס האָבעֶן זייַ בעֶטאַפּט. דִי צוויי שוואַרצעֶ לעֶכעֶר אוּנטעֶר דעֶם שטעֶרן בַּיי דעֶם סקעֶלעֶט, וואוּ עֶס זעֶנעֶן געֶוועֶן פרִיהעֶר אוֹיגעֶן, האָבעֶן אִין דעֶר דאָזִיגעֶר נאַכט מִיךְ בעֶזוּנדעֶרס אָנגעֶקוּקט. אִיךְ בִּין מִיעד אוּן מאַט געֶוועֶן פוּן לעֶרנעֶן אוּן חזר'ן. אִיךְ האָב אַוועֶקגעֶוואָרפעֶן מִיט פעֶרדרוּס דִי אַנאַטאָמִיעֶ. אִיךְ האָב זִיךְ אַוועֶקגעֶוואָרפעֶן אִין אַנ'עֶק פוּן סאָ-

פֿע און צוגעמאַכט די אויגען, איך האָב געוואָלט אַפּאָר מינוט אויסרוהען אין אַזאַ צושטאַנד. נאָכהער ווייטער נעמען זיך פֿאַר דאָס בוך און פֿאַר דעם סקעלעט. אין צימער איז געוועזן שטיל. איך האָב נאָר געהערט דעם טיק — טאַק פֿון אַלטען זייגער, וועלכער האָט געהריפּעט און געסקריפּעט, און ווי די ווירטהין מיינע, אין אַנדערן צימער, האָט געקייט דאָס עסען מיט איהר אַלטען מויל אָהן צייהנער. זי איז געוועזן שיין אַיך כמעט ווי אַ טרוקענער סקעלעט, נאָר די דאַגה וועגען דירה־געלד, ווען זי וועט לעבען, און קבורה־געלד, ווען זי וועט שטאַרבען, האָט איהר נאָך אַ ביסעל אויף די פֿיס געהאַלטען. דער סקעלעט ביי מיר אין צימער האָט, לכל הפּחות, אַ מעלה געהאַט: ער האָט געשוויגען, און מיט די לעבעדיגע אויגען האָט ער רוהיג געקוקט אויף אַלץ, וואָס איך האָב געמאַכט. דער נאָך לעבעדיגער סקעלעט, מיין ווירטהין. פֿלעגט שטאַרק בורטשען מיט איהר מויל אָהן צייהנער, ווען אַ פֿריינד־אַ כמודענט האָט מיך אַמאָל בעזוכט; בעזונדערס איז געוועזן פֿון איהר ניט אויסצוהאַלטען, ווען עס פֿלעגט מיך בעזוכען אַ סטודענטקע, אָדער אַ קאָנסערוואַטאָריסטקע, בכלל אַ ווייבליכע פּערזאָן. זי איז געוועזן פֿול מיט חשדים געגען יונגע לייט, און האָט זיי ניט געגלויבט אויף איין האָר. זי האָט געוואָלט האַלטען, ווי זי פֿלעגט זאָגען, ריין איהר הויז. צוליעב דער בורטשאַדלע האָבען מיך אויפֿגעהערט מיינע פֿריינד און פֿריינדינען צו בעזוכען.

עס איז מיר שווער געוועזן אויפֿ'ן האַרצען, עפּעס אומעדיג. איך האָב מיך מיט האַסט פּלוצלונג אויפֿגעהויבען פֿון סאָפֿע און גענומען שפּרייזען מיט גרויסע טריט איבער'ן צימער, וועלכעס איז געוועזן שמאָל און לאַנג. שפּרייזענדיג איז געפֿאַלען מיין בליק אויף דעם בריעף, וואָס איז געלעגען צווישען די ביכער און צייטונגען אויף דעם טיש. איך האָב זיך דערמאָנט, דאָס איך האָב איהם נאָך נישט דורכגעלעזען ווי געהעריג, האָטש ער איז נאָך גאַנץ פֿריה אָנגעקומען. מיין קאָפּ איז געוועזן אַזוי פֿערנומען מיט דער באַצילען לעהרע, מיט די קליינע, געפֿעהרליכע מזיקים. דער בריעף איז געוועזן פֿון מיינע עלטערן, וועלכע לעבען אין אַ קליין שטעדטיל אין דער ליטאַ.

איך האָב גענומען דעם בריעף לעזען איבער אַ נייעס, ער איז

געוועזען פֿול ליעבע, צערטליכקייט און זאָרג וועגען מיר. דער בריעף האָט זיך געענדיגט מיט די דאָזיגע ווערטער: „מיר דאָבען, ליעבער זוהן, גענוג צער, וואָס דו קאָנסט נישט קומען אויף יום-טוב. עס וועט ביי אונז זיין אַ פֿערשטערטער סדר. שוין אַכט פסח'ן זענען מיר אָהן דיר, טייערעס קינד, צו די סדרים געזעסען. גענוג טרערען וועלען מיר פֿערגיסען, וואָס דו ביסט ניט מיט אונז. גענוג וועט דיר שוין זיין צו שטודירען. אונזער דאָקטאָר האָט אַ העלפֿט פֿון דיר אויך ניט געשטודירט. אַלץ האָט דאָך אַנ'עק, אַ סוף, און דיין לערנען איז גאָר אָהן אַ סוף. גאָט זאָל אויף דיר רחמנות האָבען און זאָל דיך בשלום אַריבערטראָגען די עקזאַמענס, און לאָז שוין זיין אַרין מיט מזל און ברכה. דיינע עלטערן, וואָס ווינשען דיר אַ כשר'ן, אַ פֿרעהליכען פסח...“

און איך האָב גאָר פֿערגעסען, דאָס היינט איז דער ערשטער סדר. מיין צימער איז מיר אונערטרעגליך געוואָרען. איך האָב גיך זיך אָנגעטהון, און בין אַראָבגעלאָפֿען די טרעפּ. וואוהין איגענטליך בין איך געלאָפֿען, האָב איך אַליין אויך ניט געוואוסט. איך האָב געוואָלט אויסזוכען אַ בעקאַנטע פֿאַמיליע, וואו מען ריכט אָב אַ סדר, אָבער עס איז מיר ניט איינגעפֿאַלען אַזאַ פֿאַמיליע. די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב שטודירט אין בערלין, האָט מיר, דעם אמת זאָגענדיג, דער סדר ניט געפֿעהלט, דאָס הייסט, איך האָב ניט געבענקט נאָך איהם, די לעצטע יאָהרען פֿאַר מיין אַוועקפֿאָהרען פֿון די עלטערנס הויז האָט מיר דער פסח, צווישען אונז רעדענדיג, ניט וועניג דערעסען. עס איז גאָר קיין לייכטע זאַך געוועזען אויסצושטעהן און אויסצוהאַלטען דעם גאַנצען שטרענגען, שווערען פסח-רעזשים. ווי די ליעבע עלטערן האָבען איהם איינגעפֿיהרט ביי זיך אין הויז.

איצט האָט מיר עפּעס אַלעס גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן. עס האָט אין מיר עפּעס פּלוצלונג אַלעס זיך אומגעדרעהט, איבערגעקעהרט. עס איז מיר אַזש נאָר היים געוואָרען. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק נאָהענט פֿון שטאָדט-באַהנהאָף סאַוויניען-פּלאַץ. דער הימעל איז געוועזען אויסגעשטערנט. אויבען דאָרטען, וואו די בלויע דעקע איז בעשפּריצט מיט די פֿונקעלדיגע זילבערנע פּינטעלעך, איז געוועזען שטיל, רוהיג. אונטען אָבער, וואו איך בין געזעסען, האָט געקאָכט. די ציגינע זענען ווי די טמוולאָנים געלאָ-

פֿון אַהין און אַהער, יעדער צוג מיט אַכט בעלייכטעטע וואַגאָנען, פֿון באַהנהויף זענען אַלע פֿאַר מינוטען מענשען קופּקעסייז אַרויסגעשטרעמט און פֿרישע — אַריינגעגאַנגען. געגען מין באַנק, וואו איך בין געזעסען, איז געשטאַנען דאָס קליידער־מאַגאַזין פֿון דעם הערר לעווי, און דאָס קויפֿהויז פֿון הערר כהן. ביידע זענען געווען שטאַרק עלעקטריש בעלייכטעט, אין די אויסשטעלונגען פֿון זייערע פֿענסטער זענען געווען קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך פֿערשטעקט אונטער געקינסטעלטע בלומען. אַלע אַרט הויזען שלייקעס, קראַוואַטען, מאַנישקעס, קראַגענס, אַלע אַרט צאַצקעליך און פֿון פֿינטער־פּלושקעס האָבען אַרויסגעקוקט מיט העזה פֿון די גרויסע שויבען, וואו הויפֿענס מענשען זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט. פֿון די בעלייכטעטע העלע פֿענסטער האָב איך געזעהן, דאָס די צוויי יודישע מאַגאַזינען זענען געשטאָפּט מיט קונים. עס איז דער אָנהייב פֿון זומער סעזאָן, דער עולם קויפֿט לוסטיג. הערר לוי און הערר כהן, איך זעה זייערע געזיכטער פֿון די פֿענסטער, זענען איצט מעהר בעשעפֿטיגט, זייערע אָבגעגעסענע פֿערשמאָלצטע, אָבגעגאָלטע פּנימער, מיט די אויסגעביגענע גרויסע פֿליישיגע נעזער, זענען איצט בעדעקט מיט שווייס. זיי זענען זעהר צופֿרידען, זיי פֿרעגלען זיך גאָר פֿון נחת, און ווייזען אַרויס זייערע קונים אַ זיסע, ליבענסווירדיגע מינע. זיי ליגט גאָרניט אין דער לינקער פּיאַטע, דאָס איצט איז דער ערשטער סדר. קיינער פֿון זיי טראַכט גאָר ניט איבער דעם נס פֿון יציאת־מצרים. זיי קלערען פֿיעל מעהר ווי צו פֿערגרעסערען זייערע געשעפֿטען און ווי צו קאָנקורירען מיט ווערטהיימער און טיץ. נעבען מיר אויף דעם פֿרייען פּלאַץ, האָבען אַ מאַסע קינדער געשפּיעלט,—עס איז געווען אַ שענער וועטער, די לופֿט וואַרים און ווייך, — אונטער זיי פֿיעל יודישע קינדער. איך האָב זיי דערקענט נאָך זייערע שוואַרצע געקרייזעלטע הערלעך, נאָך זייערע לעבעדיגע, פֿיעל שפּרעכענדע אייגעליך און נאָך די האַסטיגע בעוועגונגען. די אַלע קינדער, די קריסטליכע און די יודישע האָבען אַלע צוזאַמען געזונגען: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס“ און דאָס קינדער־ליעד: „דאָרנרעזכען וואַר איין גוטעס קינד...“ און אַזוי ווייטער...

וואו פֿיער קשיות, ווען פֿיער קשיות! קיין הגדה, קיין סדר, קיין נסים, קיין יום־טוב. קאַלט איז מיר געוואָרען. איך בין

אַרײַנגעגאַנגען אין דאָס נאָהענטסטע קאַפֿע הויז. איך האָב דאָרטען געפֿונען זעהר פֿיעל רוסיש־יודישע סטודענטען (זיי וואָהנען אין דער געגענד מאָסענווײַז). אַ געפּילדער, אַ געשריי. מײַנע קאָלעגען בעשפּרעכען לויט, ווי זייער מנהג איז, די גבורות פֿון די בורען, און ריהמען זייער ליעבע צו פֿרײַהײַט. אַנדערע פֿון מײַנע קאָלעגען אַמפּערן זיך, ווער איז גרעסער: טשעכאָוו אָדער גאָרקי. אין אַ ווינקעל זענען געזעסען רוסיש־יודישע סטודענטען און האָבען מיט גרויס התפּעלות איבערגעקײַט די לעצטע רעדע פֿון קלאַרא צעטקין און געמאַכט אויף איהר פּירושים. קײנעם פֿון זיי איז אײַפֿ'ן זינען ניט אַרויף, אַז איצט זיצען אַלע גלויביגע יודען, אויך זייערע עלטערן, צום ערשטען סדר און דערצעהלען דעם נס פֿון יציאת מצרים. עס איז דאָ אַלעס אַזוי וואָכעדיג, אַזוי פּראָזאַאיש און אַלטעגליך, דאָס עס איז צום דערשטיקען. אײביג די ויכּוחים וועגן אַ ברעג, ויכּוחים איבער זאַכען, וועלכע אין גרונט גענומען געהט זיי וועניג אָן. יעדערער פֿון זיי שרײַט און היצט זיך, — חאָטש דאָס הארץ איז קאַלט, — ווי זאָל מען ברענגען די גאולה פֿאַר דער מענשהײַט און וועלכע גאולה איז בעסער. עס איז זעהר מעגליך, דאָס עס זענען פֿאַרהאַן דאָ אין קאַפֿע־הויז אויך אַ פּאָר סטודענטען און סטודענטינען, וועלכע בענקען שטילערהײַט נאָך דעם סדר, נאָך דאָס עלטערנס הויז, אָבער זיי שעמען זיך צו רעדען דערפֿון, מען זאָל זיי ניט אויסלאַכען.

גרויסע, שענע טרוימען, אָבער ווי קלײן, ווי אָרים זענען פֿיעל פֿון די טרוימער, די טרוימער זענען צו ניכטער, צו פּראַקטיש און ערוואַכען גיך. דער אמת איז, דאָס פֿיעלע פֿון זיי זאָגען נאָר דאָס זיי טרוימען. אָבער דאָס איז ניט זייער חלום, זיי דאַכט זיך נאָר דאָס זיי טרוימען.

פֿערטיעפֿט אין אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען האָב איך זיך פֿערזונקען אין ערינערונגען. עס איז לעבעדיג געוואָרען אין מײַן זכּרון אַ סדר נאַכט אין מײַנע קינדערשע יאָהרען בײַ די עלטערן אין הויז:

ריין און ציכטיג, חיות און פֿערגניגען איז געווען אין אַלע ווינקעליך. אַלעס איז געווען אויסגעפּוצט, אויסגעשײַערט און אַלעס האָט געפֿינקעלט ווי שפּאָגעל ניי. אומעטום פֿרישע, ווײַסע וועש, נײַע כּלים און אויף אַלעמען נײַע קלײדער. דער שנײַדער האָט זיי

געבראַכט אַ האַלבע שעה פֿאַר ליכט-בענטשען. אין האַרצען, טיעף אין דער זעלע, איז איך געוועזען עפּעס אַלעס ניי, אַלעס פֿריש, קלאָר, ליכטיג, ווי די זיעבען ליכט אין די אויסגעשייערטע מעסענע לייכטער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם שניי-ווייס געדעקטען טיש. דער פֿאָטער — אַ מלך, די מוטער — אַ מלכה. און איך בין געוועזען אין מיינע אויגען אַן'עכטער פּרינצעל, אַ גאַנצער בן-מלך. איך האָב געפֿיהלט מיט אַלע גליעדער, מיט אַלע נערוועען, דאָס איך בין פֿריי ווי אַ פֿריי פֿייגעלע: קיין מלמד, קיין הדר, קיין יאָך. איך און דער פֿאָטער זיצען מיר זיך ווי די מלכים אָנגעשפּאַרט אויף ווייכע, וואַרימע, ווייסע בעדעקטע קישען. די געמאָלטע און בעגולדעטע כּוסות, גרויסע און קליינע, זענען אָנגעפֿילט מיט רויטען ווין. דער פֿאָטער אין אַ ווייסען ברייטען קיטעל, מאַכט קידוש מיט אַ קלינגענדיגען זינגענדיגען קול, עפּעס מיט ברייטקייט און שטאָלץ. געלאַסען און זיס בעטאָנט ער די ווערטער: „אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן“, און איך פֿרעה מיך אין האַרצען, און האָב שטאַרק הנאה, וואָס איך בין געבאָרען אַ יוד.

ווי שען, ווי פּראַכטפֿאָל האָבען אויסגעזעהן אין מיינע אויגען די טעלער מיט די צוגערעקטע מצות! ווי געהיימניספֿאָל די גאַנצע צערמאָניע! דאָס איי, דער מרור, די זרוע, דאָס כּרפּס, חרוכת און חורת זענען געוועזען אין מיינע אויגען ניט אַבי גלאַט אַנ'איי, סתם מרור אָדער כּרפּס. ניין, יעדער זאַך דאָרטען האָט אויף עפּעס מרמז געוועזען און געהאַט אַ טיעפֿע בעדייטונג. אויסער דעם פּראָסטען פּשט האָט עס אויך אַ סוד געהאַט.

עס ווערט שטיל ביי'ן טיש. דער פֿאָטער זיצט ערנסט. די מוטער שיינט פֿון נחת און קוקט אויף מיר מיט גלענצענדע אויגען. איך זעה, איך פֿיהל, דאָס איהר ווילט זיך מיר אַ קוש געבען, נאָר מיט גרויס מיהע דערשטיקט זי אין זיך דעם קוש, וואָס רייסט זיך פֿון איהרע ליפּען. און איך פֿרעג מיט אַ היל-קלינגענדיגען קול'כעל די פֿיער קשיות: מה נשתנה הלילה הזה.

און דער פֿאָטער ענטפֿערט מיט ערנסט: „עבדים היינו...“ פּונקט ווי ער האָט מיינע פֿיער קשיות צום ערשטען מאָל געהערט, גאָר אונערוואַרטעט, און פּונקט ווי ער ענטפֿערט מיר איך אַ חידוש, וואָס איז איהם איצט איינגעפֿאַלען. אַך, ווי גליקליך האָב

איך מיך געפֿיהלט, דאָס גאָט האָט אונז אַרויסגעצויגען פֿון מצרים „מיט אַ שטאַרקע האַנד און מיט אַן'אויסגעשטרעקטען אָרים". ווען ניט דער אײַבּיגער וואָלט איך דאָך נאָך איצט אויך געוועזן אַ קנעכט אין מצרים, געשלעפּט לײַהם און ציגעל און צו פֿערבײַסען נאָך געקראָגען קלעפּ פֿון די שוטרים אויף וואָס די וועלט שטעהט.

איך דערמאָן מיך וויפֿיעל פֿרייד, פֿערגניגען און התפּעלות האָבּ איך געשעפּט פֿון דער מעשה מיט רבי אלעזר בן עזריה. ער איז געוועזן אַלט סך הכּל אין גאַנצען אַכצעהן יאָהר, ווען מען האָט איהם אויפֿגענומען פֿאַר אַ נשיא. און ווײַל יעדערער האָט דאָך געקענט לאַכען און זאָגען: „אויך מיר אַ נשיא, אַ יונג בּחור'ל". האָט גאָט אַ נס געמאַכט, און אין איין נאַכט איז בּײַ איהם אויסגעוואַקסען אַ לאַנגע ווײַסע בּאָרד, און ער האָט אויסגעזעהן ווי זיבּציג יאָהר. דערפֿאַר שטעהט: „הרי אני כּבן שבעים שנה", איך זעה נאָר אויס ווי 70 יאָהר, אָבער אין גאַנצען בּין איך 18 יאָהר. אַך ווי מיר האָט זיך געוואָלט אַזאַ נס: אין איין נאַכט זאָל בּײַ מיר אויסוואַקסען אַ לאַנגע בּאָרד. עפּעס אַ מחיה אַ לאַנגע, ווײַסע בּאָרד.

מיר האַלטען אין דער הגדה בּײַ די אַרבּעה־בּנים. ווי איך קום צו דעם „רשע מה הוא אומר"... הויבּט זיך בּײַ מיר דער קינדערשער קולאַק. עס ווילט זיך מיר אויסבּרעכען דעם רשע די צייהנער. אַך דו, רשע איינער, דו מנוּל, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין לשון: „מה העבודה הזאת לכם?" וואָס הייסט דאָס „לכם"? און דו, לײַדאַק, בּיזט דען קיין יוד ניט? איך בּין מלא־חימה, איך וואָלט איהם אין שטיקער צורײַסען.

אָבער מײַן קינדערשער כּעס ווערט גיך פֿערוואַנדעלט אין לאַכען: איך האַלט שוין בּײַ'ן „ושאינו יודע לשאול" אָט איז אַ מין לעמעשקע, אַ מין חמור, ער ווייס גאָר גאָרניט, פֿרעג איהם כּחרם וואָס איז פּסח. איך מאָל איהם מיר אויס מיט אַן'אָפּענעם מויל, מיט גולם'שע אויגען און מיט לאַנגע אויערן, פּונקט ווי חנ'קע לויבעס.

אָך, מיט וואָס פֿאַר אַ טעם, ווי נאַאיוו און אונשולדיג האָב איך געצעהלט מיט דעם פֿאָטער די חסרים, וואָס גאָט האָט מיט אונז געטהון. און נאָך יעדער טובה, מיט פֿרייד אויסגעשריגען „דיינו!"

עפּעס גאָר אַ קלײניגקײט: גאָט האָט דעם ים געשפּאָלטען פֿאַר אונז, און מיר געהען אַריבער אין דער טריקעניש. דאָס איז געװען אין מײנע אױגען אַזױ, װי איך אַלײן װאָלט אַריבערגעגאַנגען דעם ים. אױך מיר אַ קונץ בײ גאָט דעם ים צושפּאַלטען... איך זעה װי פּרעה און זײנע רײטער װילען אונז חאַפּען און װי זײ לױפען מיט אימפּעט נאָך אונז... און דאָ — טװק: דער ים קעהרט זיך אום, און זײ אַלע: — ... עפּעס גיט מיר אַ שטאָך אין האַרצען, עפּעס אַ רחמנות. דאָך מענשען. איך פֿערטרײב מיט געװאַלד דאָס שרעקליכע בילד פֿון מײנע קינדערשע אױגען.

איך פֿרעה מיך שױן, װי די יודען האָבען פֿערציג יאָהר אין דעם מדבר מיט אײן מן געלעבט. מ'איז אױפֿגעשטאַנען פֿריה און מען האָט דעם מן פֿאַרטיג געפֿונען אױפֿ'ן פֿעלד, און װאָס פֿאַר אַ טעם מ'האָט געװאָלט האָט מען געפֿיהלט אין דעם מן. קלײדער, שיך האָט מען ניט בעדאַרפֿט נײהען, װאָרום פֿערציג יאָהר האָבען זײ זיך גאַנץ געהאַלטען. ניט געריסען זיך און ניט צופֿױלט. עס איז געװען אַ לעבען, קײן זאָרג, קײן קאָפּדרעהעניש און מ'האָט ניט געדאַרפֿט װי דער פֿאָטער איצט זוכען די חיונה, און נײהען מיר אַלע װײלע שיך און הױזען.

דאָס איז נאָך װעניג געװען, האָט אונז גאָט געשײנקט נאָך זײן בעסטע מתּנה, דעם הײליגען שבת, אַ קלײניגקײט שבת מיט אַלע זײנע פֿערגניגונגען.

שבת...

עס קומט מיר איצט, אין בערלין, פֿאַר דער הײליגער שבת װי אַ לאַנג פֿערשװאונדענער זיסער חלום, װי אַן אױסגעדאַרטע, אױסגעטריקענטע בלום, װעלכע האָט פֿערלאָרען איהר פֿאַרם איהר פֿאַרב, און איהר ריח...

װײטער: װען גאָט װאָלט אונז נאָר דעם שבת אַלײן געגעבען... איך האָב זיך דאַן אַלס קינד גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלען, װי װאָלטען מיר געלעבט, װי װאָלט מען איבערהױפּט געקאָנט עקסיסטירען אָהן די תּורה, װי איך קאָן מיר זיך איצט ניט פֿאָרשטעלען, דאָס מען קאָן לעבען אָהן לונג און לעבער.

איך דערמאָן מיך, װי געגען האַלבע נאַכט פֿלעגט מען עפֿענען די טהיר פֿאַר אליהו־הנביא, און דער פֿאָטער פֿלעגט זיך

בכבוד אויפהויבען און אויסרופען א ברייטען ... „ברוך הבא!" אמת איך האב אליהו הנביא מיט די אויגען ניט געזעהן. אבער דאך האב איך געפיהלט מיט אלע אברים, דאס ער געהט אריין אין שטוב, דאס זיין לאנגע, ווייסע, ווייכע באָרד ריהרט אן דעם טיש. וואו ער נעהמט זיין כוס. איך האב געפיהלט זיין ליעבען, ווייכען, מילדען בליק, וואס פאלט אויף מיר פון זיינע שטראהלענדע קלארע אויגען. אנ'אנגענעהמער שויער פלעגט דורכלויפען און זיך פונאנדערגיסען אין אלע גליעדער. איך פלעג פיהלען ווי אליהו הנביא ברענגט מיט זיך אין שטוב דעם אטהעם פון א גאנץ אנדער וועלט, פון א פיעל בעסערער, ריינערער און הייליגערער, פון א וועלט, וואו עס זענען נאר מלאכים, נשמות אהן קערפער און אנ'אייביג געזאנג.

אך ווי שטארק איך האב דאן אין אלעס געגלויבט. אך וואס פאר א שענע, וואונדערבארע, צויבערהאפטע סדר-נאכט דאס איז געוועזען אין די קינדער-יאהרען!

איך האב פלוצלונג ערוואכט פון מיינע ערינערונגען. אייגער פון מיינע קאלעגען איז צו מיר צוגעגאנגען און האט מיך געפרעגט, ווען געה איך צו די לעצטע עקזאמענס. איך האב זיך דערמאנט, דאס מארגען איז עקזאמען, דער יום-הדין. און איך זיץ דא אין קאפע הויז. איך האב געהאפט מיין הוט, און בין גיך ארויסגעלאפען.

די גאנצע שטערען-וועלט האט מיר דרויסען אויסגעוויזען ווי א סקעלעט פון שטערען אהן לעבען, אהן זעלע. מיין הימעל איז לעער געווארען, גאט איז פערשוואונדען, איך האב איהם געוואלט זוכען, ענטדעקען איהם. איך האב געפיהלט, ווי שווער עס איז צו לעבען אהן גאט, אהן מלאכים, אהן אליהו-הנביא, אהן וואונדער, אהן א הנ"ך אין צימער. געהענדיג אין גאס, האב איך געזעהן, ווי די שטערן פאלען עפעס גיך אין א טיעפען אבגרונד פון פינסטערניש. וואוהין פאלען זיי? וואס איז דער צוועק פון דעם טשוגענעם שטערן-טאנץ. וואס וועט זיין, ווען דער גרויסער וועלט-סקעלעט וועט צושאטען ווערען, די זון וועט פערלאשען ווערען? ניין, עס מוז דאך געבען א נשמה אין דער וועלט. מיט א פאר מינוטען האב איך זי, דאכט זיך, געפיהלט... איך האב

זיִ ווייַטעָר געָוואָלט פֿיִהלעַן, אָבעֶר איֵין געָדאַנק האָט מיִר קײַן רוהעָ ניִט געָגעֶבעָן און געֶטויט איִן מיִר אַלעָ אַנדעָרעָ געָדאַנקעַן.

דעָר געָדאַנק איִז געֵוועָן: מאָרגעֶן איִז עָקוּמעָן, און איִך ווייס נאָך ווייִניג וועָגעָן דיִ באַציִלעָן...

די סדר-נאַכט אין געפענגניס.

פאַר פיעל יאָהרען איז דאָס געוועזען.

און דאָס אַלעס, וואָס איז געוועזען און וואָס איך וויל דערצעהלען, לעבט אין מיין זכרון, פונקט ווי דאָס וואָלט מיט מיר היינט אין דערפריה פּאַסירט.

איך בין „געזעסען אין חד-גדיא". דעם פירוש פון דעם „חד-גדיא" דאַרף איך אייך דאָך ניט זאָגען, און געזעסען בין איך, ניט פאַר אייך געדאַכט, טאַקי ווי עס דאַרף צו זיין: גאַנץ אַליין איינגעריגעלט אין אַ קליין קעמערל, און אַ „פּעטער" האָט מיך געהיט אויף יענער זייט טהיר ווי דעם שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג.

איך בין געחאַפּט געוועזען, פערשטעהט איהר מיך, אין יענע מעשה. איהר ווערט שוין אַליין וויסען, אין וועלכע מעשה מיינט מען דאָ, אָהן די ל"ב פירושים.

ווי אין אַ תהום בין איך געוועזען פערזונקען, ווי לעבעדיג בעגראָבען. דאַן זענען געוועזען גאַנץ אַנדערע צייטען, און גאַנץ אַנדערע גזרות און מנהגים האָבען געהערשט אין די ליעבע „גאַסט-הייזער". פיעל חדשים זענען פערגאַנגען, איינער נאָך דעם אַנדער'ן, און איך האָב די צייט-רעכנונג פערלאָרען. קיין לוח האָב איך ביי זיך ניט געהאַט, אויך קיין מוטערלעבעדיגע פּערזאָן האָט מען צו מיר אויף בעזוך ניט צוגעלאָזען, צייטונגען און בריעף האָט מען מיר קיינמאָל ניט איבערגעגעבען. און „קונצען" זענען דאַן און דאָרטען ניט אָנגעגאַנגען. איך בין געוועזען דער פּאָליטישער „בן-יחיד" אין דעם גאַנצען געפענגניס-הויז. אַ בן-יחיד ביי אַ רייכען טאַטען איז פיעלייכט ניט שלעכט (איך אַליין האָב דאָס קיינמאָל ניט פערזוכט)

אָבער קיין יוד זאָל ניט וויסען, וואָס הייסט דאָס צו זיין אַ פּאָליטישער „בן=יחיד” און אַ פּראָווינציעלען געפֿענגנים=הויז. ס'איז נאָך צו בעמערקען, דאָס דער בעל=הבית (נאַדזיראַטעל) פֿון מיין אכסניא איז געוועזען אַנ'איבערגעקייקעלטער פּאָליאַק: אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך געשמד'ט איף אַ „פּראַוואָסלאַוונעם”. איהר ווייסט וואָס דאָס הייסט? הלואי זאָלט איהר דאָס ניט וויסען. מיר ליעגט דער טעם פֿון דעם דאָזיגען פֿיינעם בעל=הבית'ל, וואָס האָט מיך געפּייניגט און געקוועלט יעדען טאָג.

און אַזוי איז אַ גאַנצער ווינטער פֿאַר מיר, אין מיין האַלב=פֿינסטערער און קאַלטער לאָך, פֿאַראיבערגעגאַנגען. מיין איינציגער פֿריינד און טרייסטער אין מיין עלענד און איינזאַמקייט איז געוועזען אַ קליינער תנ"ך'ל. דאַן און דאָרטען ערשט האָב איך אָנגעהויבען פֿיהלען און בעגרייפֿען דעם טעם און די טיעפֿקייט פֿון אונזערע נביאים. אין דער טיעפֿער און אין דער פֿורכטבאַרער איינזאַמקייט פֿון מיין קעמערל האָב איך ערשט אָנגעהויבען צו פֿיהלען די בעהאַלטענע אייביגע מוזיק און דעם אינערליכען ריטמוס פֿון דער העברעאישער שפּראַך.

און בעפֿריינדענדיג זיך אַזוי מיט דעם תנ"ך, בין איך ווירקליך אויסער דער צייט, אָדער העכער פֿון איהר געשטאַנען. און אַזוי אָהן אַ לוח, ניט=וויסענדיג יעדען טאָג „דער וויפֿיעלטער און דעם וויפֿיעלטען” איז דאָס, האָב איך אָנגעהויבען פֿיהלען אין מיין אָבגעשלאָסענעם טונקעלער=טונקעלען קעמערל, דאָס דער פֿריהלינג גיעבט שוין שוואַכע צייכען פֿון זיין אָנקומען.

איך האָב דאָס אָנגעהויבען פֿיהלען אין אַלע גליעדער פֿון מיין קערפּער און טיעף אין דער נשמה. דאָס שטיקעל הימעל, וואָס איך האָב געזעהען פֿון מיין פֿענסטער'ל, האָט אָנגעהויבען בעקומען אַנדערע פֿאַרבען און אַנדערע וואָלקען=קליידער; ער איז אויך געוואָרען עפּעס ווי נערוועזער, קוועקזילבער'דיגער. עפּעס האָט דאָרט, אין הימעל, אָנגעהויבען וואָס צו געשעהען, וואָס צו געבאָרען ווערען און וואָס פֿרעהליכער און לעבעדיגער צו ווערען. די קיהלע, אַנגענעהמע ווינדטלעך, וועלכע האָבען זיך אַריינגעגנב'עט צו מיר דורך די צובראָכענע שויבען אין מיין פֿענסטערל, האָבען מיר אויף זייער לשון דערצעהלט, שושקענדיג=געהיים, שטילע, האַלב=פֿרעהליכע בשורות פֿון דעם נאָהענטען, אָט באַלד=באַלד

אָנקומענדיגען פֿריהלינג. די ווינציגע קולות, וועלכע זענען צו מיר דערגרייכט פֿון דרויסען, האָבען מיר געבראַכט שטיקלעך אָבגע־ריסענע ריפֿמען און ריטמען פֿון דעם נייעם ליעד, וועלכעס האָט געשוועבט און געציטערט איבען אין דער לופֿט. עס האָט זיך שוין געהערט אין דער לופֿט, אין דעם שוואַכען פּיפּסען פֿון די פֿייגעלעך, די אָבקלאַנגגען פֿון דעם פֿריהלינגס „שיר־השירים“.

עפּעס האָט זיך געפֿיהלט, דאָס אומעטום, דרויסען און אינ־ווענינ, שפּראָצט אַ נייעס, פֿרישעס לעבען. עס איז אַלעס איז גע־ווען ווי אָנגעשפּאַנט, וואַרטענדיג, האָפֿענדיג, דאָס אָט־אָט קומט די גאולה פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

* * *

און אין אַ לופֿטיגען און זון־פֿערגאָסענעם פֿריהמאָרגען האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעשלאָסען די טהיר פֿון מיין געפֿענגניס־קאַמערל, און דער נאַדזיראַטעל האָט אַ געשריי געגעבען: „סטופּאַי!“

איך האָב געגלויבט, דאָס די ווירקליכע גאולה איז שוין געקומען, דאָס די לאַנג־געהאָפֿטע, לאַנג־געטרוימטע פֿרייהייט איז מיר צוריק געגעבען געוואָרען. איך האָב שוין מוחל געווען דעם שד־המשחית, וואָס הייסט „נאַדזיראַטעל“, זיין ווילדען געשריי. זאָל ער אויף די צעהנער שרייען, אַבי איך זאָל שוין באַלד פֿון די הויכע געמויערטע ווענד אַרויסקלייבען זיך לעבעדיגערהייד.

„סטופּאַי!“ דאָס הייסט, געה פֿריי!

אַזוי האָב איך געלערנט דעם פּשט פֿון דעם „סטופּאַי!“ און האָב זיך געגעבען אַ האַפּ, אַ שפּרונג פֿון שמחה און געפֿיהלט דעם טעם פֿון תחית־המתים.

פֿרייהייט! פֿרייהייט! פֿרייהייט! האָט אין מיר אַלעס גע־קלונגען און געזונגען. איך וועל לויפֿען, וואוהין די אויגען טראָגען, אין דער פֿרייער וועלט. איך וועל געניסען, איך וועל טרינקען די פֿרייהייט, ביז איך וועל מיט איהר שכּור ווערען.

וואוהין געהן, וואָס מאַכען, פֿאַרוואָס זיך גלייך נעהמען, ווען איך וועל בעפֿרייט ווערען, — האָב איך אין יענער מינוט ניט געוואוסט; און איך האָב גאָרניט געוואָלט וויסען. איינס האָב איך נאָר אין דעם דאָזיגען מאָמענט געפֿיהלט: איך וועל באַלד פֿריי ווערען, איך וועל קושען יעדעס גרעזעל, יעדען מענשען,

וואָס איך וועל אויפ'ן גאַס בעגעגענען; איך וועל זיך אָ־זעטיגען מיט הימעל, לופט, ליכט, מיט טאָג און נאַכט, מיט שטאָדט און וואַלד, מיט וועג און שטעג, מיט מענשען און ביכער, מיט שענע מיידלעך און פייגעלעך, מיט בלומען און לידער, מיט לעבען און טרוימען...

באַלד בין איך פריי! פריי! פריי!

אָבער די טויערן האָבען זיך מיר ניט געעפענט: דער נאַדזיראַטעל האָט מיך געבראַכט אין אַ גרויסער קאַמער, וואו עס זענען געווען פערזאַמעלט ביז זעכציג יודישע אַרעסטירטע. דאָרטען בין איך געוואָר געוואָרען, דאָס עס איז ערב־פסח, און דאָס די גבאים פון דער שטאָדט האָבען דורך מתנות, ווען מען דאַרף און מ'דאַרף ניט, גע'פועל'ט, דאָס מען זאָל אַלע יודישע אַרעסטירטע אין דער נ—ק'ער טורמע פערזאַמלען איבער פסח אין איין גרויסע קאַמער און מ'זאָל צו זיי צולאָזען פסח'דיגעס עסען.

די פולע פרייהייט האָב איך ניט בעקומען, דאָך האָב איך שוין געפיהלט אין דער אַלגעמיינער קאַמער איין שטיק פון דער פרייהייט. דער גרעסטער טייל פון די זעכציג אַרעסטירטע זענען געווען גנבים, גזלנים (די, וועלכע זענען מיט דעם עטאַפ דורכגעגאַנגען די נ—ק'ער טורמע אויף דעם וועג קיין סאַחאַלין מיט האַלב־געגאָלטע קעפ און מיט געשמידעטע פיס אין קייטען) און אויך אַביסעל סתם יאָלדען, וועלכע האָבען נעבעך אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס האָט מען זיי „אַריינגעהאַקט“ אין „שטיינערנעם זאַק“. איהר זעהט, דאָס מיין נייע געזעלשאַפט איז געווען ניט אַזוי צאַצקעדיג, ניט אַזוי יחסנ'דיג, דאָך האָב איך זיך ווי אָבגעלעבט און דערפרישט אין דעם גרויסען טומעל פון דער חבריא.

נאָך אַ לאַנגער צייט פון איינזאַמער געפענגעניש, האָב איך אויף אַמאָל דערהערט אַ מענשליכע שטימע. איך האָב געהערט ווי מענשען רעדען, און דאָס אַליין איז שוין געווען פאַר מיר אַ יום־טוב, אַ שטיק פרייהייט.

אַ גנב, אַ גזלן: — דאָך אַ מענש, גאָט'ס בעשעפעניש. עטוואָס מענשליכעס, איין פונק געטליכעס בלייבט דאָך נאָך אין יעדען פון זיי. מען מוז דאָס נאָר קענען אַרויסגעפינען, אַרויספיהלען.

װען מ'הערט ניט אַ לאַנגע צײַט דעם קול פֿון אַ מענשען, געפֿינט מען דערנאָך אין איהם אַ שטיק געטליכע מוזיק.

און די גרויע, אונגליקליך־פֿרעהליכע געזעלשאַפֿט האָט מיך מיט גרויס דרך־ארץ אויפֿגענומען. אײַנער דעם אַנדערן האָט מיט גרויס רעספּעקט געזאָגט און געוויזען אויף מיר: דאָס איז אַ „פּאָ־ליטישער"!

דער נאָמען „פּאָליטישער" האָט צו יענער צײַט אַ בּעזונדערן צויבּער אין זיך ענטהאַלטען. אין די אויגען פֿון דער חבריא איז דאָס געווען דער העכסטער עהרענטיטעל. אַ „פּאָליטישער" האָט בּעדײַטעט: אַ מענש, וואָס איז זיך מקריב צוליעב יענעם, וואָס וויל עפּעס בּעסער און אַנדערש מאַכען פֿאַר אַלעמען.

און גלײַך האָט מען מיר אָבּגעגעבּען אויף די „נאַרעס" דעם בּעסטען פּלאַץ, דעם אויבּען־אָן, און די פֿער'משפּט'ע צו קאַטאָר־גע, וועלכע האָבּען געשפּיעלט, ווי איך האָבּ גלײַך בּעמערקט, די ערשטע ראָלע אין קאַמער, — האָבּען מיך אַרומגערינגעלט מיט „פֿרײַנדשאַפֿט" און כּמעט מיט „צערטליכקײַט", און יעדערער פֿון זײ האָט מיך וואָס אויסגעפֿרעגט, און מיר אָנגעבּאָטען זײַן הילף אָדער דיענסט.

II.

אײַן טײל פֿון די אַרעסטירטע האָבּען פּסח'דיג כּשר געמאַכט די קאַמער. אַלץ האָבּען זײ געוואַשען, געשײַערט און געריבּען, יעדען שפּור פֿון חמץ אויסגערוימט. און אײניגע קאַטאָרזשניקעס, וועלכע מ'האָט פֿעראורטײלט פֿאַר זעהר שווערע פֿערבּרעכען, זע־נען געווען די משגיחים אויף דאָס כּשרות. שטרענג און אָהן רחמנות האָבּען זײ פֿערלאַנגט פֿון די „יאַלדעס", אַלעס ווי עס דאַרף צו זײַן פּסח'דיג צו מאַכען. אײניגע פֿון די אָבּגעגאָלטע קעפּ און די גע־שמידטע פֿיס האָבּען אַלץ גע'טענה'ט: „פּסח איז ניט קײן קלײ־ניגקײַט!"

* *
*

און עס איז נאַכט געוואָרען.

די טהיר פֿון אונזער קאַמער האָט זיך פֿעסט פֿערריגעלט פֿון דרויסען. און דער „עולם" האָט זיך צוזעצט אויף די נאַרעס, אַ קאָפּ נעבען אַ קאָפּ, און אַ טייל פֿון די אַרעסטאַנטען, די יונגערע חברה־גנבים און סתם די יאָלדעס, האָבען זיך צוזעצט אויפֿן פּאָדלאָגע. מ'דאַרף באַמערקען: דאָס די קליינע גנבים און וועררעדט די יאָלדעס (וועלכע זענען אַרעסטירט געוועזען פֿאַר קליינע פֿעלשונגען און „שווינדעלעך") האָבען קיין צורה געהאַט אין די אויגען פֿון די קאַטאָרזשניקעס, פֿון די רויבער און מערדער. די לעצטע האָבען געקוקט אויף די ערשטע מיט פֿעראַכטונג.

און אויך אין געפֿענגניס־הויז הערשען געוויסע טראַדיציאָנען און מנהגים, וועלכע דאַרפֿען ניט געשטערט ווערען. אויך אַ בעזונדערע „געזעלשאַפֿטליכקייט" איז איינגעפֿיהרט אין געפֿענגניס, וועלכע זאָגט: די יאָלדען און די „שוואַרצגעהער" (קליינע גנבים אויף זייער לשון), וועלכע זענען פֿעראורטיילט אויף אַ קורצער צייט געפֿענגניס, קאָנען זיך וואַלגערן אונטער די נאַרעס און אויסגעריסען חדרען אַביסעל מעהר. אָבער די קאַטאָרזשניקעס, וועלכע מוזען זיך וואַלגערן פֿון טורמע צו טורמע, ביז זיי קומען אין סיביר צו זייבעטען עבודת־פּרך — די מוזען אין אַלע טורמעס, אויף זייער עטאַפּ, בעקומען די בעסטע ערטער, אויבען־אָן אויף די נאַרעס, און זיי מוזען פֿון די יאָלדען און „גנבים'לעך" בעדיענט ווערען. אזוי איז איינגעפֿיהרט מקדמת דנא, און קיינער וואַגט ניט צו מבטל זיין דעם מנהג. און ווען איינער אַן עם־הארץ וואַגט, בעקומט ער מיט אַ מעסער אין זייט אָדער אין ברוסט. איבריגענס, די קליינע גנבים'לעך – די קליינייאַרג אין דער פֿערברעכער־וועלט – קוקען אַליין מיט גרויס דרך־ארץ אויף די גרויסע פֿערברעכער, ווי תלמידים אויף גרויסע רביים.

און איך קעהר זיך אום צום ענין.

אויף די נאַרעס אויבען, אויף דער פּאָדלאָגע אונטען האָט דער „עולם" אָנגעהויבען דעם סדר אָבריכטען. די בעלייכטונג אין קאַמער איז געווען זעהר קאַרג און שלעכט, און די לופֿט איז געווען צום דערשטיקען. דאָך האָט זיך געפֿיהלט אַ יום־טוב דינע, אַ געהויבענע „שטימונג". און חאָטש דער גאַנצער עולם איז געווען אָנגעטהון אין שווערע, גרויע, אומגעלומפּערטע אַרעסטאַנטסקע קליידער, דאָך האָבען די אַלע אונגליקליכע און פֿערשטויסענע

אויסגעזעהען אין דעם אָווענד בּכּבוד'דיגער, ריין מענשליכער. אַלע זענען געווען צוגעקעמט, דאָס געזיכט אויסגעוואַשען ריין, דער קראַגען פון דעם גראָבען אַרעסטאַנטען־העמד ריין אויסגעלעגט, און די דיקע שינעלען צוגעשפּילעט.

און אויך דאָ אין געפענגניס־קאַמער, ווי אומעטום, האָב איך געקענט זעהען, ווי די מענשען זענען פערשידען איינער פון אַנדערן, ניט קוקענדיג אויף אַלע גלייכהייטען, דאָס אַלע זענען אין איין צרה און שטעקען אין איין לאָך. אז „יעדער מענש איז אַ בעזונדערע וועלט“, איז אויך אַ וואַרהייט אין דעם „שטיינערנעם זאַק“.

אַלע אַרעסטירטע זענען, דאַכט זיך, גלייך געקליידעט געוועזן און גלייך אונטערן שלאָס און ריגעל געזעסען, און דאָך האָט יעדערער עפּעס אַנדערש אויסגעזעהען. איינינגע קאַטאָרזשניקעס (די געגאָלטע קעפּ טיעף פערטיליעט אין די אַרעסטאַנטען־היט און די קייטען אויף די פיס אונטער זיך גוט פערשטעקט) האָבען צום סדר גאָר ווי פראַנטען קאָקעט אויסגעזעהען. מ'האָט געקענט גלויבען, דאָס אונטער די אַרעסטאַנטען־קליידער טראָגען זיי פור־פור־קליידער. ניט ווי געפאַלענע, פערזונקענע און אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט האָבען זיי אויסגעזעהען אין דער סדר־נאַכט, נאָר ווי בעפעהלענדע און הערשענדע. מ'האָט געקענט גלויבען, אַז דאָס זענען ווירקליך בני־מלכים, וועלכע זענען דורך אַנ'אונגליק געקומען אין געפענגניס.

און איך האָב די גאַנצע נאַכט, קוקענדיג און צוהערענדיג זיך צו די קאַטאָרזשניקעס, וועלכע פיעל פון זיי האָבען געאָטעמט מיט ענערגיע און שטאָלץ, — זיך ניט געקאָנט בעפרייען פון דעם טרויעריגען געדאַנק: דאָס די אַלע מופקרים, מוט־און קראַפט־מענשען, האָבען דאָך געקאָנט זיין אין אַנדערע פערהעלטניסען, אין נאָרמאַלערע און געזונדערע בעדינגונגען, העלדען און די נוצליכסטע מענשען. זיי האָבען דאָך געקאָנט פערווענדען זייער מוט און קראַפט אויך אויף גוטע נוצליכע זאַכען.

און דער „עולם“ אויבען און אונטען האָט מיט חשק, ווער מיט אַ ניגון און ווער מרוקען, געזאָגט די הגדה. אין דעם מאָמענט זענען אַלע געווען יודען. אַלע האָבען דערצעהלט דעם נס פון

יציאת מצרים. אַלע האָבען זיך איבערגעטראָגען עפּעס אין אַנ'אַנדערע, העכערע וועלט.

און יעדער קול, יעדער נגון פון די הגדה-זאָגער האָט עטוואָס אַנדערש דערצעהלט. אין פיעל שטימען האָט זיך געפיהלט אונטערדריקטע, פערפרעסטע טרעהרען. ווי עס שיינט, האָבען זיך פיעל פון זיי דערמאָנט זייער יוגענד ביי די עהרליכע גוטע עלטערן אין הויז. פיעל פון זיי האָבען די הגדה געזאָגט מיט אַ מינע און מיט אַ קול פון ודוי-זאָגען.

און ווי עס איז געקומען צו די ארבעה בנים און מ'האָט געזאָגט: „אחד חכם", האָבען אַלע אויפגעהויבען זייערע אויגען צו איין קאַטאָרזשניק, וועלכער איז געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „יאַנקעל חכם". „חכם" האָט ער אין דער אַרעסטאַנטען-וועלט געהייסען (זיין עכטער נאָמען איז געווען יאַנקעל ווייַנשטיין), ווייל ער האָט אין דעם פערלויף פון פונפצעהן יאָהר אָרגאַניזירט פערשיעדענע רויבער-באַנדעס און אָנפאַלען אויף פוילישע פריצים, און האָט די אַלע רויבען אויסגעפיהרט אָהן אַ איין-איינציגען מאָרד. בלוט האָט ער קיינמאָל ניט דערלאָזט צו פערגיסען. ער פלעגט ביי דעם רויב-אָנפאַל אויך אַ געוויסען יושר בעהאַלטען. ווען ביים פריץ, וועלכען ער האָט מיט זיין באַנדע בערויבט, איז געוועזען טעכטער מיידלעך, האָט ער זיי אַ טייל פון זייער ציערונג און פון זייער נדן איבערגעלאָזט נאָך זיין יושר. 15 יאָהר האָט ער אויסגעפיהרט אין גאַנץ רוסלאַנד די גרעסטע רויבען אין די פריצישע הויפען. אָבער „טרוקענע רויבען" אָהן אַ טראָפּען בלוט, און מען האָט איהם אויף קיין אופן ניט געקענט חאַפּען, ביז אַ גוי, איינער פון זיין יודישער באַנדע, וועלכען ער האָט אַרויסגעוואָרפען, ווייל ער האָט ניט פערשטאַנען די „מעטאָדע" צו רויבען און ניט צו מאָרדען, — ביז דער גוי האָט איהם דער פאָליציי אַרויסגעגעבען.

דערביי וויל איך בעמערקען: אַט דער יאַנקעל „חכם" האָט זיינע קינדער עכט יודיש און פרום און עהרליך ערצויגען. ער פלעגט אויך די שענסטע נדבות אין זיין שטאָדט שטענדיג געבען. ניט זיין פרוי און ניט זיינע קינדער האָבען די קלענסטע „אָנשטויסונג" געהאַט. מיט וואָס פאַר אַ מין „פרנסה" בעשעפטיגט זיך דער מאַן און פאָטער.

צו „אחד רשע" האָבען אַלע, ניט ווילענדיג, אויפגעהויבען

זייערע אויגען צו איינעם אנ'עלטערען „יאלד", וועלכען די ארעסטירטע האבען געקרוינט מיט'ן נאמען „רשע", ווייל ער פלעגט ניט לאזען צוריהרען זיך צו זיינע עסענוואַרג, וואס מ'פלעגט איהם שיקען פון דערהיים. ער פלעגט בעסער ארויסוואַרפען דורכ'ן פענסטער וואס עס בלייבט פון איהם, איידער אוועקגעבען דאס די „חברים". ער פלעגט ליעבער בעקומען פון אלע זייטען קלעפ, אויף וואס די וועלט שטעהט, איידער לאזען זיך אנריהרען צו זיינע א זאך.

און וואס ווייטער זאגענדיג די הגדה, איז דער עולם מאטער געווארען. דער עולם איז הונגעריג געוועזען, און די פסח'דיגע מאכלים האבען צו שטארק געשמעקט.

נאך דעם עסען (מ'האט פון שטאדט אלעם צוגעשיקט), איז דער עולם ווידער לעבעדיגער און פרעהליכער געווארען.

און ווי עס איז געקומען צו „שפוך חמתך", האט די יונגע חברה גנבים אנגעהויבען קלאפען אין טהיר. זיי האבען געוואלט, דער נאדזיראטעל זאל די טהיר אויף א מאמענט עפענען, דאס אליהו הנביא זאל קאנען אויף איין סעקונדע אריינקומען. פאר אליהו הנביא האבען אויך די אלע גנבים דעם גרעסטען דרך־ארץ געהאט. עפעס א קליינינקייט: א מענש קאן אומעטום אריינקומען, און קיינער זעהט איהם ניט. ווען זיי, דאכט זיך, וואלטען געקענט די קונץ!

די גנבים האבען מיט אלע קרעפטען געקלאפט אין טהיר, מען זאל אויף א מאמענט עפענען די קאמער. און די „יאלדען" האבען זיך געשראקען און געבעטען מען זאל מיט „נאטשאלסטווא" ניט טשעפען, ווייל מ'קען חאפען א גוטען פסק. אבער די גנבים האבען אויף צו־להכעיס געשטויסען די טהיר. די קאטארזשניקעס האבען מיט א שמייכעל צוגעקוקט ווי דאס „קליינוואַרג" שטיפט.

און די טהיר האט זיך געעפענט, נאר אנשטאט אליהו הנביא איז אריינגעקומען דער נאדזיראטעל מיט א פאר סאלדאטען, און מ'האט די יאלדען (ווייל די אלע גנבים האבען אויף זיי אנגעוויזען) אויסגעבראכען די ביינער, — פיעל מעהר ווי עשר מכות, — ווייל זיי האבען אין מיטען נאכט געמאכט א ליארם אין טורמע.

און ווען דער נאדזיראטעל מיט די סאלדאטען האבען געשלאגען די ארעסטאנטען און געזידעלט אלע יודען, האבען אנדערע

אַרעֶסטאַנטעֶן, איך אײנִיגעֶ קאַטאָרושנִיקעָס. גְעֶשרִיעֶן איפּ׳ן קול: „שפוך המתך על הגוים ... ותשמידם מתחת שמי ה׳!״

און ווען דער נאַדזִיראַטעֶל מִיט די סאָלדאַטעֶן זעֶנעֶן אַרויס און שעֶלטעֶנדִיג קללות נמרצות צוגעֶשלאָסעֶן די טהִיר, האָבעֶן אײנִיגעֶ אַרעֶסטאַנטעֶן הויך איסגעֶשרִיעֶן: און אֵליהו הנביא אִיז דאָך אַרײַנגעֶקומעֶן!

און איך האָב געֶפִיהלט, ווִי די לאַנגעֶ, ווײַס־זִילבערנעֶ, הײַבּעֶ באָרד פון דעֶם גוטעֶן, באַרמהעֶרצִיגעֶן נביא האָט זיך אָנגעֶריהרט אָן מײַן כוס, און ווִי אַ זאַלצִיגעֶ גרויסעֶ טרעֶהר האָט זִיך דאָרט אַרײַנגעֶקײַקעֶלט.

און ווִי עֶס אִיז געֶקומעֶן צו „לשנה הבאה בירושלים!״ האָבעֶן אַ פּאָר קאַטאָרושנִיקעֶס אויסגעֶרופעֶן צו דעֶר יונגעֶרעֶר חברה: לשנה הבאה בסִיבִיר.

און ווען דער סדר האָט זִיך געֶענדִיגט, האָבעֶן מִיר די קאַ־טאָרושנִיקעֶס, וועֶלכּעֶ האָבעֶן מִיר דעֶם איבעֶן־אָן אָבגעֶגעֶבעֶן איף די נאַרעֶס, דעֶרצעֶהלט פון זײעֶר לעֶבעֶן און שטרעֶבעֶן מִיט די אַלעֶ נסים ונפלאות.

און וואָס זײ האָבעֶן מִיר דאַן אִין דעֶר „ליל שמורים״ דעֶר־צעֶהלט, וועֶל איך אײַך אַנ׳אַנדעֶרס מאָל דעֶרצעֶהלעֶן ...

סֵדֶר אִין פֶּענְסְיָאן.

אִין מעֶראַן, דִי פּעֶרל פוּן דרוֹם־טִירָאל. האָב אִיךְ דאַן געֶלעֶבּט.

אַ גאַנצעֶ שׁוּרה שׁעֶנעֶ טעֶג און וואוּנדעֶרבּאַרעֶ נעֶכט.

און דִי טעֶג און דִי נעֶכט האָבּעֶן זִיךְ אַזוֹי רוּהִיג געֶצוֹיגעֶן בִּיז עֶס אִיז געֶקוּמעֶן נאָהעֶנט צוּ פּסח.

אִין אַ פּענסיאָן האָב אִיךְ דאַן געֶוואוֹינט. אִין גאַנצעֶן פּעֶנסיאָן בִּין אִיךְ דעֶר אײנצִיגעֶר געֶזוּנטעֶר מעֶנש געֶוועֶן, „אוּנפֿעֶרשׁעֶמט" געֶזוּנד. דִי אַלעֶ אִיבּרִיגעֶ פּעֶנסיאָנעֶרעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶן, מעֶהר אָדעֶר וועֶנִיגעֶר, קראַנקעֶ לײט. דאָס רוֹב: דעֶרִיגעֶ (שׁווִינדזִיכטִיגעֶ). און יעֶדעֶר פוּן זײ אִיז געֶלעֶגעֶן אִין דִי זאַכעֶן, וואָס עֶס געֶהעֶרט צוּ זײן געֶזוּנדהײט. יעֶדעֶר אִיז געֶוועֶן צוּטראָגעֶן וועֶגעֶן זײן טעֶמפּעֶראַטוּר, וועֶגעֶן קאַלטעֶ קאָמפּרעֶסעֶן א. ד. ג.

וועֶגעֶן פּסח און דִי סדרים, וואָס אָט, אָט קוּמעֶן זײ אָן, האָט גאָר קײנעֶר נִיט געֶטראַכט, קײנעֶר האָט זִיךְ וועֶגעֶן דעֶם נִיט געֶקִימעֶרט, אפילוּ אוֹיךְ יעֶנעֶ פּעֶנסיאָנעֶרעֶן נִיט, וועֶלכעֶ צוּ הוֹיז פּלעֶגעֶן זײ מאַכעֶן אַ עֶכט־כּשר'ן פּסח.

כּמעט אַלעֶ אײנוואָהנעֶר אִין פּעֶנסיאָן זעֶנעֶן יוּדעֶן געֶוועֶן, יוּדעֶן מכּל המינים, און דאָךְ נאָר אַ קלײנעֶ „מִינאָרִיטעֶט" (מוּעט)

פֿון אונז האָט בעשלאָסען סדר צו מאַכען. אין דעם דאָזיגען פענסיאָן איז דאָס אפילו קיין גרינגע אויפגאַבע ניט געווען. אָבער מיר, די „מעהר־יודען", האָבען זיך אויף קיין אופן ניט געקאָנט אָבזאָגען פֿון סדר, לכל הפחות 1 סדר.

איך ווייס ניט אויב דאָס איז נאָר אַ געוואָהנהייט, אָדער עט־וואָס פֿיעל טיעפֿערס, פֿיעל לעבעדיגערעס — איינס מוז איך מודה זיין, אַז דאָס האַרץ ציהט נאָך די אַלטע טראַדיציעס פֿון דעם בע־פֿרייאונגס־יום־טוב, פֿון דעם סדר, ווי מיר האָבען איהם אָבגעריכט אין די קינדער־יאָהרען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אונזערע אַנזיכטען האָבען זיך אין דעם לויף פֿון יאָהרען שטאַרק גע־ענדערט.

איינינגע פֿון די פענסיאָנערען, דעריגע אין גוף און אין דער נשמה. זענען געווען שטאַרק געגען סדר־מאַכען. אפילו הערען פֿון סדר האָבען זיי ניט געוואָלט. וואַרום? דאָס איז שווער צו זאָגען. מיר דוכט: זיי האָבען אַליין אויך ניט געוואוסט.

די איבריגע, די מייסטען קראַנקע־פענסיאָנערען, זענען ניט „געגען" און ניט „פֿאַר" דעם „סדר" געווען. יאָ מאַכען סדר, ניט מאַכען סדר — אַלץ איינס, קיין נפקא מינה, נאָר דער עיקר איז געווען דאָס דער סדר, ווען מען וועט איהם יאָ מאַכען, זאָל מען איהם ניט שטערען פֿון אַ קערטעל.

פֿאַר דעם פסיהאָלאָג איז דאָס זעהר אינטערעסאַנט געווען צוצוקוקען, ווי די קראַנקע, וואָס זייער לעבען איז אויף אַ האָר געהאַנגען, ווי זיי פֿלעגען זיך פֿרעהען, ווי גליקליך זיי זענען גע־ווען, ווען זיי האָבען געוואונען אַ קאָן קאָרטען, אָדער, ווי גרויס איז געווען דער צער, ווען מען האָט פֿערלאָרען אַ פּאָר גראָשען אין שפּיעל.

די „פענסיאָנס־מוטער" (ד. ה. די בעל־הבית'טע פֿון פענסיאָן), אַנ'אַלט מיידעל, אַ האַלבע גויה און אַ האַלבע יודענע, האָט עפּעס יאָ געוואָלט און טאַקי ניט געוואָלט, דאָס מען זאָל אין איהר פענס־יאָן סדר אָבריכטען. פֿון איין זייט איז איהר אונאַנגענעהם געווען, דאָס מען קאָן, חס וחלילה. זאָגען, דאָס איהר פענסיאָן איז אַ עכט־יודישער, און זי האָט זיך שטענדיג נאָכגעיאָגט דוקא נאָך ניט־יודישע פענסיאָנערען, נאָך גראַפֿען, נאָך באַראָנען. אַזאַ טבע האָט זי שוין געהאַט. פֿון דער אַנדערער זייט האָט זיך איהר ניט

געוואָלט איין׳ברוגז׳ן יענע פֿון אונז. וועלכע האָבען אזוי שטארק פֿערלאנגט א סדר, און ווער ווייס. פֿיעלייכט האָט זיך איהר אליין טאקי אויך געוואָלט שטילערהייר דער סדר.

און מיר האָבען מנצח געוועזען: — אין אונזער האלב יודישען פענסיאָן האָט מען סדר אָבגעריכט.

וואָס פֿאר א מין סדר איז דאָס געוועזען — דאָס איז שוין אנדערע שאלה.

און די סדר־נאכט איז געקומען.

דער זעהר לאנגער טיש איז געוועזען געגרייט פּראכטפֿאָל. לעבעדיגע ווייסע און רויטע ראָזען, נארציסען און פֿיילכען האָבען געציערט, מיט פֿיעל געשמאק, דעם זילבער ווייס געדעקטען טיש. די עלעקטרישע לאָמפּען פֿון אויבען און פֿון דער זייט האָבען מיט א געוויסע צניעות בעלייכטעט די בלומען און די בלייכע געזיכטער פֿון די קראנקע, וועלכע האָבען אנדערע און זיך אליין איינגערעדט, דאָס זיי זענען געזונד, נאָר עטוואָס א קליינינקייט פֿעהלט זיי... שורות־ווייז זענען געשטאנען טעלער מיט מצות בעדעקט מיט שען געוועבטע טישטיכלעך. אין מיטען טיש האָט אויך קיין חמץ ניט געפֿעהלט. די בעל־הבית׳טע פֿון פענסיאָן האָט געזאָרגט אויך פֿאר די חולים, וועלכע דארפֿען קיין מצה ניט עסען, אין געשלייפֿטע גראפֿינען, לאנגע און שמאָלע, ווי אויך דיקע, בייכיגע און נידעריגע, האָט געפֿונקעלט דער רויטער וויין. אויבען־אָן איז געוועזען די גאנצע סדר־צערעמאָניע: אויף דעם טעלער מצות זענען געלעגען בכבוד די זרוע, דאָס איי, כרפס, חרוסת, חריין און די שאר־ירקות נאָר יודישלעך. דער חסרון איז נאָר געוועזען דערביי, דאָס דער וויין איז געוועזען ניט של פסח. דאָס די כלים זענען געוועזען פֿון א גאנץ יאָהר, דאָס די קניידלעך זענען געוועזען ניט גאנץ כשר, איז אליין צו פֿערשטעהן. די אלע פענסיאָנערען זענען געוועזען יום־טוב׳דיג געקליידעט, און נעבען יעדען גאסט איז געלעגען א הגדה, אפילו נעבען די, וואָס האָבען ניט געקענט די צורה פֿון א יודישען אות.

קורץ: די מאסקע, די אויסערע זייט איז געוועזען א פסח׳דיגע. אלעס האָט געגלאנצט, געפֿינקעלט, נאָר דער עיקר! דער גייסט פֿון פסח, די נשמה פֿון סדר האָבען געפֿעהלט. דער גאנצער סדר האָט געמאכט דעם איינדרוק פֿון א שלעכטער איבערזעצונג, פֿון עטוואָס נאָכגעמאכטעס, מאלפּענהאפֿטעס.

די האָבּען געזאָגט די הגדה שטילערהייד „אונטערן נאָז", אָהן טעם און אַ נגון, עפּעס שלאָפֿעדיג און מאַט. אַנדערע האָבּען געחאַפּט, געבּראָקט מיט אימפּעט די הגדה. נאָך אַנדערע האָבּען געזאָגט די הגדה עפּעס מיט ליצנות, ווי חוזק געמאַכט פֿון אַלעס. די האָבּען געזאָגט די הגדה און זיך געקרימט, נאָכגעמאַכט אַלט-מאָדישע יודען, און די האָבּען נאָר געקוקט אין דער הגדה, און האָבּען זיך געשושקעט, גלייכווערטעלט זיך און דערצעהלט שטיל ריינע און אונריינע מעשה'לעך.

עס איז אויך געווען בּיי'ן טיש, וועלכע האָבּען געקוקט אין דער הגדה ווי אַ האָהן אין בּני-אָדם. אָבּער עס איז קענטיג געווען, דאָס זיי האָבּען גרוים צער פֿון דעם, וואָס זיי קענען קיין עברי.

דער כּוס פֿון אֵליהו הנביא איז געשטאַנען אויפֿ'ן מיטען טיש, און ווען מ'האָט געזאָגט „שפוך חמתך" האָט מען די טהיר געעפֿענט. אָבּער דער עולם האָט זיך געוויצעלט איבּער אֵליהו הנביא. יעדער האָט געזאָגט אַנ'אַנדער חכמה.

די קריסטליכע דינסטען, וועלכע האָבּען בּעדיענט בּיי'ן סדר, האָבּען ניט געוואוסט אויבּ דאָס איז אַ יודישער יום-טוב אָדער מען שפּיעלט דאָס אַ מין קאָמעדיע.

קיין ערנסט, קיין ריכטיגעס געפֿיהל, קיין פֿערגאַנגענהייטס-זינן איז ניט געווען צו מערקען.

נאָך דעם סדר און נאָך דעם עסען זענען מיר געבּליבּען אַלע זיצען אין גרויסען שפּייזע-צימער. די מייסטען זענען געוען געווען דאָס מען האָט אָבּגעפּטר'ט די אָבּגעלעבּטע צערעמאָניעס. קיינער האָט ניט געוואָלט געהן לעגען זיך שלאָפֿען. ערגעץ-וואו ווייט און טיעף „אונטער דעם שוועל פֿון אונזער בּעוואוסטזיין" האָט זיך דאָך געפֿיהלט, דאָס עס איז אַ ליל שמורים, אַ שוואַכער, דינער פֿאָדעם האָט זיך דאָך אין אונז געצויגען פֿון יענע וואונדערבּאַרע געשעהענישען אין דער נאַכט פֿון די „מערכענהאַפֿטע" נסים ונפלאות. דאָך האָט קיינער ניט געפֿונען קיין נייע פֿאָרמען אָדער נייע ווערטער אין וואָס דאָס אויסצודריקען.

ניט וויסענדיג וואָס צו טהון, האָט זיך געזעצט איינע פֿון דער חבריא, אַ יונגע פֿריילין, וואָס האָט שטענדיג געפֿיבּערט און געהוסט, בּיים קלאַוויר און האָט וואָס טרויעריגעס געצימבּעלט

אויף אידם; זי האָט געשפּיעלט רוסישע נאַציאָנאַל־ליעדער. אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט די „גאַלאָפּירענדע סוחאָטע", האָט פֿאָרגעלעגט טאַנצען און די מהדרים האָבען פֿערלאַנגט דוקא אַ „קאַמאַרינסקי". און דאָס מעדעל האָט שוין דאָס געשפּיעלט. די עלטערע פּענסיאָנערען זענען געגען טענץ געווען. זיי האָבען אויפגעפֿאָדערט דעם עולם צו שפּיעלען אין „טערטעל־מערטעל". די אַנדערע האָבען פֿערלאַנגט, „סקאַט" אָדער „פּאָקער" לכּבוד יום־טוב. אין אַ ווינקעל האָבען זיך די יוגענד געשפּיעלט אין „פֿאַנדען", און עס האָבען זיך געהערט אין דער לופֿט טרוקענע קושען פֿון קראַנקברענענדע ליפּען אויף שווינדזיכטיג־רויטע באַקען. און ווען דער עולם איז מאַט און מיעד געוואָרען אין דאָס אַלעס צו שפּיעלען, האָט איינער פֿון די „קאַנדידאַטען אויף יענער וועלט" דעקלאַמירט מיט אַ הייזעריגען קול עפּעס אַ מאָנאָלאָג; דער האָט געפּייפט מיט קאַלטע לונגען אַ נײַע מעלאָדיע אָהן ווערטער, און דער האָט נאָכגעמאַכט אַ קלאָאון פֿון ציִרק.

און די אַלע יונגע קראַנקע, וואָס דער טויט האָט זיי שוין געשטעמפּעלט, האָבען געזוכט צו פֿערגעסען זייער בייזע קראַנקהײַט. זיי האָבען געזוכט זיך נאַריש צו מאַכען און פֿון אַלעם חוזק מאַכען. זיי אַלע זענען לעבענס דורשטיג געווען. זיי האָבען אינסטינקטיוו געפֿיהלט, אַז דאָס לעבען מאַכט זיך פֿון זיי אַוועק, דאָס זיי דערוואַרטעט אַנ'אייביגעס „ניכטס", און מיט היים הונגער האָבען זיי זיך געקלאַמערט אָן לעבען. וואו עס איז נאָר געווען, אָדער זיי האָבען געגלייבט עס איז דאָ אַ טראָפּען זיסקייט, האָבען זיי זיך געסטאַרעט דאָס אויסצוזויגען.

נאָך האַלבע נאַכט איז זיך דער עולם צוגאַנגען, יעדער אין זיין צימער, צו קעמפּפען די נאַכט מיט זיין טויטליכע קראַנקהייט.

נאָר פֿאַר דעם פֿונאַנדערגעהן זיך האָט מען געזונגען חד־גדיא מיט אַ פֿרעהליכען נגון. אָבער ווי טרויעריג האָט דאָס געקלונגען, ווי הערצרייסענדיג האָבען זיך געהערט די ווערטער: ואתא מלאך־המות, ושחט לשוחט דשחט...

און דאָ האָבען זיך אויך געהערט דערשטיקטע טרעהרען...

שבועות בייַנאַכט.

יונג בין איך דעמאָלס געוועזען. אין אַ קליין שטעדטעל האָב איך געלעבט. אין אַ קליין הייזעל האָב איך געוואָהנט. אין האַרצען אָבער האָב איך געטראָגען פֿיעל בענקשאַפֿט נאָך ווייטע, גרויסע וועלטען. אַ טרוימער, אַ שוועַרמער בין איך געוועזען. אַלע מיינע חלומות, וואונשען, האָפֿנונגען, שטרעבונגען און פֿערלאַנגען האָבען זיך מיעף אין מיר זעלבסט געשפּונען. און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך איניווייניג אין מיר. מיין אויסערליך לעבען איז געווען פֿרום, פֿאַנאַטיש און קליינשטעדטעלדיג-יודיש. איך האָב מיט אַ מיידעל קיינמאָל אַ וואָרט ניט גערעדט. ווען איך פֿלעג אַמאָל בעגעגענען איינע אין אונזער געסעל, פֿלעג איך שעַ-מעוודיג אַראָבלאָזען די אויגען. די שענסטע, די עדעלסטע פֿון זיי איז געוועזען רחל. זי האָט געוואָהנט אַ שטוב געגען אַ שטוב מיט אונז. אָפֿטמאָל פֿלעגט זי זיצען און קוקען אין פֿענסטער פֿער-חלומ'ט, פֿערטראַכט. בגנבה פֿלעג איך וואַרפֿען אויף איהר אַ בעהאַלטענעם בליק, וועלכער פֿלעגט אָנפֿילען מיין האַרץ מיט זיס-שמערצליכע, גליקליך-טרויעריגע געפֿיהלען. איך מיט איהר האָב איך קיינמאָל אַ וואָרט ניט גערעדט. זי האָט געלעבט אין מיין פֿאַנטאַזיע עפּעס ווי אַ מין „שולמית” פֿון „שיר השירים”, ווי די שענע תמר פֿון „אהבת ציון”.

דאָס איז געוועזען אַ צייט אין מיין ענטוויקלונג. ווען אין מיר

האָט זיך ערוואַכט מיט פֿולער קראַפֿט מײַן גײַסטיג לעבען. װעלטען פֿון געדאַנקען און געפֿיהלען האָבען אין מיר געקעמפֿט און זיך געראַנגלעט. אַלץ האָט אין מיר געשפּראָצט און געוואַקסען. די אײביגע פֿראַגען האָבען אָנגעהויבען עגבערען מײַן מוח מיט זײער האַרטען, שאַרפֿען שנאָבעל: וואָס איז גאָט? אינטערעסירט ער זיך ווירקליך מיט אונזער קלײנעם לעבען. וואָס איז דאָס אַ נשמה? לעבט די נשמה אויך נאָך דעם, ווען אונזער קערפּער איז שוין טוידט? צו וואָס זענען מיר איבערהויפּט דאָ אויף דער וועלט? וואו איז דער אמת און וואו איז דער שקר? און אין מיטעלפּונקט פֿון די אַלע פֿראַגען האָט שטענדיג געשוועבט דאָס בילד פֿון רחל. דאָס בילד איז געווען אפילו אונקלאָר, נעבעלדיג, אָבער פֿול מיט צויבער און מיט געהײמע כחות.

* * *

און אין אַ זומער־נאַכט האָב איך צום ערשטען מאָל גערעדט מיט רחלען, און פֿון דאַן אָן האָט מײַן לעבען אַ נײַעם וועג גענומען.

דאָס איז געווען אַ שבועות־נאַכט. ביז נאָך האַלבע נאַכט בין איך געזעסען מיט מײַן פֿאָטער און געזאָגט דעם „תּקון־שבועות". מיר האָבען געשפּרונגען פֿון אײן פּסוק צום אַנדערן. דער מויל האָט געזאָגט, די האַנד האָט מעכאַניש איבערגעקעהרט די בלעט־לעך, אָבער מײַנע געדאַנקען האָבען מיך ערגעץ־וואו אַנדערש גע־טראָגען. די אָבגעריסענע, אָבגעהאַקטע פּסוקים האָבען זיך ניט געבונדען, ניט געקלעבט מיט דעם אַלעם וואָס עס האָט געלעבט און געוועבט טיעף אין מײַן האַרצען. עס האָט מיך געצויגען ווי מיט מאַגנעט אויפֿ'ן גאַס. איך האָב געפֿיהלט, דאָס דאָרטען איז עטוואָס גאַנצעס, גרויסעס, טיעפֿעס.

און ווען איך בין פֿערטיג געוואָרען מיט דעם „תּקון"־זאָגען, בין איך אַרויס אויפֿ'ן גאַס און זיך געזעצט אויף דער פּריזבע.

די נאַכט איז געווען שטיל, טונקעל ווי אַ גרויסער סוד. די שטערען אין הימעל זענען געווען פֿול סודות. ס'האָט אויסגע־היזען, ווי אַלץ וואַרט אויף עפּעס. איך בין געווען יונג, און די גאַנצע וועלט האָט מיר אויסגעוויזען יונג. שעמעוודיג, פֿער'חלומ'ט און פֿער'כשופֿ'ט. אין יענעם מאָמענט האָב איך געפֿיהלט, דאָס

איבערהױפּט איז נישט פֿאַרהאַן קײנע פֿראַגען און קײנע ענטפֿערן, קײן מענשען באַזונדער און קײן נאַטור באַזונדער, קײן נעכטען און קײן מאָרגען, קײן גוף און קײן נשמה, קײן לעבען באַזונדער און קײן טױדט באַזונדער — ס'איז אַלץ אײנס. אַלץ איז פֿערשמאָלצען אין אײן האַרמאָניע, אין אײן אײביגע מוזיק, מוזיק אָהן קולות, אין אַנ'אײביגען ריטמוס. איך האָב געפֿיהלט, דאָס אַלץ אין מיר, איבער מיר, אַרום מיר דורשט, לעכצט נאָך ליעבע, נאָך פֿעראײניגונג, נאָך שענהײט.

אין געסעל האָט מען קײן לעבעדיגע נשמה ניט געזעהען. פֿון די אָפֿענע פֿענסטערלעך, פֿון די קלײנע הײַזלעך האָט זיך געהערט װי נאָך פֿערשפּעטיגטע זאָגען, האַלב-שלאָפֿעדיג, האַלב-װאַכעדיג, „תּקון", יעדער אױף זײַן שטײגער: כלומר'שט זינגענדיג, בורצענדיג, ברומענדיג, אױסציהענדיג יעדעס װאָרט, אָדער בהלה-דיג-האַפּענדיג.

* * *

מײַנע אױגען זענען מיעד געװאָרען בעטראַכטענדיג די װײַטע שטערען, װי זײ װינקען אײנער צום אַנדערן. און דער קאָפּ האָט זיך צו דער ערד אַראָבגעלאָזען. און דאָ האָב איך מיט אַמאָל דערזעהען, אַז רחל זיצט אױך אַנטקעגען מיר אױף דער פּריזבע, נעבען איהר הױז. איך װײס ניט, װי דאָס איז געשעהן, דאָס אין אײן מינוט בין איך שױן געװעזען נעבען איהר. אַ צײַט-לאַנג זענען מיר געזעסען אײנער נעבען אַנדערן, ניט אָנריהרענדיג זיך מיט אַ קלײנעם פֿינגער, און געשװיגען. עס האָט זיך געהערט און געשפּירט, װי בײַ יעדען פֿון אונז קלאַפּט דאָס האַרץ און ברענט דער אָטהעם. באַלד האָב איך פֿערגעסען דעם הימעל מיט זײַנע אונצעהליגע שטערען. איך האָב געזעהן און געפֿיהלט נאָר די רחל. זי איז געװעזען פֿאַר מיר די גאַנצע װעלט. אין איהרע צװײ גרױסע, טיעפֿע, ברענענדע, שװאַרצע אױגען איז געװען אַ ים מיט סודות.

פֿון די אָפֿענע פֿענסטער פֿון רחל'ס הױז האָבען זיך געטראָגען ריחות פֿון פֿרישען זשאָװור (שילפֿראָהר) און פֿעלד-בלומען, מיט װעלכע רחל האָט אױסגעציערט, אױסגעבעט, צוליעב שבועות, יאָס גאַנצע הױז.

— רחל'ע, ליעבסטו בלומען?

— וואָס איז שייך ליעב האָבען אַ זאַך, וואָס ס'האָט קיין נשמה.

— אָבער איך האָב דאָך אַ נשמה, האָסטו מיך ליעב?

רחל האָט אַראָבגעלאָזען איהרע אויגען. איך האָב געשפּירט, ווי אַ שוידער איז איהר דורכגעלאָפען דורך איהר גאַנצען קערפּער, און ווי זי האָט אָנגעהויבען הייסער און עפּטער צו אָטהעמען.

— קאָנסט דו מיר זאָגען, וואָס איז דאָס פאַר אַ יום-טוב שבועות? — האָט רחל פּלוצלונג געפרעגט.

— שבועות איז גאָט אַראָב פון הימעל אויפ'ן באַרג סיני און אונז געגעבען די עשרת-הדברות...

— און וואָס שטעהט דאָרט געשריבען?

— דאָס מ'טאָר ניט גנב'נען...

— און זוער ווייס דאָס ניט!...

— דאָס מ'טאָר ניט מאָרדען...

— דאָס ווייס דאָך יעדער אַליין. און וואָס נאָך שטעהט דאָרט?

— מ'טאָר ניט נואף'ן...

— פע, ווי האָט זיך גאָט ניט געשעמט צו זאָגען אַזעלכע ווערטער? און וואָס ווייטער?

— דאָס מ'זאָל עהרליך האַלטען פאָטער און מוטער...

— דאָס טהוט דאָך יעדער אַליין...

רחל איז אייניגע מינוטען שטיל געבליבען; נאָכדעם האָט זי זיך ווי פון אַ טיעפען שלאָף אויפגעהאַפּט און געפרעגט מיט אָפענע גרויסע אויגען: און צוליעב אַזעלכע געוועהנליכע זאַכען, וואָס יעדער פערשטעהט עס פון זיך אַליין, האָט זיך גאָט געדאַרפט אַראָבלאָזען פון הימעל און רעדען מיט די מענשען?! ווען גאָט האָט זיך שוין אַמאָל יאָ בעוויזען צו די מענשען, וואָרום האָט ער שוין ניט בעסער דערקלערט אַזעלכע זאַכען, וואָס אָהן איהם איז שווער צו וויסען, ווי, למשל, וואָס איז דאָס אַזוינס לעבען? צו וואָס לעבט מען, ווען עס ווילט זיך ניט? וואָס איז די סיבה דאָס פיעל מאָל דוכט זיך, אַז דאָס האַרץ ווערט אין שטיקער צוריסען: עס בענקט זיך, און מען ווייס ניט נאָך וואָס... עס איז טרויעריג, און מ'ווייס ניט וואָרום... וואָרום, זאָג מיר, האָט זיך גאָט בעוויזען נאָר צו די אַמאָליגע דורות? וואָרום לאָזט ער זיך ניט יעצט אַראָב

צו אונז, כדי צו ערקלערען. צוליעב וואס ווערען מיר געבוירען אויף דער וועלט, און וואָרום לעבען די בלומען פיעל שענער, פיעל רײנער און פיעל עדעלער אויף דער וועלט, אלס מיר מענשען...

— האָב מיך, רחל׳ע, ליעב, וועסט דו געפינען אַנ׳ענטפער אויף די אַלע דײַנע פראַגען...

— זאָג מיר, ווי האָט מען דאָס ליעב?

— אָט אַזוי האָט מען ליעב...

צו דערקלערען מײַנע ווערטער האָב איך ציטערנדיג רחל׳ען אַ קוש געגעבען אויף איהר ווײַסען, צאַרטען שטערען.

— נײַן — האָט רחל׳ע געזאָגט — אַזוי קען דאָך אויך אַ גראָבער יונג...

און רחל׳ע איז אונצופריעדען, ברוגז׳דיג אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט.

— און זאָג דו מיר, רחל׳ע, ווי האָט מען ליעב?

— ליעב האָט מען, ווען מען קאָן שענקען דעם אַנדערן דאָס גאַנצע לעבען, דאָס לעבען אָבער מוז דעמאָלט ווירקליך עטוואָס ווערט זײַן, און דערצו מוז מען פרײַ זײַן. גרויס זײַן, שטאַרק זײַן, דען נאָר פרײַע, גרויסע, שטאַרקע מענשען קענען און דאַרפען ליעבען, און נאָר אַזאַ ליעבע קאָן גליקליך מאַכען.

און די אויגען רחל׳ס, ווען זי האָט גערעדט, האָבען געגלאַנצט מעהר ווי די שטערען אין הימעל...

איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין איהרע אויגען און די ווערטער פון רחל׳ען זענען פאַר מיר געווען ווי אַ נײַע ענטפלעקונג...

דִי רוֹיטֶע פֵּיילְכֶען.

(פוּן דִי שטוּרם-טעג).

איך און רחל'ע זענען מיר שכנים געווען.

נאך גאנץ קליינע קינדער זענען מיר געווען, אלס מיר האָבען צום ערשטען מאָל צוזאמען געשפּיעלט.

זי איז געווען מיין כלה, און איך — איהר חתן.

מיין „כלה" איז געווען א בלאָנדע מיידעלע מיט גרויסע, ליבּטיגע, אָפענע אויגלעך, מיט א קליינעם, שענעם מיילכעל. איך, דער „חתן", בין געווען א יונגעל מיט שווארצע לאָקען און מיט פערחלום'טע אויגען.

זי, רחל'ע, איז געווען שטענדיג רוהיג און שוויינענדיג. איך — נערוועז, האסטיג און רעדעוודיג. דאך האָבען מיר זיך גוט פערטראָגען. זעהר זעלטען האָבען מיר זיך געצאנקט, און ווען דאָס האָט אמאָל געטראָפען, בין איך, געוועהנליך, דערין שולדיג געווען, ניט זי.

רחל'ע האָט געשפּיעלט ניט נאָר די „כלה" — נאָר אויך די ראָלע פון א מוטער. ווי איהרם א קינד האָט זי מיך בעהאנדעלט. דערפאר פלעג איך איהר אויסטראכטען און דערצעהלען מעשה׳לעך. זי פלעגט זעהר אויפמערקזאם אויסהערען, א מאך טהון מיט'ן קעפּיל און בעמערקען: „דו האָסט דאָס נאָר אזוי דערצעהלט, דאָס איז דאך אָבער ניט אמת".

אויף א קליינעם טייבעל פלעגען מיר לאָזען אונזערע פּאפּיר-

שפּילעך אין דער וויַטער וועלט. צוזאַמען האָבען מיר געוועבט אונזער לעבענס־פֿאָרהאַנג מיט די גאָלדענע פֿעדעם פֿון אונזער גליקליכע קינדהייט.

איך עטוואָס האַסטיג, זי — רוהיג און לאַנגזאַם.

* * *

ווען איך האָב אָנגעהויבען לערנען גמרא, זענען אונזערע שפּיעלען געוואָרען זעלטענער. איך האָב זיך פֿלייסיג בעשעפֿטיגט מיט די שווערע, קאָפּברעכערישע „סוגיות" פֿון דעם תּלמוד. און רחל'ע איז געוועזען שטאַרק בעשעפֿטיגט מיט שטוביגע אַרבייט. זי איז געווען די עקרת־הבית ביי איהרע עלטערען.

און אונזער שפּיעלען האָט בעקומען אַ נייעם חאַראַקטער.

איך בין געווען דער „לעהרער", זי — מיין „תּלמידה".

פֿון אַ גרויסע, דיקע גמרא פֿלעג איך איהר פֿאָרזאָגען, אין אַ האַלב־זינגענדיגען טאָן, צו בעווייזען מיינע לומדות, און פֿלעג מאַכען דערביי אַ ערנסטע מינע, פֿערקנייטשען דעם שטערען און זיך בעהעלפֿען מיט דעם גראָבען פֿינגער. רחל'ע פֿלעגט צוהערען און האָט גאָרנישט פֿערשטאַנען.

ווען איך האָב געזעהען, דאָס מיט דער גמרא געהט ניט, האָב איך געמאַכט אַ פּראָבע מיט דעם תּנ"ך און ווידער האָב איך געשפּילט די ראָלע פֿון אַ מלמד, און זי — פֿון אַ אויפֿמערקזאַמער תּלמידה.

איך פֿלעג איהר פֿערטייטשען פֿערשידענע קאַפּיטעל פֿון די נביאים. רחל'ע, מיר צוהערענדיג, פֿלעגט פּלוצלונג אַ פֿרעג טהון אַזאַ מין שאלה.

— ווי, מיינסטו, האָט אויסגעזעהען אַ נביא?

— ווי אַן אַלטער פֿרומער יוד, מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, מיט לאַנגע געגרייזעלטע פּאות, און דער קול פֿון דעם נביא האָט וויינענדיג געציטערט ווי דער קול פֿון אונזער שטאָדט־מגיד...

— ניין, אַ נביא קען אַזוי ניט אויסזעהען, איך גלויב, דאָס דער נביא איז געווען הויך געוואַקסען, שטאַרק, יונג. זיינע שוואַרצע, פֿייערדיגע אייגען האָבען געבליצט, זיין קול האָט געהילכט ווי אַ דונער. ער האָט פֿיינד געהאַט די רייכע, די בלוטזויגער און האָט געליבט און געשטיצט אַלע שוואַכע און אָרעמע. ער האָט

אויסגעזעהען „... נאַ, ווי זאָל איך דאָס דיר זאָגען ... יאָ, ביי אונז אין שטאָדט גיט דאָס גאָר ניט אַזאַ ...

* * *

יאָהרען זענען פערגאַנגען ... איך בין שוין לאַנג פון חדר אַרויס. איך האָב פלײַסיג שטודירט די נײַ העברעאישע ליטעראַטור און פרעמדע לשונות. רחל האָט פלײַסיג געלערנט רוסיש, און נאָר רוסיש. 18-טעם יאָהר איז מיר געגאַנגען, מײַנע בעגעגנונגען מיט רחל זענען נאָך זעלטענער געוואָרען און ביי'ם צוזאַמענטרעפען פלעגען מיר ביידע אַביסעל רויט ווערען, זיך עטוואָס שעמען; מיר האָבען שוין ניט גערעדט און ניט געלאַכט אזוי פרײַ קינדיש ווי פריהער ...

איך האָב זיך בעשעפטיגט מיט בעזונדערע ליעבע מיט דער שענער ליטעראַטור. רחל מיט די סאָציאַל ווינסענשאַפטען, איך פלעג נתפעל ווערען פון שילער, היינע, פון גאָרדאָן, און זי — פון מאַרקס און לאַסאַל. איך פלעג איהר דערצעהלען ענטוזיאַסטיש פון בלומען און ליעבע. פון זעלען-פערוואַנדשאַפט, פון זיסע חלומות און פון עסטעטישע תּענוגים. זי פלעגט רעדען בעגײַסטערט וועגען די קאַרטאָפעל-פראַגע, וועגען אַרבײַטער אָרגאַניזאַציעס, וועגען „קאָלעקטיוויזמוס“ און פרויען-עמאַנציפּאַציאָן, איך האָב אַגיטירט צווישען חברים פאַר די ווידערבעלעבונג פון דעם יודישען פאָלק, זי — פאַר די צוקונפטס-מדינה, אין מיר האָט זיך ביסלעכווײַז דערוואַכט דער „מאַן“, אין איהר — די קעמפפערין.

און אַזוי האָבען זיך ביסלעכווייז געשידען אונזערע וועגען. אונזער קינדער-און-יוגענד פרײַנדשאַפט איז איבערגעגאַנגען אין פאַרטײַ געגנערשאַפט.

* * *

דאַן בין איך נאָך שווייצאַריע געגאַנגען, איך האָב דאָרטען שטודירט, און נאָך מעהר די שענע אַלפען-נאַטור גענאָסען. רחל איז אין רוסלאַנד געבליבען, און האָט זיך בעזעצט אין די פאַבריק-צענטרען, אום צו אַגיטירען צווישען יודישע אַרבײַטער פאַר די סאָציאַלע אידעע. ווידער זענען אַ פּאָר יאָהר פערגאַנגען, און איך האָב פון איהר גאָרנישט געהערט.

נאר צופֿעליג האב איך פֿון די בונדיסטישע פֿלוג=בלעטער זיך דערוואוסט, דאס רחל איז נאך סיביר פֿערשיקט, און אויך דארטען בעשעפֿטיגט זי זיך מיט רעוואָלוציאָנערע ארבייט.

אין די שטורם-טעג האב איך רחל'ן אונפֿערהאָפֿט און אונער=ווארטעט געטראָפֿען אין א זייטיגען ווינקעל פֿון ווארשא. אך, ווי פֿערענדערט איז זי געוועזן! אבגעמאָגערט, בלייך, אבגעבליהט, א ביסעל איינגעבויגען איז זי געשטאנען נעבען מיר. נאר אין איהרע שיינע אויגען האט נאך געברענט דאס אלטע יוגענד=פֿייער. אין איהר גאנציען וועזען איז געוועזען עטוואס היילינגעס, פֿאנאטי=שעס, עקשנדיגעס. עטוואס וואס מ'קאן גארניט מנצח זיין. מיר האבען זיך ביידע עראינערט אונזערע גליקליכע קינדער=יאהרען, און אונזער יוגענד=פֿריינדשאפֿט.

רעדענדיג וועגען אונזער ביידענס קינדער=שפּילען האט א ליבער, זיסער שמייכעל בעלייכט און געמילדערט דעם הארטען, קאלטען אויסדרוק אויף איהר ערנסטעס געזיכט. איהר קול האט געקלונגען ווייך און מעלאָדיש.. פּלוצלונג האט זי זיך ווי פֿער=שעמט וועגען איהר לירישע שטימונג און איז מיט איין שפּרונג איבערגעגאנגען פֿון די קינדער=זכרונות צו שארפֿע וכוחים איבער צייט=פֿראגען. און דא האט זיך ווידער געעפֿענט א טיעפֿער תּהום צווישען אונזערע אנזיכטען. איך בין געוועזען פֿאר דאס גאנצע יודי=שע פֿאלק, זי — נאר פֿאר'ן יודישען פּראָלעטאריאט. איך בין געוועזען פֿאר עוואָלוציאָן זי — פֿאר רעוואָלוציאָן. איך האב בעטאָנט די גרויסע פֿערגאנגענהייט פֿון יודישען פֿאלק און זיין צוקונפֿט. און זי האט גערעדט נאר פֿון די גרויסע אויפֿגאבען פֿון דער יעצ=טיגער צייט. איך האב זיך איינגעשטעלט פֿאר דעם נאציאָנאלען וועזען, זי—פֿאר דעם קלאסענקאמפּף. איהרע אנזיכטען האט זי ארויסגעזאָגט אויפֿגערייצט, העפֿטיג און אָהן רחמנות.

ווייכער און רוהיגער האב איך זי געוואָלט שטימען. ביי אני אלטער בלומענפֿערקויפֿערין, וועלכע מיר האבען בעגעגענט; האב איך איהר געוואָלט א פּאר פֿײַלכען קויפֿען. אבער רחל האט גע=מאכט א ברוגז'דיגע האנד=בעוועגונג אויסרופֿענדיג: „לאָזט אזעלכע נארישקייטען, איך דארף קיין בלומען!“ די אלטע פֿרוי אבער האט אונז ניט אבגעלאָזען. זי איז נאכגעגאנגען און האט זיך געבעטען, מ'זאָל ביי איהר עטוואס קויפֿען. רחל האט רחמנות געהאט

אויף דער אַלטער פֿרוי און זי האָט אָנגענומען פֿון מיר אַ קלײנעם פײַלכֿען־בוקעט.

האַלב ערנסט, האַלב קאָקעט האָט רחל צוגעשפּילעט די פּאָר פֿײַלכֿען צו איהר־ברוסט. און איך האָב ווידער פּראָבירט אויפֿפֿרישען די ערינערונגען פֿון אונזערע קינדער־יאָהרען. רחל אָבער האָט מיר האַסטיג דערלאַנגט איהר בלאַסע האַנד צום אָבשיעד.

— וואָס עפּיס אַזוי גיך? — האָב איך פֿערוואונדערט געפֿרעגט.

— איך האָב קײן צײַט, — האָט רחל געענטפֿערט מיט אַ ציטערדיגען קול, — דער קאַמפּף איז גרויס, און ס'איז אַ זינד אײן מינוט צו פֿערלירען. דער נצחון איז נאָהענט, אָבער מען מוז נאָך קרבנות ברענגען... נאָך אַביסעל אָנשטרענגונג, נאָך אַ וואַגהאַלזיגער אָנשטורם געגעבען די טיראַנישע ביוראָקראַטיע און די פֿאָלקסמאַסען זענען בעפֿרײַט...

בײַ די לעצטע ווערטער האָבען איהרע אויגען געפֿלאַקערט און איהר פּנים האָט הײליג געשײַנט. כמעט וואָלט איך זאָגען דאָס אַ מיסטיש פֿײַער האָט אין איהר גאַנצעם וועזען געברענט. איך האָב איהר געגעבען די האַנד „אויף ווידערזעהען".

— אויף ווידערזעהען? ווער ווײס, פֿילײַכט איז דאָס געוועזען אונזער לעצטע בעגעגניש!

בײַ די לעצטע ווערטער האָט רחל'ס געזיכט אויסגעדריקט עטוואָס ערנסטעס און געהײמניספֿאָלעס. און שנעל איז זי פֿערשוואונדען געוואָרען אין אַ שמאָל געסעל.

* * *

פֿערזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען, בין איך מיר ווײַטער געגאַנגען. די לופֿט איז געוועזען פֿײַכט און נעבעל'דיג. דער הימעל גרוי און נידעריג. איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ גאַס, וואו שטרײַקענדע, יודישע אַרבײַטער האָבען זיך פֿערזאַמעלט. צווישען די רוישענדע, רויהע, הײזערע, טרוקענע קולות האָט זיך געהערט דער ענערגישער, מעלאָדיש־רײנער און ווײַבליך־בעפֿעהלענדער קול פֿון רחל. און פּלוצלונג איז טויט שטיל געוואָרען. איך האָב געזעהען און געהערט נאָר רחל'ן. זי איז געשטאַנען אין מיטען דער מאַסע אויף אַ פֿאַס און האָט געהאַלטען אַ פֿײַערדיגע רעוואָ־

לוציאָנעֶרעֶ רעַדעֶ. יעֶדעֶס וואָרט איהרס האָט געוויִרקט ווי א בליִץ, און ווי אַ עלעקטריִשעֶר פֿונק איז דאָס דורכגעלאָפֿעֶן איִן די מאַסעֶן ...

פלוצלונג האָט זיִך דערהערט אַ שאָס... דהל'ס רעדעֶ האָט איִן מיִטעֶן וואָרט אָבגעהאַקט. אַ קול האָט זי געטראָפֿעֶן פונקט איִן האַרצעֶן.

די ליִבעֶ, בלויע פֿײגעלעך זענעֶן רויט געוואָרעֶן פֿון איהר נאָך יונגעֶם בלוט.

די פְֿרייע ליעבע.

אין אַ שענעם זומער־טאָג זיצט אַ יונגע דאַמע, אונגעפֿעהר 25 יאָהר אַלט, אויף אַ באַנק אין וואַלד, ניט זעהר ווייט פֿון אַ מאָדערנעם, עלעגאַנטען קוראָרט. עס געהט צו איהר צו אַ הערר פֿון אַ יאָהר פֿינף און דרייסיג; און גריסט איהר העפֿליך און שטום.

ער: ערלויבט מיר דאָ צו זעצען זיך (ער זעצט זיך מיט אַ מינע פֿון אַ מיעדען מענשען).

זי: (פֿיינט, ווייס געקליידעט, שוואַרצע האָר; גרויסע פֿייערדיגע אויגען, האַלט איהר קאָפּ ווי פֿערטראַכט אַרונטערגעלאָזען, און מיט דעם שפּיץ זונענשירם שרייבט זי אין זאַמד, גיט אַ שאָקעל מיט דעם קאָפּ, וואָס מ׳קאָן דייטען דאָס זי ערלויבט).

ער: ווי שען, ווי רייצענד דאָ איז די נאַטור...

זי: (שווייגט און שרייבט האַסטיג און נערוועז אין זאַמד).

ער: (ניט זיכער. אַביסעל שעמעוודיג) פֿיעלייכט שטער איך איַיך, גנעדיגע פֿרוי, אין איַיערע געדאַנקען, אין איַיער רוהע, וועל איך גלייך פֿון דאַנען אַוועקגעהן...

זי: (הויבט אויף איהר קאָפּ מיט עטוואָס קאָקעטעריע, שפּאַרט אָן איהר קיהן אויף דער הענטעל פֿון זאָנטיק, קוקט אויף אַ וויַיטען פּונקט, ווי זי וויל איהם ניט אָנקוקען) מיין גאָט, אומעטום איז מען דאָ פֿער־

פֿאָלגט; די מענער לאָזען ניט צורוה. ווען אַ דאַמע זיצט אַלײן, קאָנען זי רוהיג ניט פֿערבײַגעהן ... און מערקווירדיג, אַלע זענען זײ גלײַך, גאָר קײן אונטערשיעד ניט ...

ער: (ווענדעט זיך צו איהר שוין מיט מעהר מוטה) איהר זײַט דאָך נאָך אַזוי יונג, און קענט שוין די נאַטור פֿון אַלע מענער?

זי: (עטוואָס לעבעדיגער; קוקענדיג צו איהם פֿון דער זײַט ווי בגנבה) חען מען קען אײן מאַן, קען מען שוין אַלע ...

ער: (רוקט זיך עטוואָס נעהענטער, און קוקט צו איהר מיט האַלב-לאַכענדע און האַלב-פֿערליעבטע אויגען) מײַן גנעדיגע פֿרוי, איהר האָט אַ טעות ... ניט אַלע מענער זענען גלײַך. עס גיבען אויך „איך-מענשען", בעזונדערע עקזעמפּלאַרען. און די מענשען איז יעדער אַ בעזונדערע וועלט ... ווי עס ווײַזט אויס, האָט איהר זיך קײנמאָל ניט בעקענט מיט קינסטלער-מענשען ...

זי (ראַש): זײַט איהר אפשר אַ קינסטלער? אַ מאַלער, אַ בילדהויער (סקולפּטאָר), אַ פּאָעט?

ער (לאַנגזאַם): איך בין אַ לעבענס-קינסטלער ...

זי (ווי פֿערטראַכט): לעבענס-קינסטלער? וואָס איז דאָס אײגענטליך?

ער (פֿערוויכט אַ עגיפּטישען פּאַפּיראָס): דאָס הײסט, אַז דאָס לעבען איז בײַ מיר אַ קונסט. איך זוך אין לעבען די אײביגע שענהײַט, די אײביגע ווײַבליכקײט ...

זי (פֿערשטיקט אַ שמײכעל): איהר זוכט שטענדיג, אָבער ווי עס שײַנט, האָט איהר נאָך גאָרנישט געפֿונען ...

ער: פֿון וואַנען ווײסט איהר דאָס?

זי: חען איהר וואָלט אײנמאָל געפֿונען, וואָלט איהר דאָך מעהר ניט זוכען ...

ער (מיט אַ מינע פֿון גאוה): איך זוך יעדען טאָג, יעדע שעה אַ נײַע שענהײַט, אַ גאַנץ נײַען פֿערגעניגען; איך זוך שענהײַטען און פֿערגעניגען, וואָס קײנער האָט זײ נאָך ניט פּראָבירט, וואָס קײנער האָט זײ ניט פֿאָרגעפֿיהלט — און דאָס איז, מײַן דאַמע, די העכסטע קונסט פֿון לעבען ...

זי (לאָזט אַרונטער איהר קאָקעטען קאָפּ און שטעלט נערוועז דעם שפּיץ

פֿון זאָנטיק אין זאַמד): איהר מוזט זײַן, מײַן העׂרר, אַ מוֹרא'דיגער, שרעקליכער מענש... אַ געפֿעהרליכער מענש...

ער: עס איז מעגליך... אָבער דאָס וואָס עס איז געפֿעהרליך און שרעקליך, דאָס דוקא ציהט, שלעפּט צו זיך דעם מאָדערנעם מענשען. אין אַ אויטאָמאָביל, למשל, אָדער אין אַ לופֿט-באַלאָן איז געפֿעהרליך צו פֿאָהרען. אָבער דאָס איז דוקא אינטערעסאַנט. די מענשען, וועלכע פֿאָהרען שטענדיג אין אַ געוועהנליכען וואָגען, געלוסט זיך צו פֿערזוכען אַמאָל פֿאָהרען אין אַ שרעקליכען אויטאָמאָביל, אָדער לופֿט-באַלאָן, האָב איך, פֿיעלײַכט, ניט רעכט?

זי (כּלומר'שט שעמעוודיג): און וואָס מ'פֿאָהרט קומט מען דאָך צום זעלבען ציעל...

ער: ניט דער ציעל איז דער עיקר, מײַן דאַמע — דער עיקר איז די נסיעה, די בעוועגונג. די אויפֿרעגונג פֿון די נערוועך, דאָס פֿיהלען און שפּירען די נאָהענטקײַט פֿון דער סכנה...

זי: אָבער אויך אין דער רוהיגקײַט, אין דער האַרמאָניע ליעגט דאָך שענהײַט,

ער: רוהיגקײַט, זאַטקײַט איז טויט; דאָס לעבען איז בעוועגונג, און דוקא אין דער בעוועגונג איז ריטמוס, איז האַרמאָניע...

פויזע. בײדע שווײַגען. שמעטערלינגען פֿליהען, שוועבען אין דער לופֿט.

ער (ווי אויפֿגעוואַכט): געפֿינט איהר ניט, דאָס די שמעטערלינגען זענען לעבענס-קינסטלער. זײער לעבען איז ליעבע, זײער ליעבע איז לעבען... זיי זענען שטענדיג שכּור פֿון דער ליעבע, פֿון די זונען-שטראַהלען... און וויפֿיעל פֿאַרבען האָבען זיי...

זי: אָבער ווי קורץ איז זײער לעבען...

ער: פֿערקעהרט: אין איין סעקונדע שעפּען זיי אויס אַן'אײביגקײַט, זיי לעבען כּל-זמן זיי ליעבען, און דאָס איז גענוג...

זי: איהר זײַט דאָך, ווי איהר זאָגט, אַ לעבענס-קינסטלער, און ווי עס שײַנט, אַן'ערפֿאַהרענער אין ליעבע-זאַכען, קאָנט איהר מיר ניט זאָגען: וואָס איז דאָס אײגענטליך די „ליעבע"?

ער: מיט ווערטער קאָן מען די „ליעבע" ניט ערקלערען, דאָס מוז מען פֿיהלען, דורכלעבען, און יעדערער פֿיהלט דאָס און

לעֶבּט דאָס דורך אויף זײַן אופן. האָט איהר קײנמאָל ניט געליעבּט ?

זי (כ״ומר׳שט נאַרניג): װעֶר האָט דאָס אײַך ערלױבּט, צו שטעלען מיר אַזעלכע פראַגען ...

ער: װי עס װײַזט אױס, זײַט איהר, האָט קײן פעראיבּעל ניט, אומגליקליך ...

זי (אױפשפרינגענדיג פון באַנק): איהר זײַט חוצפה׳דיג ...

ער (רוהיג): דאָס איז מעגליך ... אָבּער רעכט האָב איך, פיעלײַכט ניט ?

זי (ערנסט, צוריקזעצענדיג זיך): אָבּער װי קומט איהר צו דעם געדאַנק, דאָס איך בּין אומגליקליך ... איך בּין זעהר גליקליך פערהײַראַטעט.

ער: גליקליכע האָבּען ליעבּ צו דערצעהלען פון זײער גליק ... גליק מאַכט אַ פרוי רעדעװדיג, גוטמיטיג ... נאָר דאָס אומגליק איז שװײַגענדיג, בּײַסיג און ערנסט ...

זי: בּין איך דאָס ?

ער (פעסט): יאָ, דאָס זײַט איהר, און דאָס רויבּט פון דער פרוי איהר עכטע, שטראַהלענדע, בּעגליקענדע שענהײַט. נאָר די ליעבּע מאַכט די פרוי אמת שען ...

זי: בּין איך דען ניט ...

ער: פערקעהרט: איהר זײַט געטליך שען, אָבּער אײַער שענהײַט שלאָפט אין אײַך, מען מוז זי ערשט אױפװעקען, אנצינדען ...

זי (האַלב איראָניש, האַלב ערנסט): װי אַזױ קען מען די שלאָפענדיגע שענהײַט אױפװעקען ?

ער: דורך ליעבּע.

זי (װי פערצװײפעלט): גיבּט דען ליעבּע ? ... איך גלױבּ ניט דאַרין ...

ער (מיט התלהבות): דאָס פיהל איך מיט אַלע נערװען: איך ליעבּ דיך אונענדליך אָהן אַ ברעג. (ער האַפּט איהר האַנד און קושט האַסטיג).

זי (די האַנד צוריקציהענד און װי בּעלײדיגט): אַזױ שנעל װי אַ בּליץ ... איהר װײסט דאָך נאָך אפילו ניט מײַן נאָמען ...

ער (מיט בּעגײַסטערונג): פון ערשטען בּליק האָב איך זיך אין דיר

פֿערליעבט, און איך וויל גאָרנישט וויסען, ווער דו ביזט... דו קענסט זײַן אַ פֿערברעכערין, פֿאַר מיר ביזטו אַ געטין...

זי (איראָניש): וויפֿיעל פֿרויען האָט איהר שוין געמאַכט אַזעלכע ליעבעס־ערקלערונגען?... איהר זײַט דאָך אַ לעבענס־קינסט־לער...

ער (מיט אַ טרײַסעלדיגע שטימע): איך בין זיך מודה, דאָס איך האָב אין מײַן לעבען פֿיעל מאָל געליעבט, אָבער איך בעגרײַף און זעה יעצט, דאָס עס איז קײַן ריכטיגע ליעבע ניט געווען. נאָר יעצט שפּיר איך, ווײס איך, וואָס הײסט די ריכטיגע ליעבע... ווי אַ בליץ, ווי אַ דונער האָט זי מיך פּלוצלונג געטראָפֿען.

זי (שטעכיג): האָט איהר אַלע פֿרויען מיט דעם זעלבען נוסח די ליעבעס־ערקלערונג געמאַכט?

ער (היטציג): דו פּײַניגסט מיך (ער שפּרינגט אויף און בעדעקט זי מיט קושען) דו ליעבסט דאָך מיך אויך... צוליעב וואָס פֿער־שטעקסטו דאָס... לאָז אונז גליקליך זײַן...

זי (ווי בעלײַדיגט און פֿערשעמט): איהר זײַט אַנ'עזות־פּנים... איהר פֿערגעסט, דאָס איהר רעדט מיט אַנ'אַנשטענדיגע פֿרוי...

ער (צומישט): איך ליעב דיך, די ליעבע קען ניט קײַן גרענצען, קײַן חשבונות... איך בין בערײַט אַלע אָפּפֿער פֿאַר דיך צו ברענגען (ער שטעלט זיך פֿאַר איהר אויף די קניע, אין אַ בעטענדיגער מינע)... נעם מײַן לעבען און נפש, נאָר דײַן ליעבע גיב מיר... מעג איך דיך בעזוכען? זאָל איך צו דיר קומען?...

זי (רוהיג, קאַלטבלוטיג): איך בין דאָ אין באָד מיט מײַן מאַן; ער ליעבט מיך זעהר און איז זעהר אײַפֿערזיכטיג...

ער (נערוועז): דאַן קום צו מיר, איך וועל דיך מיט אונגעדולד דערוואַרטען... די חתונה איז נאָר האַנדוועדק, די ליעבע איז אָבער קונסט; די חתונה איז פּראָזא, די ליעבע איז פּאָעזיע...

זי (פֿערטראַכט): פּאָעזיע?

ער (בעגײַסטערט): דו קומסט? יאָ? דו ביזט אַ מלאך, אַ געטין... ווי הימעליש שען דו ביזט, ווי רײַצענד... יעדע סעקונדע וועט מיר זײַן אַנ'אײביגקײַט אין מײַן וואַרטען אויף דיר... דו קומסט, יאָ?

זי (רוהיג, געלאַסען): איך קען דאָך אײַך אָבער גאָרניט...

ערלויבט מיר, יונגערמאן, צופרעגען: ווער און וואס זייט איהר?

ער: א ליעבעס־קינסטלער...

זי (פארשעמט): זעהר שען... אבער איך מיין וואס איז אייער בע־שעפטיגונג... איך מיין פון וואס לעבט איהר, וועלכע מיטלען האט איהר צום לעבען?

ער (פערוואונדערט): איך בין א פאעט...

זי (טרוקען קאלט): האט איהר א גרויסע איינקונפט, פערדינט איהר פיעל א חודש?

ער: איך פערדינען זעהר וועניג... נאר אין דער ליעבע קען איך ניט זאט ווערען, ווייס איך ניט קיין ברעג, אבער אזוי בין איך זעהר גענוגזאם אין די אנדערע לעבענס־בעדירפניסען... איך בין א מסתפק במועט... די מוזיק און די ליעבע פאעזיע גענוגען מיר צו זיין פאלשטענדיג גליקליך...

זי (שטרענג): ווען איהר זייט ארעם, ווי קענט איהר זיך ערלויבען אזא לוקסוס ווי ליעבע? פרישע ליעבע האבען צו אפט, דאס איז דאך א צו טייערער ביסען, איהר פערשטעהט מיך, פאר אייך איז די ליעבע פאעזיע, פאר אזעלכע פרויען ווי איך אבער איז די ליעבע, ווי זאל איך דאס זאגען...

ער (אויפגעבראכט): געשעפט.

זי (קאלטבלוטיג און חוצפה'דיג): רופט דאס ווי איהר ווילט... איך האב גרויסע בעדירפניסען אין לעבען... מיין מאן איז פארא־ליזירט, און איך מוז פון מיין... ווי זאל איך דאס זאגען...

ער: פון אייער האנדעל מיט אייער קערפער...

זי: זאל זיין אזוי, איך מוז דערפון לעבען, און ווי עס איז לעבען קען איך ניט, דארום קאן איך מיין ליעבע ביליג ניט פערקויפען... און איך האב געגלויבט, אז איהר זייט רייך... איהר זייט וועניג־סטענס א באנקיר...

ער: און איך האב געגלויבט, אז איהר זייט ליעבעס־דורשטיג... און איך האב געגלויבט, דאס איהר קענט גארניט דאס לעבען...

זי: איך קען דאס לעבען צו פיעל... איך ווייס, וואס די „פאעזיע" איז ווערט... קויפען קען מען פאר איהר גארנישט... אמאל, אין די יונגע יאהרען, האב איך געגלויבט די ליעבעס־קינסטלער,

אָבער מײַן גלויבען האָט מיך דערצו געבראַכט, וואָס איך בין יעצט ...

ער: דאַן אַדיע, קויפען ליבע דאָס איז ניט מײַן פאַך...

זי: ליבע אומזיסט איז ניטאָ. ווען איהר, מענער, צאָהלט ניט פאַר דער ליבע מיט געלד, בעצאָהלט איהר דאָס מיט אײַער לעבען, מיט אײַער פרײַהײַט...



לֶעבֶּען–לֶעבֶּען.

ז י: איך קען מעהר ניט לעבען ...

ע ר: וואס הײסט דו קענסט ניט, דו ווילסט ניט לעבען ...

ז י: עס איז ניטאָ צוליעב וואס צו לעבען ... ס'איז ניטאָ צוליעב וואס זיך צו בעגײסטערן, ס'איז ניטאָ צוליעב וואס זיך צו אָפּפּערן ...

ע ר: נארעלע, דאס לעבען איז פאר זיך זעלבסט א תכלית ... דו ביזט, א פנים, קראנק, נערוועז, דארום זוכסט דו עפּעס יסורים, חלומות און קענסט ניט געניסען דאס עכטע לעבען, דו ביזט יונג, שען, פּיקאנט און דו קענסט מאכען דאס לעבען אי פאר זיך, אי פאר מיר א גן־עדן. אבער דו פּײניגסט זיך אי מיך ... דו לעבסט אלײן ניט, און ...

ז י: הער שוין אויף ... דו ביזט א עגאאיסט ... דו פערשטעהסט מיך ניט ... פיעלײכט בין איך קראנק ... מעגליך ... אבער אזא געזונדהײט, ווי דו מײנסט, איז מיר עקעל ...

ע ר: אמת, איך בין א עגאאיסט ... עגאאיזמוס איז אבער געזונד, נאטירליך ... בעזונדער עגאאיזמוס האט בעשאפען אלעס וואס איז נוצליך, אלעס וואס איז שען, אלעס וואס איז וואהר ... דו ביזט אבער א זינדערין, דו זינדיגסט געגען דײן גוף, געגען דײן נשמה, געגען דער נאטור, געגען דײן געשלעכט...

ז י: גיב מיר אַנ׳אידעאַל, און איך וועל לעבען, און איך וועל וועלען לעבען ...

ע ר: אַנ׳אידעאַל קען מען ניט געבען, מען קען דאָס אויך ניט נעהמען ... אַנ׳אידעאַל מוז מען אין זיך געפינען, אַליין מוז מען איהם געפינען, און מען דאַרף גאַר פיעל ניט זוכען ...

ז י: האָסטו אַנ׳אידעאַל אין לעבען. האָסט דו איהם געפונען אין זיך?

ע ר: געוויס האָב איך!

ז י: און וואָס איז דיין אידעאַל?

ע ר: מיין אידעאַל איז צו לעבען, מיט דיר לעבען, מיט דיר אַלעם געניסען ...

ז י: צוליעב וואָס אָבער לעבען? צוליעב וואָס געניסען?

ע ר: דו קומסט ווידער מיט דיינע מעטאַפיזישע פראַגען ...

ז י: קענסט דו אָבער לעבען, קענסט דו אָבער געניסען דאָס לעבען, ווען עס איז אַזוי פיעל אומגליק דאָ אויף דער וועלט, ווען אַזוי פיעל מענשען ליידען? ...

ע ר: און ווען דו לעבסט ניט, ווען דו ליידסט אויך, פערגרע-סערסט דו נאָר די צאָהל פון די ליידענדע, פון די אומגליקלי-כע, אָבער העלפסט דו דערמיט קיינעם ניט ...

ז י: זעהר אַ בעקוועמע פילאָזאָפיע האָסט דו ... אין אמת׳ן גערעדט פערשטעהסט דו גאַרניט, וואָס „לעבען" איז ... דו מיינסט, אַז נאָכגעבען אַלע תאוות איז לעבען, אָדער ווי דו זאָגסט „זיך אויסלעבען".

ע ר (מיט אַ ביטערן שמייכעל): און וואָס רופסט דו „לעבען"?

ז י (ערנסט און מיט אַ ציטערנדען קול): איך רוף „לעבען" ליידען, קעמפפען, זיך אָפפערן און וויסען פאַרוואָס, און גלויבען, שטאַרק גלויבען אין דער זאַך. פאַרוואָס מען ליידעט, פאַרוואָס מען איז זיך מקריב... איך רוף „לעבען" זיעגען, העלפען, געבען, שענקען, פערמעהרען גליק אויף דער וועלט, פערברייטען ליבט צווישען מענשען ...

ע ר (מיט אַ שפּאָטענדען טאָן): נו. פאַרוואָס טהוסט די דאָס ניט?

ז י (טרויעריג און מיט יאוש): איך ווייס ניט ווי, איך ווייס ניט, מיט וואָס קען איך דיענען דער מענשהייט. לערען מיך, וויי׳ז

מיר דעם ריכטיגען וועג, דאן וועל איך וויסען, דאס דו ליעבסט מיך...

ער: דיען זיך. לעב אליין, דאס הייסט, לעב מיט מיר, לאז אונז געניסען אונזער יוגענד. לאז אונז איסטרינקען דעם כוס פון אונזער ליעבע... דערמיט וועלען מיר פערגרעסערן די צאהל פון די גליקליכע אויף דער וועלט...

זי: דיין השגה פון גליק איז קליין, דער כוס פון דיין ליעבע איז זעהר פלאך... און ווי ארעם איז דיין בעגריף פון פערגניגען...

ער: לאז אונז זויגען, נאשען, פערזוכען אונזער יוגענד.. דו רעדסט ווי א זקנה, ווי אנ'אלטע באבע, און מיר זענען דאך יונג... אין אונזער קערפער שטעקט א וועלט פון תענוגים, פון גליק... מיר האבען ביידע פייער, לאז איהם ניט אויסלעשען... אין דיינע ווערטער איז אייז, טוידט... און איך וויל לעבען, ליעבען, ברענען...

זי: און וואס וועט זיין נאכדעם... איך מיין, ווען דאס פייער וועט אויסברענען... ווען... דו פערשטעהסט וואס איך וויל זא-גען... דאן קומט קעלט... פראזא... לאנגוויילינקייט... פוסט-קייט...

ער: זיי ניט צו קלוג... פייניג מיך ניט... דו ליעבסט מיך ניט, דארום קענסט דו פילאזאפירען... איך וויל אבער לעבען, מיט דיר לעבען... איך ליעב דיך, און דארום פרעג איך ניט: וואס קומט נאכדעם... די עכטע ליעבע ווייס קיין פערגאנגענהייט, קיין צוקונפט, זי איז — געגענווארט... איהר רגע איז אנ'איי-ביגקייט...

זי: דו ליעבסט מיך ניט...

ער: איך?

זי: דו דענקסט נאר וועגען זיך. און ווען מען ליעבט פערגעסט מען זיך... און ווען דו ליעבסט איז דיין ליעבע ארעם, זי האט קיין נשמה און קען נאר דעם גוף. תאוה איז ביי דיר ליעבע... דו ווילסט ניט לעבען נאר „אויסלעבען זיך"... ווען דו וואלסט ווירקליך מיך ליעב געהאט, וואלסט דו גרעסער, טיעפער, הייליגער, אידעאלער געווארען... די ליעבע, ווי איך פערשטעה זי, שאפט וואונדער. דען זי קען קיין עגאאיזמוס... די ווירק-

ליבּע ליעבּע קען ווארטען, קען דולדען, זי לויפט ניט נאָך דער רגע, זי „חאַפּט ניט דעם מאָמענט"... די ווירקליבּע ליעבּע לערנט ליידען, קעמפּפען, און אויך — זיעגען. נאָר די תאוה האָט קיין געדולד, קען ניט ווארטען און דענקט נאָר וועגען זיך...

ע ר: דאָס וואָס דו רעדסט איז מעטאַפיזיק...

ז י: גאַנץ ריכטיג; די ליעבּע איז אָבּער מעטאַפיזיק...

ליעבע און פרייהייט.

זי: די יאָהרען געהען אַוועק, און עס מוז דאָך איינמאָל אַנ'עק נעהמען...

ער: דו הויבּסט ווידער אָן מיט דיינע זאַכען, מיט דיין כ'ניקען...

זי: איינמאָל מוזען מיר דאָך, וואָס קומט אַרויס פון די וואַרטענעס, פון די אָבלעגענעס, דאָס לעבען געהט אַוועק אין הו-הא, אין חלומות, אין אום-טרייבען זיך, און קיין אמת'ער שטיקעל נחת איז ניטאָ, דו מוזט איינמאָל מוטה האָבען...

ער: אַזעלכע מענשען ווי מיר זענען טאָרען זיך ניט פעראיינינגען ווי אַלע אַנדערע מענשען, ווי אַ געוועהנליכער בורזשוא. ווער ווייס וואָס וועט מאָרגען זיין? היינט בין איך דאָ, און מאָרגען פיליייכט אין חד-גדיא, אין געפיינגנעס, אין סיביר, און אֶפשר אויף דעם עשאַפאָט. מיר זענען ניט געבאָרען אום צו בויען, אום צו פלאַנצען, נאָר צו צערשטערען...

זי: די נאַטור צערשטערט און בויט, טוידטעט און שאַפט נייעס לעבען צוזאַמען...

ער: איך אַלס יונגער בעל-הבית'ל, אַלס פאָטער. אַלס געבונדען... ניין, איך קאָן דאָס מיר גאָרניט פאָרשטעלען... דאָס התונה האָבען, דער גאַנצער ענין פון פאַמיליען-לעבען קומט מיר פאָר העכסט בורזשואיש...

זי: וואָס רעדסטו, גראַדע אין דער עהע ליגט פיעל פּאָעזיע,

עטוואס הײליגעס, ערנסטעס — ווי זאגט ניטשע: „אין דעם ווײלען פון צווײען ליעגט עטוואס אײנס צו שאפען, וואס פיעל מעהר איז, אלס די וואס האבען דאס געשאפען“. ניטשע איז אודאי קײן בורזשוא געוועזען, און דאך הײסט ער אויך: אנ׳ ערלערן, א בעסערן לײב זאלסט דו שאפען... א שאפענדען זאלסטו שאפען!“

ער : רעדען מיר בעסער וועגען פרעהליכערע זאכען, זאג דו א־ קארסט פערעלע, וואו האלסטו אין „קאפיטאל“? האסטו שוין פיעל פרקים געלערענט? וואס, עס געהט אביסעל שווערליך, דײן קאפ ליגט אין נארישקײטען. נײן. פערעלע, דו מוזט די זאך אביסעל ערנסטער און פלײסיגער נעהמען...

זי : אז איך וואלט שטענדיג זײן מיט דיר וואלט איך פיעל גרינ־ גער געלערנט, מיט דיר איז עפעס אנדערס, מיט דיר, וועל־ וועלע, וואלט דער „קאפיטאל“ געהן ווי א מזמור...

ער : נײן, פערעלע, עס איז איצט א מלחמה צײט, עס ברענט די רעוואלוציאן, זי ברויכט קרבנות, אין אזא צײט, זאג איך דיר פײגעלע, איז א זינד צו טראכטען וועגען אונזער אײגענעם גליק. עס ליגט איצטער מיר אין קאפ עפעס וויכטיגערע זאכען ווי א נעסט בויען...

זי : אין נעסט וועלען מיר לעבען ווי צווײ טײבעלעך, אײ, וועט דאס זײן א לעבען פון לעבען לאנד, אין אונזער נעסט וועלען מיר קלויבען נײע כוחות, נײען מוטה אום צו קעמפפען ארוים־ פליהענדיג פון נעסט... דרויסען וועלען מיר זײן ווי רויבפויגעל... מיר וועלען פעראײניגען אונזערע כוחות צו פליהען הויך אין א א פרײער וועלט...

ער : פערעלע דו ביזט א פאנטאזיארקע. דו ביזט נאך א קינד... דו ווײסט ניט ווי הארט איז דאס לעבען, ווי שווער איז דער קאמפף... די קלײנע פײגעלעך אין נעסט וועלען אונז שוואך מאכען, מיר וועלען מוזען קריכען אין מיסט, פויזען אויף דער ערד צו זוכען קערענדלעך פאר די קלײנע פײגעלעך...

זי : דו קענסט לאכען פון מיר, אבער איך מוז דיר זאגען דעם אמת דאס זעהר אפט דוכט זיך מיר, דאס מײנע חברתות אין דער יוגענד, וועלכע אלע האבען שוין קינדערלעך, זענען פיעל גליקליכער אלס איך. מיר דוכט זיך אפט, אז זײ טהוען עפעס

וויכטיגערעס אין לעבען אלס איך, זיי זיינען זייערע קינדער, זיי האָרעוועןפופקעליך, זיי העלפען זייערע מאַגען... זייערע זאָרגען וועגען קומענדיגען דור האָט אַ ממשות. און ווען איך בעטראַכט מיין אייגענעם לעבען פאַל איך אין מיינע אויגען. וואָס און ווער בין איך. ווענען וועל איך העלפען, וועמען וועל איך גרינגער, זיסער מאַכען דאָס לעבען ווען איך וועל שוין דעם גאַנצען „קאַפּיטאַל" אויסלערנען...

ער: דו האָסט רעכט, פערעלע. דורך דעם וואָס דו וועסט זיצען ביי דיין מאַמען צו הויז, און פאַרקען זיך אין „קאַפּיטאַל" וועסטו קיינעם ניט העלפען. דו מוזט לערנען כדי זיך בעסער צו בעוואַפענען אין קאַמפּף. מיט הוילע הענד קאָן מען אין קאַמפּף ניט גערן. פופקעליך זאָלען אַנדערע האָרעוועןן, דו ביזט אָבער ניט געבאָרען צו זיין אַ קוואַקוכע ווי דיינע חברתות. דו געה אין קאַמפּף, טראַכט ניט וועגען אַ וואַרעמען נעסט. אין געפאַהר, אין דער עוויגער מלחמה פאַר פרייהייט, פאַר גערעכטיגקייט, פאַר דעם גליק פון אונגליקליכע מענשען, — אין דערינען ליעגט אונזער אייגענער גליק, דאָס איז דאָס ריכטיגע ווירקליכע לעבען. געה, פערעלע, אין די קעמפפענדע רייהען. די רייהען ווערען שיטערער, מען מוז זיי פילען...

זי: עס איז דיר גרינג צו זאָגען: געה: אָבער, זאָג דו אַליין, ווי קאָן איך לאָזען מיין אַלטע, קראַנקע מאַמען און געהן אין אייערע רייהען, דאָס הייסט טודטען די מוטער... ניין, דאָס וועט זיין פאַר איהר שווערער, ביטערער אַלס דער טויט...

ער: דאָס וואָס איז שוואַך, אַלט, קראַנק, מוז שטאַרבען, זאָל שטאַרבען, אַביסעל פריהער, אַביסעל שפּעטער, דער אונטערשיעד איז ניט גרויס. אָבער מיר מוזען טראַכטען וועגען נייעם לעבען, פרייעם לעבען. איך בעגרייף ווי שווער דיר איז לאָזען דיין מוטער. ווי דו הענגסט אויף איהר, ווי ליעב דו האָסט זי. איך האָב אַליין אויך אַ מוטער. אָבער אַ רעוואָלוציאָנער מוז שטאַרק מאַכען זיין האַרץ ווי שטיין. די ליעבע, די אָנהייגליכקייט איז פאַר אַ רעוואָלוציאָנער אַ לוקסוס־אַרטיקעל, צופיעל ראָסקאָש...

זי: געוויס, מיט מיין קאָפּ פערשטעה איך, אַז דו ביזט גערעכט, אָבער מיין האַרץ קאָן איך מיר ניט אויסשניידען. איך בין ווי

צווישען צוייא מאגנעטען: עס ציהט מיך צו דעם קאמפף, צו דער רעוואָלוציאָן, עס הויבט מיך פון אָרט צו לויפען צו די שוועסטער, וועלכע זענען זיך מקריב פאר דער פרייהייט. עס איז מיר עקעלהאפט דאס לעבען אין שטוב, אין דער רוהע, ווען אומעטום איז בעוועגונג, אומעטום שפּראָצט נייעס לעבען, אָבער פון דער אנדערער זייט, ווען איך זעה, דאס די אלטע מוטער קאָן אָהן מיר איין מינוט ניט לעבען, דאס איך אליין האלט זי אויף די פיס, בין איך ווי געבונדען מיט קייטען. און דארום זאָג איך: נאָר דו קאָנסט מיך פון אלעם בעפרייען. זאָג מיר, דאס איך בין דיין אויף עוויג, נעהם מיך, וועל איך געהן מיט דיר ביז אַנ׳עק וועלט, אויף סאחאלין און וואוהין דו ווילסט, וואוהין דו מוזט. מיט שמחה וועל איך געהן צו דער תליה, ווען איך וועל וויסען דאס איך בין דיינע, נאָר איך אליין, און דו פער־לאנגסט דאס פון מיר. אָהן דיר בין איך שוואך.

ע ר: דו רעדסט אלין וועגען איין זאך. ניט איך. פערעלע, פער־לאנג פון דיר וואס. די רעוואָלוציאָן רופט דיך, דארף דיך... איך וויים, דו האָסט אין זיך גענוג קראפט; דו געהערסט ניט צו דער אלטער אָבשטארבענדער וועלט... דו מוזט זיך אָבער בעפרייען. דו מוזט אויסוואָרצלען אלע דיינע קראנקע געפיהלען, אויסמעקען אלע דיינע ראָמאנטישע פאנטאזיען. דו הערסט ווי עס שטירצט די אלטע וועלט, ווי עס פאלען די אלטע געטער, די אלטע מזבחות...

ז י: אלין אמת. אָבער מיין אלטע ליעבע צו דיר, וועלוועלע, לעבט, און וועט קיינמאָל ניט שטארבען. אלין שטארבט אויס, אלין שטירצט, אָבער די ליעבע איז עוויג, זי איז שטענדיג יונג, הייס, שטארק, שטארקער ווי דער טוידט. זאָג מיר אויך היינט דאס דו ליעבסט מיך, ווי דו האָסט מיך אמאָל געליעבט, בין איך אויף אלין בערייט. ליעבסטו מיך, וועלוועלע. קוק מיר גלייך אין די אויגען און זאָג דעם אמת, זאָג: ליעבסטו מיך?

ע ר: איך ליעב דיך, פערעלע, אָבער די פרייהייט נאָך מעהר...

ז י: פרייהייט אָהן ליעבע, אָהן ליעבע ווי איך פיהל זי, אָהן ליעבע, וועלכע האָט קיין סוף, קיין עק, אזא פרייהייט, זאָג איך דיר, וועלוועלע, איז פוסט, טויט, און איז גאָרנישט ווערט.

עֶ ר : ליִעבּעֶ אָהן פּרײַהײַט איִז גאָרניִשט װעֶרט . נאָר אַ פּרײַעֶר מעֶנש קאָן ליִעבּעֶן, די ליִעבּעֶ איִז ניִט פאַר קניִעבּט.

ז יִ : קאָן מעֶן ניִט פעֶראײַניִגעֶן די ליִעבּעֶ מיִט דעֶר פּרײַהײַט?

עֶ ר : דאָס הײסט די פּרײַעֶ ליִעבּעֶ ! איִך גלױב דאָס איִז שױן מעֶגליִך .

ז יִ : דאָס הײסט : הײַנט איִך, מאָרגעֶן ... יעֶ, מאָרגעֶן, װעֶן דו פיִהלסט זיִך ניִט פּרײַ, פּרײַ װי דו גלױבּסט, פּרײַ װי דו װיִלסט — דאַן אַנ'אַנדעֶרעֶ ; און דו בּיִזט װיִדעֶר פּרײַ ... דעֶרצו האָב איִך קײן טאַלעֶנט ... איִך בּעֶגרײַף ניִט אַזאַ ליִעבּעֶ ... אַזאַ ליִעבּעֶ איִז אומגליִק, דאָס איִז אַ שפּיִעל, די ריִכטיִגעֶ ליִעבּעֶ איִז עֶבּיִג ...

עֶ ר : אַזאַ ליִעבּעֶ װי דו מײנסט איִז קנעֶכטשאַפט, זי טױדטעֶט אַלעֶ פּרײַעֶ געֶפיִהלעֶן, אַלעֶ פּרײַעֶ שטרעֶבּונגעֶן . איִך האָב קײן פעֶהיִגקײַט ניִט צו אַזאַ מין ליִעבּעֶ ...

ז יִ : איִך מײן די ליִעבּעֶ, ריִכטיִגעֶ ליִעבּעֶ, און דו מײנסט װאָס אַנדעֶרס ...

עֶ ר : איִך מײן די פּרײַהײַט, די ריִכטיִגעֶ פּרײַהײַט, און דו, פעֶרעֶלעֶ, מײנסט װאָס אַנדעֶרס ...

ז יִ : איִך מײן דו האָסט מיִך קײנמאָל ריִכטיִג ניִט געֶליִעבּט, דעֶן די װאַהרעֶ ליִעבּעֶ שטאַרבּט ניִט, װעֶרט קײנמאָל ניִט שװאַך ...

עֶ ר : אַזאַ ליִעבּעֶ לעֶבּט איִן טרױם, די פּרײַהײַט איִז אָבּעֶר די װיִרקליִכקײַט אַלײן ...

ז יִ : און איִך זאָג דיִר, דאָס די פּרײַהײַט איִז אַ חלום, אַ שעֶנעֶר חלום, און נאָר די ליִעבּעֶ אַלײן איִז די װיִרקליִכקײַט . —

פֿון מיין בערלינער טאָגע-בוך.

איך זיץ אין אַ גרויסען זאַל בײַם פּראָפֿעסאָר לײדען, אין אַ זומער-טאָג. אין זאַל זיצען פֿיעל קראַנקע, אָדער װעלכע עס האַלטען זיך פֿאַר קראַנקע, און פֿון מינוט צו מינוט קומען אַרײַן נײַע פּאַציענטען. דער גרעסטער טהײל פֿין זײ זענען רוסישע יודען, יודינעס פֿון פֿערשידענע גובערניעס. די צײַט ציהט זיך לאַנגזאַם. אַלע זיצען אין אײן װיארטען. פֿיעלע פֿון די פּאַציענטען װײסען ניט, דאָס פֿון דער אַנדערער זײַט איז אויך אַ גרויסער זאַל און דאָרטען זיצען אייך פֿיעל פּאַציענטען און װאַרטען. די עטליכע דײַטשען, אויך ניט בערלינער, װעלכע זיצען אין זאַל, בלעטערען אילוסטרירטע זשורנאַלען, אַלבאָמען, קונסט-װערק, קוראָרטס-בעשרײַבונגען א. ד. ג. זײ פֿערהאַלטען זיך גאַנץ שטיל. רוהיג און געדולדיג. זײ האָבען אַנ' ערנסטעס געזיכט, יעדערער פֿון זײ זיצט בעזונדער און רעדט ניט מיט דעם אַנדערען קײן אײנציג װאָרט. די רוסישע יודען אָבער האָבען זיך אַלע אײנער מיט דעם אַנדערען בעקאַנט, רעדען צװישען זיך, פֿרעגען, ענטפֿערען, דערצעהלען אײנער דעם אַנדערען מיט אַלע פּרטים זײער חולאַת, גיבען אײנער דעם צװײטען עצות, יעדערע פֿון זײ קרעכצט אויף די צרות פֿון דעם אַנדערן, פֿרעגט זיך נאָך אויף קרובים, מחותנים, אויף געשעפֿטס-זאַכען א. ד. ג.; אַלע רעדען אויף אײנמאָל, האַקען איבער אײנער דעם אַנדערען אין מיטען די רעד און פֿערהאַלטען זיך זעהר אונרוהיג: הוסטען, חראַקען, געהן איבער פֿין

אײַן אָרט אויף דעם אַנדערען און שטעלען זיך, זעצען זיך און
לויפֿען אַלע ווײַלע צו דער טהיר, ווען עס געהט אַרײַן דער דינע-
נער, לויפֿען זיי אַלע צו איהם צו, פֿרעגען בײַ איהם וואָס, בעטען
טען איהם און ערקלערען איהם, דאָס זיי קאָנען דאָ פֿיעל ניט
בלײַבען, דאָס ער מוז זיי היינט, ניט אַנדערש, צום פּראָפֿעסאָר
אַרײַנלאָזען. דער דינער איז גאַנץ קאַלטבלוטיג, און אַנשטאַט
צו ענטפֿערען וואַרפֿט ער נאָר אויף זיי אַ בליק פֿול מיט שנאָה
און פֿעראַכטונג. שטום שטופּט ער זיי אָב פֿון זיך און ווײַזט זיי
בעפֿעהלענד מיט דער האַנד זיי זאָלען זיך זעצען אויף זייערע
ערטער, רופֿט אַרויס אײנעם פֿון די פּאַציענטען, וועלכענס נומער
עס שטעהט אויפֿ'ן צעטעלע, קעהרט אום דעם רוקען און גראָ-
בען קאַרק און געהט אַרויס. עס ווערט אַן אָבצענעס און אַ
קרעכצענעס און מע זידעלט אונטער אַנאַנדער אַלע דײַטשען מיט
זייערע פּאָראָנדקעס. פּלוצלונג עפֿענט זיך די טהיר און עס לויפֿען
אַרײַן מיט רעש אַ רוסיש-פּױלישער ייד מיט אַ דיקער פֿרוי און
דרײַ קינדער. דאָס עלטערע 14 יאָהר און דאָס יונגסטע 8 יאָהר;
ער אין אַ נײַעם גוטען לאַנגען געוואַטעווענעם סורטוק, אין אַ קאַר-
טוז מיט אַ ברייטען דעק, אין אַ שוואַרצען סאַמעטענעם זשילעט,
פֿון וועלכען עס הענגט אַראָב אַ שווערע גאָלדענע קייט. פּאות
אַ ביסעל אונטערגעשאָרען און אַ ביבערנער פּעלץ-גרייזעלט. די באָרד
שיטער, שפּיציג און עקיג. דאָס ווײַב איז אַן אויסגעטאָקטע יודע-
נע אין אַ געלען פּאַרוק, מיט אַן אויסגעבויגטען נאָז. ווי אַ שופֿר,
אין שווערע גרויסע אוירינגליך, אין זײַד און סאַמעט אײַנגעוויקעלט
קעלט אין אײַנגעדרעהט ווי אַן עגיפּטישע מומיע. אויף די דיקע
קורצע פֿינגער בריליאַנטענע פֿינגערליך, די קינדער אין העלפֿט-
יודישער און העלפֿט-הײַנטמאָדישע קליידער. די דיקע יודענע האָט
זיך אַרײַנגעוואָרפֿען אין אַ קרעסלע און האָט אַרויסגעלאָזען אַ
לאַנגען „אוההף״... גרויסע טראָפּען שווייס האָבען זיך געקײַקעלט
פֿון איהר רויטען, אָבגעקאָכטען פּנים. אומזיסט האָט זי זיי געווישט
מיט איהרע דיקע הענד. איהר מאַן איז אונרוהיג אַרײַנגעגאַנגען
און אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער. ער האָט עמיצען געזוכט. די דרײַ
קינדער האָבען אַלע ביבער און זשורנאַלען, וועלכע ליגען אויף די
טישען, געשלעפּט, געצויגען, געפּליקט, געקנייטשט און איבער-
געקערט אַלץ מיט'ן קאָפּ אַראָב. דער יונגערער פֿון זיי איז אַרויפֿ-

געקראָכען אויף אַ סאָפֿע און האָט זיך געהאָצקעט מיט שמוציגע
פּים. די אַנדערע צוויי זענען אויך געקראָכען אומעטום, אַלץ
אומגעדרעהט, אַלץ איבערגעטאַפּט, אומעטום נעשפּײט און נע=
סמאָרקעט. די עטליכע דײַטשען, וואָס זענען געזעסען אין זאַל
זענען געוועזען צוקאָכט, צוקוקענדיג דאָס אַלץ, אָבער זיי האָבען גע=
שוויגען. מיט אַ מאָל איז אַרײַנגעלאָפֿען דער פֿאָטער פֿון די קינדער
און האָט אַרײַנגעברומט אַ סוד דער פּלונית׳טע זײַנער, דאָס מען
האָט געהערט אין גאַנצען זאַל: „איך האָב געגעבען דעם משרת
צייהן מאַרק, ער וועט מיך באַלד אַרײַנלאָזען צום פּראָפֿעסאָר.
אַ כלל, עס איז אומעטום איין וועלט, אַז מען שמירט — פֿאָהרט
מען. וואָס דען, איך וועל דאָ זיצען ווי די דײַטשליך די חמורים
און האַלטען דאָ נאָך שבת? אַסך בעסער וואָס איך האָב כפּרות
געשלאָגען מיט צעהן מאַרק און אַ סוף אַנ׳ עק, אַראָב פֿון מאַרק...׳
אָבזאָגענדיג דעם סוד, האָט ער׳ גענומען שלעפּען פֿון אַלע קעשע=
נעס רעצעפּטען. די ווײַב האָט אויך אַרויסגעשלעפּט פֿון איהרע
קעשענעס אַ גאַנצען פּעקיל רעצעפּטען און האָט עס אויך איהם
אָבגעגעבען. דערווײַל איז אַרײַנגעגאַנגען דער דינער און האָט
זיך נידריג אַ נייג געטהון פֿאַר דעם פּוילישען יודען, האָט איהם
געעפֿענט די טהיר און האָט איהם גערופֿען נאָך זיך אין דעם
פּראָפֿעסאָר׳ס צימער. אין אַפּאָר מינוטען אַרום איז דער פּוילישער
יוד אַרײַנגעלאָפֿען אין זאַל מיט אימפּעט, אַ הירוז, און ער האָט
אויסגערופֿען, ווי ער ווענדעט זיך צום גאַנצען עולם: „שדים ווײַ=
וואָס! קאַרלסבאַד!... נאַ דיר גאָר קאַרלסבאַד! אָבער דאָס איז
קיין דבורים, וואָס הייסט קאַרלסבאַד=שמאַרלסבאַד... איך...
יעצט... און אין דערהײַם דער עסק... געה, טענה מיט איהם...
ער לאָזט גאָרניט רעדען... צוגעחאַפּט דרייסיג מאַרק (- דרייסיג
מכות זאָל זיך איהם זעצען, רבונו=של=עולם! — האָט דערבײַ די
ווײַב אונטערגעברומט—) און קען מיך שוין מטהר ניט... עפֿענט
די טיהר — און פֿאַרטיג!... האָט אַפֿילו די רעצעפּטען ניט
אָנגעקוקט...״

ווען דאָס דאָזיגע פּויליש=יודישע פּאָר=פֿאָלק מיט דאָס גאַנ=
צע ביסיל בלוט זייערס האָבען זיך אַרויסגעקליבען פֿונ׳ם זאַל, האָט
זיך צו מיר געווענדעט איינער פֿון די פּאַציענטען (זײַן נאָז האָט
מיר שוין געזאָגט ווער ער איז...) מיט אַ טרויריגער און זיפֿצענ=

דֶער שטִימֶע: „אָט פֿוּן וואַנֶען עֶס קוּמט דֶער אַנטִיסֶעמִיטִיזם אַהֶער, דִי פּױלִישֶׁע יוּדֶען בּרֶענגֶען אִיהם אַהֶער... יאַ, יאַ, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַװעֶק צוּ לױפֶען פֿוּן בֶּערלִין!..."

* * *

זוּמֶער פֶערנאַכט. אִיךְ שפּאַצִיר אִין דֶער זִיעגֶעס אַלֶעע אִין טהִיר גאָרטֶען. אױף דֶעם גלאַטֶען אַספֿאַלט־פּלאַסטֶער פֿאָהרֶען הִין־אוּן־צוּרִיק קאַרֶעטֶען מִיט רֶעזִינאָװע רֶעדֶער. אִין װעֶלכֶע עֶס זִיצֶען אױסגֶעפּוּצטֶע דאַמֶען אוּן הֶערֶען. דִי פֿוּס־גֶעהֶער, מִידֶע־מאַטֶע פֿוּן הִיץ אוּן אַרבּײטֶען דֶעם גאַנצֶען טאָג, קוּקֶען מִיט קנאָה אױף דִי לײַכטֶע, שֶׁענֶע קאַרֶעטֶע מִיט דִי אױסגֶעצִירטֶע פֶערד. װעֶלכֶע עֶס פִיהרֶען שפּאַצִירֶען לֶײדִיג־גֶעהֶער. פֿוּן בּײדֶע זײטֶען אַלֶעע שטֶעהֶען מאַרמאָרנֶע סטאַטוּעֶן פֿוּן דִי דײַטשֶׁע קוּרפֿירסטֶען מִיט „אָנגֶעגוּרטֶע לֶענדֶען" אָנגֶעשפּאַרט אױף זײערֶע שװעֶרדֶען, אַז עֶס פֶאַלט נאָר אָן אַנ׳אֵימָה קוּקֶענדִיג אױף זײ. אַרוּם יֶעדֶער סטאַטוּע שטֶעהֶען רֶעדלִיךְ מֶענשֶׁען, מִיט פֶערְרִיסֶענֶע קעֶפּ, מִיט פֶערקאַסֶערטֶע אױגֶען אוּן אָפֶענֶע מײַלֶער אוּן מֶען קוּקט. דאָס זֶענֶען פּראָװִינצִיאַלֶען. דִי בֶּערלִינֶער האָבֶּען אמת הנאָה װעֶן זײ זֶעהֶען, דאָס מֶע שטֶעהט אוּן מֶע װאוּנדֶערט זִיךְ אױף דִי סטאַטוּעֶן אִין טהִיר־גאַרטֶען. זײ האַלטֶען זִיךְ גרױס מִיט דֶער זִיעגֶעס־אַלֶעע, רֶעכטֶס פֿוּן מִיר זֶעה אִיךְ דֶעם פּאַרלאַמֶענט, װִי שֶׁען, װִי װאוּנדֶערבּאַר, אָבֶּער אױךְ װִי שװעֶר, װִי עֶרדרִיקֶענד עֶר אִיז. לִינקס זֶעהט זִיךְ דִי זִיגֶעס־אַלֶעע, װעֶלכֶע עֶרװעֶקט אִין מִיר אִימֶער אוּמֶעטִיגֶע גֶעדאַנקֶען. דֶעם מאָל אָבֶּער האָבֶּען זִיךְ מײַנֶע גֶעדאַנקֶען אִיבֶּערגֶערִיסֶען. אִיךְ האָבּ דֶערהֶערט אַ רעש, אַ גֶעפִּילדֶער. אִיךְ קעֶר מִיךְ אוּם, אִיךְ זֶעה אִין דֶער זײַט שלֶעפּט אַ פּאָלִיצײ־מאַן אַ יוּדֶען אוּן עֶס לױפֶען נאָךְ דִי בֶּערלִינֶער װײַסֶע חברה׳נִיקֶעס, דִי הֶענד אִין קֶעשֶׁענֶעס, דֶער הוּט אִין אַ זײַט אוּן דִי צִיגאַרֶען אִין מױל. אִיךְ װײס נִיט פֿוּן װאַנֶען האָבֶּען זײ זִיךְ דֶעם אױגֶענבּלִיק צוּזאַמֶענגֶעלאָפֶען, פּוּנקט װִי פֿוּן דֶער עֶרד אַרױסגֶעקראָכֶען. אִיךְ בֶּעטראַכט דֶעם יוּדֶען, אַהאַ — אוּנזֶער אַ רוּסִישֶׁער. דֶער יוּדִיל לאַפּאָטיֶעט עֶפּעֶס אוּן װִיל נִיט גֶעהן. אִיךְ זֶעה, דאָס דֶער פּאָלִיצײ־מאַן פֶערשטֶעהט נִיט קײן אײן װאָרט. אִיךְ גֶעה צוּ צוּם יוּדֶען אוּן פֿרֶעג אִיהם װאָס אִיז דאָס, אֶפֿשר קֶען אִיךְ אִיהם בֶּעהִילפִיג זײַן. דֶער יוּד האָט זִיךְ

דערפֿרעהט און האָט אויסגעשריען: „אַי, ראַטעוועט מיך! איך ווייס ניט וואָס ווילען זיי פֿון מיר. איך פֿערשטעה ניט וואָס זיי באַלאַבאָצען מיר, און פֿערשטעהען ניט וואָס איך רעד“.

דער פּאָליציי-מאַן האָט מיר ערלויבט איך זאָל דעם יודען אויסהערען און איהם איבערזעצען, וואָס ער זאָגט. דער יוד האָט אָנגעהויבען: „הערט אַ מעשה, דאָ איז דאָך סדום, נאָך ערגער ווי אין סדום. איך געה מיר דאָ אין וואַלד, געה און געה, בלאָנדזשע און בלאָנדזשע און איך בין ניט פֿאָרענט, ניט הינטען, איך ווייס ניט ווי קלויבט מען זיך אַרויס צו מיין אַכסניא. אָבער, וועג און ווידער אַ וועג, אָבער אַ טראַקטיר און ווידער אַ טראַקטיר, און דאָך אין וואַלד. די פֿיס ברעכען זיך מיר אונטער. אין מיטען דערינען זעה איך עס שטעהען אַ סך שטולען איינע נעבען די אנדערע, מיינער נעהמט און זעצט זיך, איך הער אַ חיות אין די פֿיס, עס געהען אָב אַלע גלידער, אָבער הערט אַ מעשה: פּלוצלונג איז ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען עפּעס אַן אַלטע מכשפה און שטעקט מיר אַ צעטיל אין האַנד, איך דרעה זיך אָב אָן אַ זייט און וויל ניט, אָבער זי שטעהט מיט'ן צעטיל אין האַנד און באָלבעט. איך ווייס ניט וואָס זי וויל פֿון מיר. איך האָב זיך מישב געווען, וואָס געהט עס מיר אָן, וואָס אַרט מיך אַז זי פּלוידערט, איך מאַך זיך ניט הערענדיג און קוק גאָרניט אין איהר טרפה'נעם פּרצוף, אָבער די הולטייקע, ימח שמה, פּישצעט און ווישצעט און ווייזט מיר מיט די פֿינגער און מיט אַלערליי סמנים, דאָס זי מיינט גאָר געלד, איך זאָל בעצאָהלען דערפֿאַר וואָס איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ מינוט אויף אַ שטול. איך פֿרעג ביי איהר אויף אונזער לשון: זאָג דו מיר, די טרפה'ניאַצקע, פֿאַר וואָס זאָל איך געלד צאָהלען, האָב איך דען אָבגעריבען אַ שטיקעל שטול? נאָר, ניין. איך זעה אַז איך וועל פֿון איהר ניט פּטור ווערען, איך הויב מיך אויף, טהו איהר אַ שפּיי אין צורה און גיב-זיך אַ לאָז, — מיינט איהר דאָך, אַז עס איז שוין גאָר? ניין, הערט אָבער אַ מעשה: זי פּוילט זיך ניט און רופֿט טאַקע אַ „קנעפּיל“, און מען חאַפּט און מען שלעפּט מיך. פֿרעגט וואוהין, פֿאַר וואָס, מה פּשעי? ווי עס ווייזט אויס וויל אָט דער ערל עפּעס אין יד... נו, וואָס זאָגט איהר? ווי מאַכט מען דאָ? שוין-זשע וועט מען איהם מוזען עפּעס נותן'ען?... אַ

פנים האט דאס, אז א „קנעפיל" איז אומעטום א קנעפיל...' —

איך האב דעם יודען ערקלערט. דאס דא אין בערלין איז אזוי איינגעפיהרט, אז ווען מען זעצט זיך אין גארטען אויף א שטול מוז מען בעצאהלען 10 פעניג, דאס געלד געהערט ניט דער אלטער פרוי, נאר דאס געהט אויף צדקה-זאכען.

אזוי, אזוי, אודאי געהט עס אויף א קלויסטער; מילא וואס מאכט מען. נאט, זייט אזוי גוט, גיט זיי די מטבע — און זאלען זיי זיך ווערגען. וואס איהר זאגט א מעשה;

איך האב די זאך איינגעוויקלט דעם פאליציי-מאן, און ער האט איהם אבגעלאזען.

מען זעהט טאקע, — זאגט צו מיר דער יוד, — אז גאט שיקט-צו די רפואה פאר דער מכה. וואס, למשל, וואלט איך טאקע אהן אייך געטהון?

רעדענדיג די ווערטער, זענען מיר פארביי געגאנגען פאר א שענע גרופע פון סטאטיען, וואו עס שטעהען פיעל דורכריינענדע אייראפייער מיט בעדעקטע'ם בעשריי בינגען אין האנד און קוקען.

— וואס קוקען זיי, אט די דייטשליך? — פרעגט מיך דער יוד.

— זיי בעטראכטען די שענע סטאטוע, דאס איז די אבגעטין פון דער שענקייט.

— הא — הא — הא! נו א אומה, נו איז דאס א אומה, רבונו של עולם!...

מײַן מוטער.

מײַן מוטער...

מײַן מוטער איז שוין טויט. פֿיעל, זעהר פֿיעל, וואָלט איך אײַך געקאָנט דערצעהלען פֿון איהר און וועגען איהר. מיר דאַכט זיך, איך וואָלט נישט מיעד ווערען זיצען טאָג און נאַכט, און דערצעהלען אײַך איבער מײַן פֿערשטאָרבענע מוטער.

אָבער דאָס מאָל וויל איך אײַך דערצעהלען נאָר אַ גאַנץ קליינע „עפּיזאָדע” פֿון איהר לעבען, פֿון איהרע לעצטע טעג.

* * *

מײַן מוטער אַנ'אַלט־מאָדישע, זעהר אַ קלוגע און זעהר אַ פֿרומע יודענע איז געלעגען קראַנק. זי איז געוועזען זעהר קראַנק, און איך בין געזעסען טאָג ווי נאַכט בײַ איהר צוקאָפּען. דער ליעבער מוטער איז שוין געוועזען שווער צו רעדען. איהר בליק האָט מעהר גערעדט, מעהר געזאָגט אַלס איהרע ליפּען. און די איינצעלנע, אָבגעהאַקטע ווערטער, וועלכע זי האָט מיט גרויס מאַטערנעס ארויסגערעדט האָבען עדות געזאָגט ווי שטאַרק, ווי טיעף זי האַנגט אָן דעם לעבען, ווי גרויס איז געוועזען איהר פֿערלאַנג צו דערלעבען נאָך נחת פֿון איהרע קינדער. און דאָך מיט וואָס פֿאַר אַ רוהע, מיט וועלכע „ענטשלאָסענהייט” זי האָט דערוואַרטעט און בעגעגענעט דעם שווערען טויט...

און די מוטער מײַנע איז נאָך געוועזען אין די בעסטע יאָהרען, איהרע האָר נאָך כמעט שוואַרץ, און איהרע אויגען נאָך גאַנץ יונג...

זיצענדיג בײַ דער מוטער צוקאָפּען האָב איך נישט געקאָנט אַראָבנעמען אַנ'אויג פֿון איהר לײַדענדען, פֿערגײַסטיגטען פּנים. שטונדען לאַנג האָב איך געהאַלטען איהר שוין אײַסגעדאַרטע, אויסגעמאָגערטע, קלוגרעדענדע האַנד. דען נישט נאָר איהרע אויגען, אויך איהרע הענד האָבען שטום, צאַרט און זאַנפֿט פֿיעלעס דערצעהלט; פֿיעל מעהר אַלס מײַן פֿעדער איז אין שטאַנד און בכח אײַך צו דערצעהלען, אָדער אַפֿילו נאָר מרמז זײַן...

ווען די מוטער איז געזונד געווען פֿלעגט זי פֿון מיר פֿערלאַנגען, איך זאָל איהר איבערזעצען און פֿאָרלעזען אין יודיש אַלעס וואָס איך שרײַב. מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקײַט פֿלעגט זי זיך צוהערען צו דעם וואָס איך לעז פֿאַר איהר. פֿלעגט שאָקלען מיט'ן קאָפּ, און פֿון איהר געזיכטס-מימיק פֿלעג איך לעזען איהר קריטיק. און זי איז געווען זעהר אַ שטרענגע קריטיקערין. אין געוויסע שטעלען פֿלעגט זי איבערהאַקען מײַן פֿאָרלײַענען מיט איהרע קורצע וויי-שטראָפֿענדע בעמערקונגען, ווי צום בײַשפּיעל:

„נײן, מײַן קינד, דאָס איז חלול השם, איבער אַזעלכע זאַכען טאָר מען ניט שרײַבען". אָדער: „מײַן ליעבעס קינד, דו לאַכסט פֿון פֿרומע יודען, און דאָס טוט מיר וועה". אָדער: „דו קענסט ניט, דו בעגרײַפֿסט ניט דאָס האַרץ פֿון אַ יודישער פֿרוי, פֿון אַ יודישער מוטער, דו שילדערסט זי ניט ריכטיג". אָדער: „מײַן קינד, דו ביזט טאַקי געבילדעטער פֿון מיר, דאָך זאָגט מיר מײַן פּראָסטער שכל, דאָס ניט אַזוי האָסט דו געדאַרפֿט בעשרײַבען די פּערזאָן"... אָדער: „מײַן קינד, דאָס איז נאַרישקײַט, ליצנות, צו וואָס ברויכט מען דאָס"...

געווען שטעלען וואו די מוטער פֿלעגט בײַ מײַן פֿאָרלײַענען בעגיסען זיך מיט טרערען. „דו האָסט מיר, מײַן קינד, ווי צו געטראָפֿען, פֿון מײַן האַרץ אַרויסגערעדט". פֿלעגט זי אויסרופֿען מיט התפּעלות. אָדער: „ליעבעס קינד, דאָס וואָס איך האָב אַ גאַנצעס לעבען געחלומ'ט, געהאָפֿט, געטראַכט, נאָר קײן לשון געהאַט דאָס אַרויסצוזאָגען האָסט דו דאָס אַרויסגערעדט, אַרומגעשריבען".

געווען פֿאַלען, ווען די ליעבע מוטער פֿלעגט בײַז, ערנסט בעמערקען צו מיר: „דו ביזט דאָך אַ דערוואַקסענער מענש, און

דו מאַכסט זיך קינדיש און שרײַבסט אַזעלכע קלײניגקײטען, דומהײטען, פוסטע מעשיות". אָדער: „פֿע, חלשות. אַ ערהליכער יוד דאַרף אַזעלכע מאוס'ע, פֿערשײַטע, אויסגעלאַסענע זאַכען ניט בעשרײַבען, דאָס פּאַסט ניט פֿאַר דיר. גאָט האָט דיר אַ פֿעדער געגעבען, ניט אויף צולאָזען מאַכען דעם עולם, ניט אויף אַראָבפֿיהרען פֿון וועג די יונגעלײַט". אָדער: „וואָס פֿאַר אַ מין ליבע שילדערסט דו? די אמת'ע ליבע פֿון אַ יודישער פֿרוי רעדט ניט, קושט ניט, ווײַזט זיך ניט אַרויס, איך ווײס ווי איך האָב ליעב געהאַט דײַן טאַטען, און האָב דאָס איהם קײן מאָל געזאָגט".

מאַנכעס מאָל פֿלעגט זיצען די מוטער טרויעריג פֿערטראַכט, און זיך וועגדעגדיג צו מיר פֿלעגט זי מיט אַ טיעפֿען זיפֿץ אויסרופֿען: „אָ ווען איך וואָלט געהאַט דײַן פֿעדער וואָלט איך שוין וויסען ווי צו בעשרײַבען די יודישע צרות, דעם ביטערן און פֿינסטערן גלות, דאָס שווערע לעבען, דעם פּײַן פֿון אַ הײַנטיגער מוטער..."

* * *

נישט ווײַט פֿון דער מוטערס קראַנקען בעט איז געשטאַנען מײַן יונגערער ברודער אין אַ לײַווענדנען קיטעל און האָט פֿלײַסיג געאַרבײַטעט אויף די „פֿאָלענדונג" (דאָס פֿערטיג מאַכען) פֿון אַ „גרופּע", וועלכע ער האָט פֿון „ערד-טאָן" (אַזאַ לײם) שוין מעהר ווי אַ יאָהר געמאַכט. ער האָט דאָס געוואָלט פֿאַרטיג מאַכען צו דער זומער קונסט-אויסשטעלונג.

מײַן ברודער, דער סקולפּטאָר, האָט געזעהען, האָט געפֿיהלט, דאָס די לעצטע כּחות פֿון דער ליבער מוטער לעשען זיך אויס, דאָס זי שטאַרבט אָב פֿון טאָג צו טאָג. דאָך האָט ער ניט געקענט אונטערדריקען, מנצח זײַן, דעם חשק, דעם דראַנג אין זיך, זײַנע לײמענע „גרופּע" לעבעדיג צו מאַכען, און זײַן אָטהעם, זײַן נשמה אין איהר אַרײַנצובלאָזען. אײן אויג האָט ער נישט אַראָבגענומען פֿון דער אויסגעהענדער מוטער, מיט דער אַנדער אויג האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו טוסטערן, צו בעקוקען די „גרופּע". וועלכע בעקומט פֿון שעה צו שעה מעהר לעבען.

נישט אײן מאָל האָט מײַן ברודער אַוועקגעוואָרפֿען, מיט פֿערצווײפֿלונג, די לײם (טאָן) און דעם שטיפֿט פֿון זײַן מײַסטער

האַנד. קוקענדיג ווי די מוטער געהט אויס ווי אַ ליכט פֿאַר פֿײַער,
איז ער ניט געווען אין שטאַנד צו ענדיגען זײַן קונסט־ווערק. אָבער
יעדעס מאָל ווי ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן אַרבייט האָט די
שטאַרבענדע מוטער מיט איהרע לעצטע כּחות רחמים געבעטען,
דאָס ער זאָל זײַן ווערק פֿאַרטיג מאַכען. פֿאָלענדען, דען זי איז
מיט אַלע איהרע קראַנקע נערווען געהאַנגען אָן דער קונסט גרופּע.
עס דאַכט זיך, דאָס די מוטער האָט גאָרנישט געקענט
שטאַרבען, זעגענען זיך פֿון דער וועלט איידער די לײם־גרופּע איז
נישט לעבעדיג געוואָרען, איידער די פֿיגורען האָבען ניט בעקומען
אַ נשמה, אַ טהייל פֿון איהר נשמה, און מײַן ברודער האָט מיט
גרויס שמערץ פֿלײַסיג געאַרבייט אויף די לעצטע פֿאָרענדונג פֿון
זײַנע לײמענע נפֿשות. מיט זײַנע מײַסטער הענד האָט ער אַלין געבע־
סערט און געבעסערט, פֿײַנער און אויסדרוקפֿולער געקנעטען און
געשטאַלטעט. דאָ האָט ער אַ געוויסען שטריך בולטער — רעליע־
פֿער — אַרויסטרעטענדער געמאַכט, און דאָרט האָט ער דעם
שטריך אויסגעגלעט, אָדער פֿערטיעפֿט. דאָ האָט ער אַ מוסקעל
קײַלעכדיגער, פֿולער געמאַכט, און דאָרט האָט ער אַ מוסקעל, אַ
אָבר ווי מיט אַ כּשוף לעבעדיגער, רעדענדער און פֿיהלענדער
אויסגעקנאָטען, און ביסלעכווײַז האָבען די טויטע לײמענע גולם׳ס
אָנגעהייבען לעבען און אָטהמען אויף זייער אופֿן.
די לײמענע גרופּע האָט פֿאָרגעשטעלט אַ יונגען מאַן, אַ
קראַנקען, געפֿאַלענעם, פֿערצווייפֿעלטען, אַ בעל־תשובה! — אַ
מאַן, וואָס האָט צופֿיעל געטרונקען פֿון זיסען לעבענס בעכער.
דער יונגער מאַן, וואָס האָט חרטה אויף זײַנע פֿלייש־זינד, האַלט
זיך אָן מיט די לעצטע כּחות, ווי אַ פֿערלאָרענער, אָן די אַרמען
פֿון אַ יונגער נאַאיוו־שענער, רײנער, חנ׳ודיגער מײדעל, דאָס מײ־
דעל איז פֿאָרגעשטעלט געזונד. רוהיג, זיכער־קרעפֿטיג אין קער־
פּער און אין גײַסט. מ׳זעהט ווי דער מאַן זוכט שטיצע, טרייסט
בײַ דער יונגער פֿרוי. און זי האַלט איהם, שטיצט איהם מיט דעם
שענעם, רונדען אַרעם, און זעהט אויס דערבײַ ווי אַ עכטע
צנועה. פֿון דעם ערשטען בליק קאָן מען גלײַך מערקען, דאָס אין
דער יונגער מײדעל איז נאָך דאָס ווײַב, די נקבה, נישט אויפֿגע־
וואַכט, נאָר דאָס רײן מענשליכע, די באַרעמהאַרציגע שוועסטער
לעבט אין איהר, און פֿילט זי אויס אין גאַנצען, זי וויל נאָר טרייס־

טען דעם זעלטען־קראנקען מאן, און לייכטער מאכען זיינע אינערע שמערצען· דער זינדיג־געוועזענער מאן זוכט אין זיך איהר ריינ־הייט, איהר הייליגקייט.

די קונסט־גרופע האט זיך מיין ברודער איינגעגעבען, און מיר אלע אין הויז, בעזונדערס אבער די מוטער· האבען זיך געוואוינט מיט די צוויי נייע נפשות פון לייס. די קונסט פיגורען זע־נען געווארען ווי מיטגלידער פון אונזער פאמיליע. עפעס האבען מיר אלע אין שטוב געפיהלט ווי א געוויסע ברידערליכקייט און נייסטעם פערוואנדשאפט (קרובה'תשאפט) צו זיי.

און די ליעבע מוטער האט אין איהרע שווערסטע מינוטען, אין מיטען איהרע וועהטיגען און שמערצען זיך געפרייט אויף דאס פארטיג ווערען פון די פיגורען.

אין דער צייט פון איהר קרייננק (זי איז מעהר ווי א יאהר אין בעט געלעגען) זענען פאר איהרע אויגען געבארען געווארען די צוויי לייטענע נפשות. פאר איהרע אויגען זענען זיי אויפגעוואק־סען און בעשאפען געווארען. פאר איהרע אויגען איז א לעבעדיגע נשמה אריינגעבלאזען געווארען אין די שטיקער לייס. און עס האט אנגעהויבען לעבען־און טרייסטען. די שטארבענדע מוטער האט דאס מייסטער ווערק עסטהעטיש (ניט וויסענדיג די בעדיי־טונג פון דעםווארט „עסטהעטיק") דורכגעלעבט.

און די קראנקע מוטער איז געוועזען ניט נאר א פאסיווע צוקוקערין ביי דער ארבייט פון דעם ברודער, זי האט אויך מיט־געשאפען. זעהר אפט פלעגט זי מיט גרויס מאטערניש אויפהויבען איהר שלאפע האנד, און ווייזען מיט איהר בלייכען, דארען פינגער אויף געוויסע שטריכען, אויס־דריקען, בייגונגען אין די פיגורען, וועלכע זענען ניט געלונגען. מיט איהר טרייסטענדיגען, קראנקען קול פלעגט זי בעמערקען דעם ברודער, דאס די אויגען ביי'ם לוי־מענעם מאן זיצען צו וועניג טיעף, דאס דער בליק פון דער „שוועסטער" איז טומפ. די נאז צו פלאך, דאס אויף דיעזען און יענעם שטח (פלעכע) איז צו וועניג לעבען, צו וועניג בעוועגונג, און ד. ג.

איך און מיין ברודער, דער קינסטלער, פלעגען בעוואונדערן דעם פיינעם, איידעלען געשמאק, דעם קונסט־געפיהל פון דער מוטער, אבער בעזונדערס איהר ליבע צו זיין ווערק.

אין דער ליעבע פֿון דער מוטער צו די פֿיגורען איז געווען פֿיעלעס פֿון דער הייסער מוטער ליעבע צו איהרע קינדער, צו איהרע אייניקלעך. אין איהר ליעבע צו דעם ברודערס קונסטווערק האט זיך אויסגעדריקט איהר ליעבע צו שענהייט, צו קונסט איבערהויפּט.

אין דער מוטער אַליין האט געלעבט אַ קינסטלערין, אַ פּאָעטין און זי האט דאס אַליין ניט געוואוסט. די קינסטלער־קרעפֿטען, די שאַפֿענסגאַב האבען אין איהר דאס גאַנצע לעבען געשלאָפֿען, נאָר אין איהרע קינדער האט זי דאס געזעהן ווי ס'דערוואַכט און בעקומט געשטאַלט.

ווען די קונסט־גרופּע איז געווען גאַנץ פֿאַרטיג, און דער ברודער האט דאס געשיקט דורך צוויי משא־טרעגער אין גיפּס אָבגיסען, האט פּאַסירט אַ אונגליק: די טרעגער האבען אונגער'ן אַראָבגעוואָרפֿען די לייטענע פֿיגורען, און זיי זענען אין שטיקלעך צובראָכען געוואָרען.

די טרעגער און מיין ברודער האבען געבראַכט פֿון גאַס די צובראָכענע גרופּע מיט טרויעריגע פּני'מער, אברים ווייז, שטיקער פֿון די הענד, צושפּאָלטענע, פֿערקרימטע געזיכטער, געשעדיגטע, געשפּאָלטענע קעפּ.

דאס אַלעס האט אויסגעזעהן ווי טויטע מענשליכע קערפּער אויף דעם שלאַכט־פֿעלד, וואו דער שונא האט נקמה גענומען פֿון די מענשליכע פּגרים; אָדער ווי עס האבען אויסגעזעהן די יודישע קדושים נאָך אַ „פּאָגראָם“.

מיין ברודער איז געווען שטום ווי אַ שטאַטוע, קיין קרעכץ האט מען פֿון איהם נישט געהערט; קיין טרער איז פֿון זיינע פֿערגריוועטע אויגען נישט גערונען. שרעקליך איז געווען אויף איהם צו קוקען. אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט וועלכע ער האט אַליין בעשאַפֿען, איז פֿאַר איהם געלעגען חרוב. אַ גרויסע, ברענענדע קינסטלערישע ליידענשאַפֿט צו ווייזען דער וועלט, וואס ער קען, וואס ער וויל און שטרעבט — דאס אַלעס איז אין איהם אין דעם מאָמענט אויסגעלאָשען, אָבגעשטאָרבען.

פֿון אַלעס איז געוואָרען שטיקער שאַרבענס!

מיר, די ברידער און שוועסטער פֿונ'ם קינסטלער, ווען מיר האבען דערזעהן דעם טרויעריגען סוף פֿון זיין קונסטווערק,

וואָס מיר האָבען ברידערליך ליעב בעקומען, — האָבען געוויינט ווי קליינע קינדער. די צובראָכענע גרופּע איז פאַר אונז געלעגען ווי אַ טייערער מת, ווי אַ ליעב נפש, וואָס איז געטויטעט געוואָרען פון אַ מערדער־האַנד.

מעהר אָבער ווי אַלע איז אונזער ליעבע מוטער געווען צובראָכען פון'ם אונגליק. מיט'ן מויל האָט זי געטרייסט (און קיינער האָט נישט געקענט אַזוי גוט. אַזוי ווייך און קלוג טרייסטען ווי אונזער מוטער) און געשטאַרקט דעם ברודער, אָבער פון איהרע אויגען האָבען געקאַפּעט טרערן. אין דעם מאָמענט, דאַכט זיך, האָט די מוטער גאָרניט געשפירט די פורכטבאַרע וועהטיגען פון איהר אָבשטאַרבענדען גוף. זי האָט געפיהלט נאָר איין שמערץ, איין צער, דעם צער פון'ם קינסטלער און זיין קונסט ווערק, דעם צער פון'ם שעפּפער און זיין שעפּפונג, וואָס זענען ביידע אין דעם מאָמענט ווי „פערניכטעט" געווען.

אויף דער פאָדלאָגע האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט די אברים פון'ם קונסטווערק. די שענע, רוהיגע ליפּען פון דער יונגער מיידעל, וועלכע האָבען פריהער אויסגעזעהן ווי אַ בלומען־כוס, זענען יעצט געלעגען פערקרימט מיט אַ מיענע צו וויינען. איהר שען געוועלבטער שטערן האָט זיך צוקנייטשט. איהרע צניעות'דיגע, זאַנפטע אויגען האָבען בייז, שטעכיג געקוקט. דאָס גאַנצע געזיכט פון דער יונגער טרייסטערין האָט יעצט אויסגעזעהן אַלט, גריזיג, פערצווייפעלט — און מיר אַלע האָבען דאָס בעקלאָגט...

פּלוצלונג האָט זיך די ליעבע מוטער געשטאַרקט. ווי דורך אַ נס איז זי אויף איין מאָל ווי געזונד געוואָרען; איהר אָבשטאַרבענדע שטימע איז לעבעדיג־קלינגענד געוואָרען. און מיט קלוגע, דערקוויקענדע ווערטער האָט זי אויפגעמונטערט דעם ברודער. ער זאָל זיך גלייך נעהמען צו דער אַרבייט, זיין טויטעס ווערק ווידער לעבעדיג מאַכען.

די מוטער האָט מיט איהרע לעצטע כחות און מיט איהר צערטליכע ליעבע צום קינסטלער און זיין קונסט אַריינגעגאָסען נייעס לעבען, נייע ליידענשאַפט דעם ברודער אין האַרצען...

און דער ברודער, נישט רעדענדיג קיין וואָרט, האָט מיט אַ ברען זיך אַ נעם גענומען צו דער צובראָכענער גרופּע. אַ פּאָר טעג האָט ער געאַרבייט ווי אין פיעבער. אין איין אָטהעם, כמעט

נישט געשלאפען און נישט געגעסען. ער האט קאנצענטרירט אלע זיינע כחות, זיין גאנצע אינערע ענערגיע און שאפענסלוסט אום דעם ליים ווידער לעבעדיג צו מאכען, און דער ליים האט איהם געפאלגט, און האט ווידער אנגענומען שענע, רעדענדע פארמען.

אין דער צייט וואס דער ברודער האט שטילשווייגענד געקנעטען דעם ליים און ווידער געשטאלטען געשאפען, איז די מוטער ווידער מיט אלע איהרע חושים געהאנגען אן זיין ארבייט. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט האט זי זיך צוגעקוקט צו דעם „ווידערבעלעבונגס־פראצעס". יעצט האט פאר דער מוטער עקזיסטירט נאר די ארבייט פון ברודער. אלעס אנדערע האט זי ווי נישט בעמערקט.

און די מוטער האט נישט אויפגעהערט צו מאכען דעם ברודער בעמערקונגען, און צו ווייזען איהם פעהלער אין זיין ארבייט.

די מוטער איז געווען די מוזע פון דעם קינסטלער, איהר זוהן.

און ווען די גרופע איז ווידער פארטיג, לעבעדיג געווארען; האט די מוטער געבעטען מ'זאל צורוקען די פיגורען נעהענטער צו איהר קראנקען־בעט: — עס האט שוין אנגעהויבען ווערען פינסטער אין איהרע קלוגע, גוטע אויגען...

און ווען מ'האט די קונסט־גרופע אוועקגעשטעלט הארט נעבען איהר בעט, האט זיך די מוטער מיט דער גרעסטער מיה אויפגעהויבען א ביסעל און זיך צוגעקוקט צו דער „נחמה" (אזוי האט מיין ברודער אנגערופען זיין קונסטווערק) און מיט א שטערבענדער שטימע האט זי צו אונז געזאגט:

— ליבע קינדער, נו איז דאס קונסטווערק יעצט לעבעדיג אבער איך מוז שטארבען...

און די מוטער איז זאנפט איינגעשלאפען... געשטארבען...

וועט דער גרויסער שעפפער אויך זיין קונסטווערק, אונזער מוטער, לעבעדיג מאכען?

מָארִיס רָאזֶענְפֶעלְד.

דעֶם אֶמת זאָגענדיִג בִּין איִך ניִט קיֵין גרױסעֶר למדן איִן דעֶר זשאַרגאָן־ליִטעֶראַטור. איִך זאָג דאָס און שעָם זיִך דעֶרמיִט, ווײַל איִך רעֶכֿעֶן, דאָס יעֶדעֶר העֶבּרעֶאיִשעֶר שריִפֿטשטעֶלעֶר, יעֶדעֶר פֿרײַנד פֿון אונזעֶר המון עם איִז מחויב צו וויִסעֶן און צו לעֶזעֶן אַלעֶס, וואָס ווערט געֶשריִבּעֶן פֿאַר אונזעֶר פֿאָלק איִן זײַן גלות־שפּראַך. אונזעֶר מײַנונג איִבּעֶר דעֶר זשאַרגאָן־ליִטעֶראַטור קאָן זײַן ױעֶלכֿעֶ זיִ איִז, אָבּעֶר צומאַכֿעֶן די אויגעֶן און ניִט וויִסעֶן, וואָס דאָרט געֶהט פֿאָר, וויִ און וואָס עֶס ווערט דאָרטעֶן געֶאַרבּײַט, געֶשאַפֿעֶן, געֶזונגעֶן, געֶקלאָגט, געֶלאַכֿט און עֶרצעֶהלט איִז דאָך אַ גרױסעֶ זיִנד. צו מײַן פֿעֶרעֶנטפֿעֶרונג קאָן איִך נאָר זאָגעֶן, דאָס איִך בִּין מעֶהר וויִ 10 יאָהר פֿון רוסלאַנד, און עֶס איִז מיִר אונמעֶגליִך צו בּעֶקומעֶן יודיִשעֶ בִּיכֿלעֶך. דאָ איִז דאָס אַ יקר־המציאות. די בִּיכֿלעֶך איִן זשאַרגאָן, וועֶלכֿעֶ מעֶן שיִקט מיִר צו פֿון אַמעֶריִקאַ און פֿון דעֶר שווײַץ, זעֶנעֶן גאָר פֿון אַ גאַנץ אַנדעֶר סאָרט. דעֶם יודיִשעֶן גײַסט, דאָס יודיִשעֶ לעֶבּעֶן, די יודיִשעֶ וועֶלט, די יודיִשעֶ צרות און יסורים, יודיִשעֶ ווערטעֶלעֶך און בּיִלדעֶר קאָן מעֶן איִן זײ ניִט געֶפֿיִנעֶן. און אַזוי ווערט מעֶן בּיִסלעֶכֿווײַז, לײַדעֶר, דעֶרווײַטעֶרט פֿון מאַמעֶ־לשון. אונזעֶר מאַמעֶ־לשון איִז אפילו זעֶהר אָריִם, האָט אפילו פֿיִעל חסרונות און איִז אונז צו עֶנג פֿאַר אונזעֶרעֶ נײַעֶ געֶדאַנקעֶן און נײַעֶ געֶפֿיִהלעֶן. אָבּעֶר דאָך מאַמעֶ־לשון, און דעֶר לשון פֿון מיִליאָנעֶן אָריִמעֶ, אונגליִקליִכֿעֶ בּריִדעֶר.

און ווי שטאַרק האָב איך זיך געשעֶמט, ווען זאַנגוויל, דער גרויסעֶר ערצעֶהלער פֿון יודישען לעֶבען אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט מיך, מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף מאָרִיס ראָזענפֿעֶלד, און איך האָב ניט געוואוסט, ווער ער איז. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם געשפּרעך מיט זאַנגוויל איז ערשיעֶנען אַן ענגלישע איבּערזעצונג פֿון ראָזענפֿעֶלדס לידער. די ענגלישע צייטונגען האָבען פֿיעל אַרטיקלען דעריבער געשריבען און זייער שטאַרק געלויבט. די אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבען ראָזענפֿעלדס נאָמען געהויבען ביז אין הימעֶל. איך האָב אויך זיך דערוואוסט, דאָס בערטהאָלד פֿייוועל, דער רעדאַקטאָר פֿון דער „וועלט“, גרייט פֿאָר אַ דייטשע איבּערזעצונג פֿון ראָזענפֿעלדס לידער. דאַן האָב איך מיר אָנגעשאַפֿט ראָזענפֿעלדס שירים אין אָריגינאַל, אין זשאַרגאָן, איך זאָל קענען אַליין בעאורטיילען זייער ווערט, און ניט גלויבען וואָס אַנדערע זאָגען מיר, איך זאָל הערען דעם דיכטער אין זיין שפּראַך, און ניט ווי זיינע איבּערזעצער ריכטען איהם צו.

איך האָב דורכגעלעזען ראָזענפֿעלדס זשאַרגאָן־געדיכטע און בין געוועזען ענציקט. איך האָב געפֿונען אין זיי הייסע געפֿיהלען, אַ יודישע, טיעף פּאָעטישע נשמה, געזונדטע געדאַנקען, אַ רייכע שפּראַך, גלענצענדע בילדער און אַ ברידערליכע ריינע ליעבע צו אַלע אָרימע און אונגליקליכע, צו אַלע ערנידריגטע און פֿערפֿאָלגטע. וויפֿיעל פֿערשטענדניס האָט אונזער פּאָעט פֿאַר אַלע ביטערקייטען פֿון גלות. ער בעקלאָגט די גערעכטיגקייט, וואָס ווערט צוטראָטען אונטער די פֿיס. ער בעקלאָגט די שענקייט וואָס ווערט דערשטיקט, די יוגענד וועלכע ווערט פֿערוועלקט. אַך, ווי ליעבט ער די פֿרייהייט, די מענשענעהרע, דעם בלויען הימעל, די שענע בלומען, דעם שטרייט פֿאַר דעם אמת! אך ווי האַסט ער די מאַשין אין אַמעריקאַ, וועלכע האָט געמאַכט זיינע אָרימע ברידער פֿון רוסלאַנד פֿאַר קנעכט, די מאַשין וועלכע זויגט אונזער בלוט, אונזער מאַרך און וועלכע מאַכט מענשען פֿאַר סקלעֶטען, פֿאַר ציפֿער, פֿאַר איהרע דיענער, אויך פֿאַר מאַשינען. וואָס איך האָב מעהר געלעזען זיינע לידער, האָב איך מעהר בעוואונדערט זיין קונסט. אַלעם קלינגט און זינגט; עס געהט טיעף אין האַרצען. יעדעס ליעד ציהט, צופּט און רייסט אויף אונזערע אַלטע וואונדען, אָדער

אויך די נײַע פֿריש געבּאַקענע וואונדען אין האַרצען. אָבּער גלײַך מיט די שמערצען בּרענגען זײ בּאַלזאַם, פֿערגעניגען און טרײסט, ווי יעדעס קונסט־ווערק. עס ווערט, דאַכט זיך, גרינגער אויפ׳ן האַרצען, ווען מען לײענט ראָזענפֿעלד׳ס געדיכטע; די טרעהרען קומען ווי אַ גאולה. ראָזענפֿעלד איז אַ דיכטער, וואָס האָט אַלײן געליטען פֿון קינדווײז־אָן גלות צרות. ער אַלײן איז געווען פֿער־וואָגעלט, נע־ונד און ער אַלײן איז געווען געקנעכטעט פֿון דער נעה־מאַשין. ער זינגט וואָס ער האָט ערלעבּט; ער גיט דאָס וואָס ער האָט. ער האָט אָבּער אויך שוין פֿערזוכט די פֿרײַהײט אין דער נײַער וועלט און דאָס שפּירט מען אין אַלע זײַנע בּעסערע געדיכטען.

ראָזענפֿעלד איז אַ מאָדערנער, ד. ה. אַ הײַנט־וועלטיגער מענש און דערום פֿיהלט ער טיעף די אַלע אונגערעכטיגקײַטען, וואָס אונזער אײנער פֿיהלט, דערום זוכט ער זײַן „איך", דערום איז איהם אַזוי טײַער, אַזוי ליעב די זעלבּסטשטענדיגקײַט, דערום איז ער אַזוי מאַט און מיעד און זוכט רוהע, גליק, טרײסט בּײַ דער מוטער־נאַטור. ער איז אָבּער צו גלײַכער צײַט אַ מאָדערנער יוד, און דערום פֿיהלט ער אַזוי שטאַרק די בּיטערקײַט פֿון גלות און רײַסט זיך נאָך אונזער אַלטען פֿאַטערלאַנד, דערום פֿיהלט ער אַזוי שמערצליך די בּעזונדערע יודישע צרות. ער איז דורך־און־דורך מענש און דורך־און־דורך יוד און דערצו דער עכטער, גע־בּאָרענער פּאָעט, אַ פֿאָלקס־דיכטער, ער לעבּט און לײַדעט, האָפֿט און שטרעבּט צוזאַמען מיט זײַנע בּרידער.

ווער קאָן פֿערגעסען זײַן מײַסטער־ליעד „דער יודישער מאַי", וועלכעס איז געדרוקט אין דעם „יוד" פֿון יאָהר 1899. אין דעם ליעד זעהען מיר אונזער געליעבּטען פּאָעט אין זײַן פֿולען גלאַנץ און פּראַכט, אין זײַנע יום־טוב קלײדער; מיר הערען זײַנע הערצ־רײַסענדע זיפֿצען און די שענסטע מעלאָדיען פֿון זײַן צאַרטער, פֿײַנפֿיהליגער האַרפֿע. אַך ווי שען ער מאָלט די נאַטור, און ווי טיעף איז זײַן טרויער וואָס דער יוד געניסט זי ניט, און קאָן זי ניט געניסען, ער קאָן פֿון איהר גאָר קײן הנאה האָבּען; זי איז ניט זײַנע. זי איז איהם אַ שטיף־מוטער.

און ווי שען איז די שטיף־מוטער־נאַטור:

ווידער איז דער מאי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראכט, —
אלע גראָזען, אלע בלומען
האבען ווידער אויפגעוואכט.
ווידער בליהט עס אויף די פעלדער
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאנצט עס איבעראל
ווידער זינגט די נאכטיגאל,
ווידער נעהמט דער פריהלינג מאלען;
מיט זיין פינזעל, וואו ער שמירט.
וועריען בערגער, וועריען טאלען

. . . .

גלייך פאנגט אָן צו גרינען, בליהען
יעדעס מענשליכע געפיהל;
וואונדערשענע פאנטאזיען
ציהען דורכ׳ן הארצען שטיל.
גאָלדענע חלומות שוועבען
און זיי וועבען
ניע הימלען,
און זיי וועקען
נייעס לעבען

. . . . .

דאָך איהר זעהט דאָרט איינעם טרעטען
קוקענדיג צו דער ערד אראָפּ
אויף די גרינע מאי טאפעטען
זיפצט ער, שאָקלענדיג דעם קאָפּ.

. . . .

דאָס איז אונזער אלטער, אונזער יוד!
און: דורך זיין הערצען

ציִהען שמערצען,
אַלטע וואונדען
אויפגעבונדען
מיִט עראיִנערונגען אַלטע, —
מתים, מתים, טרופּעס קאַלטע...

און דעם יודען וואָס טראָגט זיך אַרום מיִט מתים איִן הערצען איִז:

פרעמד די בלומען, פרעמד די בלעטער
פרעמד די וועלט, א פרעמדער מאַי!
פרעמדע פײגעל, פרעמדע געטער
פרעמדע מענשען, — אלעס פארביי!...

דער פּאָעט שילדערט מיִט העלע פאַרבען, מיִט ברײטע שטריכען, ווי שען עס איִז געוועזען אַמאָל דער יודישער מאַי איִן זײן אײגענעם לאַנד. דאָרטען איִן זײן לאַנד האָט דער יוד אַמאָל „פון א וואונדערליכער פידעל אויסגעקוּשט די שענסטע ליעדער". אָבער איצט:

אויף אַ ווערבע בוים אַ שטומע,
הענגט דער חלום פון מײן אומה...

וואָס פאַר אַ טרויעריגעס ביִלד, ווי שטאַרק דאָס ווירקט, וואָס פאַר א קראַפט און אָריגינאַליטעט עס ליעגט איִן דעם לעצטען פערז. נײן, אַזאַ פערז קאָן מען קײנמאָל, לעבען לאַנג, ניט פערגעסען. ער גראָבט זיך אײן טיעף איִן זכרון, ער איִז שטענדיג איִן די אויערען, ער פערפאָלגט ווי אַ געשפּענסט. שוין באַלד דרײ יאָהר דאָס איך האָב געלײענט איִן דעם „יוד" דעם „יודישען מאַי", און דער פערז פערפאָלגט מיך. איך זיץ איִן אָפּער טהעאַטער און הער וואַגנערס מוזיק, און איִן די אויערען ברומט: „אויף אַ ווערבע־בוים אַ שטומע, הענגט דער חלום פון מײן אומה..." איך שפּאַציר איִן דער ביִלדער גאַלעריע, איִן טהיער־גאָרטען אָדער איִן דער שווײץ אויף די אַלפּען, און דער פערז לאָזט מיך ניט אָב, עס ברומט, עס זוזט: „...דער חלום פון מײן אומה..."

דער דיכטער טרײסט אָבער דעם יודען דאָס עס קומט פאַר

איהם אַ נײַער מאַי, זאָגט איהם צו פֿריעדען און רוה אין זײַן אַלטען פֿאַטערלאַנד.

ראָזענפֿעלד איז אָבער ניט נאָר אַ קלאָג־מוטער, ניט נאָר אַ איכה־זאָגער, אַ קינות מאַכער, — ער קאָן אויך לאַכען, שפּאָטען איבער דעם שטאַרקען, איבער דעם בלוט זויגער, איבער דעם פֿאַלשען, איבער דעם בלינדען פֿאַנאַטיקער. ניט נאָר טרערען האָט ער, אָבער אויך גאַל. ניט נאָר ווערטער פֿון טרייסט פֿאַר די שוואַכע, אָבער אויך שאַרפֿע ווערטער, אָנגעזעטיגטע מיט גיפֿט פֿאַר די שטיינערנע הערצער. ער האָט אויך איראָניע, וויטץ און אַביסעל ברחנות פֿון בעסטען סאָרט. די אַלע אייגענשאַפֿטען האָבען דעם יודען אין גלות געדינט אַלס בעסטע געוועהר. גאַל־ביטערע־איראָניע, שפּיז־שאַרפֿען־וויטץ, פֿערניכטענדער־שפּאָט, דאָס האָבען מיר געזאַמעלט מיט פֿלײַס אין אונזערע גײַסטיגע אוצרות אין די לאַנגע דורות. וואָס דער פֿײַנד האָט אונז געטראָטען אונטער זײַנע פֿיס. פֿון דעם רײַכען אוצר האָבען געשעפּט מיט פֿולע הענד הײַנע, בערנע, כאַפּיר, גאָרדאָן, קאַמינער, פֿרוג און אַנדערע.

לײַענדיג ראָזענפֿעלדס געדיכטע האָב איך מיר געשאַפֿען אין מײַן פֿאַנטאַזיע זײַן גײַסטיגעס בילד. מיר האָט זיך געוואָלט אָבער זעהן ראָזענפֿעלדען אין דער ווירקליכקײַט. ווען איך קאָן דעם דיכטער פּערזענליך, פֿערשטעה איך בעסער, ריכטיגער, טיעפֿער זײַנע געדיכטע. איך קאָן דאַן לײַענען אויך צווישען די שורות. דער דיכטער איז מיר שטענדיג אינטערעסאַנטער ווי זײַנע געדיכטע, דען וויפֿיעל ער דיכטעט בלײַבט בײַ איהם נאָך פֿיעל מעהר אין האַרצען; אין זײַנע אויגען קאָן איך פֿיעל מאָל מעהר לעזען ווי אין אַלע זײַנע ליעדער. איך געדענק, ווען איך בין נאָך געוועזען אַ קלײן יונגעל און פֿלעג הערען אַ גוטען חזן, פֿלעג איך זיך ניט בעגנוגענען מיט דעם אַליין וואָס איך הער, איך פֿלעג זיך מוזען שטופּען איהם אַ קוק טהון אין געזיכט. ווען איך פֿלעג הערען אויף אַ חתונה שפּילענדיג חיים דעם כלי־זמר, פֿלעג איך מוזען זיך אײַנקוקען אין זײַנע אויגען אַ צײַט לאַנג. איך פֿלעג דאַן בעסער פֿערשטעהן די שפּראַך פֿון זײַן פֿידעל. איך האָב אין די לעצטע יאָהרען וועניג טעם געפֿיהלט אין די ליעדער פֿון דעם גרעסטען יעצטיגען דײַטשען ליריקער סטעפֿאַן זשאָרשז, אָבער ווען מײַן לעהרער פּראָפֿעסאָר דעסויער, פֿון דער בערלינער אוניווער־

זיטעט, וועלכער האָט געלעזען פֿאַר זיינע תּלמידים לעקציעס איבער דיכטער און זייערע געדיכטע. האָט אונז, זיינע תּלמידים, גע־פֿיהרט צו סטעפֿאַן זשעראָמסקי אין דער היים, ער זאָל אונז אַליין פֿאָרלעזען זיינע ליעדער. האָב איך זיי דאַן צום ערשטען מאָל גע־פֿיהלט און אַ בעוואונדערן טעם געפֿונען אין זיי.

יאָ, מיר האָט זיך געוואָלט פֿערזענליך בעקאָנען זיך מיט ראָזענפֿעלדען און הערען ווי ער אַליין לייענט זיינע וואונדערשענע ליעדער. אָבער ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? ער איז אין אַמעריקאַ, און איך אין בערלין!

אָבער עס איז דאָך געקומען.

פֿאָריגעס יאָהר בין איך געוועזען אין לאָנדאָן אויף דעם ציוניס־טען־קאָנגרעס. עס זענען דאָרטען צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטען און סתם געסט אויס אַלע עקען פֿון דער וועלט. איך האָב דאָרטען געמאַכט פֿיעל נייע, אינטערעסאַנטע בעקאַנטשאַפֿטען. צווישען זיי אויך מיט מאָריס ראָזענפֿעלד. מיר האָט געטראָפֿען אין לעבען, דאָס נאָכדעם ווי איך האָב זיך בעקאָנט מיט דעם דיכטער אַליין, האָב איך מעהר ניט געקאָנט לייענען און אַפילו פֿון אַנדערע ניט הערען זיינע געדיכטע. עס איז אֶפֿשר אַ פֿעהלער, אָבער אַזוי בין איך: איך קאָן קיין וואַסער טרינקען, ווען איך זעה, דאָס זיי קוועלען פֿון אַ קוועלע פֿול מיט מיסט און קויט. אָבער ראָזענפֿעלדס געדיכטע זענען מיר פֿיעל ליעבער, פֿיעל נעהענטער און זיסער געוואָרען, נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט איהם אַליין גוט בעקאַנט.

ראָזענפֿעלד איז אַ ברונעט מיטעלער וואוקס. צוויי שוואַרצע פֿונקעל־פֿייער גלענצענדע אויגען מיט אַ פֿערטרוימטען אויסדרוק בעלייכטען זיין פֿערחמאַרעטעס געזיכט. פֿון ערשטען אויגענבליק קאָן מען מערקען, דאָס עס שטעהט פֿאַר אונז אַ פּאָעט פֿון אַן אונגליקליכען פֿאָלק, אַ פּאָעט וועלכער איז אויפֿגעוואַקסען אין צרות און טרערען, וועלכער איז בעשטימט מעהר צו וויינען און קלאָגען, ווי צו זינגען און זיך צו פֿרעהען. ראָזענפֿעלדען פֿעהלט די פֿרייע, רוהיגע, ריטמיש־שענע בעוועגונג און דער אָפֿענער, פֿערטרויענספֿאָלער בליק. מ'זעהט, אַז אויף דעם פּאָעט'ס פּלייצעס ליגט די משא פֿון אַ שווערען לעבען. די משא פֿון אייגענע און פֿרעמדע יסורים. אָבער זיין שענער שטערען איז ווי געשאַפֿען צום דיכטער־קרוין. די מוזע, די געטין פֿון דער פּאָעזיע האָט זין

שטערן געקושט, ווען דער דיכטער איז נאָך אין וויעגעל געלע־
גען, און דארום איז ער אַזוי שען.

דער דיכטער רעדט פיעל און מיט התפעלות. זשארגאָן איז
איהם שווער צו רעדען, און ווי זיין שפראַך איז רייך אין שרייבען,
אַזוי איז זי אָרים אויף זיין צונג. איהם פעהלען ווערטער; ענגליש
איז איהם פיעל גרינגער צו רעדען. ער האָט זיך שוין שטארק
אַמעריקאַניזירט. זיין זשארגאָן אין רעדען איז אויך שטארק גע־
זאַלצען מיט ענגלישע ווערטער און פסוקים. ער ליעבט זעהר די
העברעאישע ליטעראַטור און לייענט מיט חשק די בעסערע ווערק,
וועלכע ערשיינען אין איהר. ער שעפּט אויך זיין בעגייסטערונג
אין לשון־קדש, אין דער שפראַך פון אונזערע אַלטע און נייע
נביאים. דאָגעגען זשארגאָן לייענט ער גאָרניט.

נאָך דעם קאָנגרעס האָבען מיר אָבגערעדט בײדע פאָהרען
אין אואייטטשעפעל, דאָס איז דער קווארטאל אין לאָנדאָן וואו עס
וואָהנען די רוסישע, פוילישע, גאַליצישע און רומענישע יודען,
מיר האָבען בעשלאָסען צו בעזוכען איינינע מענשען און צו בע־
זעהן איינינע זאַכען. ער האָט מיר געוואָלט ווייזען פערשידענע
סצענעס פון יודישען לעבען. ראָזענפעלד איז שוין אַ שטיקעל בעל־
הבית אין אואייטטשעפעל, און קאָן זיך דאָרטען גוט אויס. ער
האָט עטליכע מאָל שוין געלעבט אין לאָנדאָן. יעצט וואָהנען דאָרט
זיינע עלטערן און ער האָט פערבראַכט בײ זײ כמעט אַ האַלב
יאָהר צו גאַסט. זאַנגוויל האָט אויך געמאַכט איינינע אַוועגדען וואו
ראָזענפעלד האָט פאָרגעלעזען זיינע ליעדער, אין לייענען איז ער
אַ מייסטער, אַ קינסטלער. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געוועזען
אין לאָנדאָן, איז ראָזענפעלד גרייט געווען צו שענקען מיר זיין
צייט יעדען טאָג.

די לעצטע צייט האָבען זיך פיעלע בעמיהט אָנמאַכען אַ
שנאה, אַ קנאָה צווישען די העברעאישע און זשארגאָנישע שריי־
בער. מיר האָבען זיך אָבער געהאַלטען פאַר חברים און אונזערע
פעדער פאַר שוועסטער. איך האָב איהם נאָר מקנא געווען וואָס
ער שרייבט אין דער שפראַך פון אונזער המון עם, אויף וועלכער
עס לייענען אונזערע אָרימסטע ברידער און שוועסטער, און ער
האָט מיר מקנא געווען, דאָס איך שרייב אין אונזער גלאַנצפאָלער
שפראַך. ער האָט זיך שטאַרק געפרעהט, דאָס מיר האָבען זיך

די לעצטע יאָהרען צוזאַמענגעטראָפֿען אין די אַמעריקאַנישע זשאַרגאָן בלעטער.

פֿאָהרענדיג מיט דעם אָמניבוס נאָך אואַיטטשעפעל דורך די רווישענדיגע, לעבעדיגע, הוי־האַ׳דיגע גאַסען האָב איך געבעטען דעם דיכטער, ער זאָל מיר דערצעהלען פֿון זײַן לעבען, ער האָט דאָס גערן געטהון. דאָס וואָס מיר איז איבערגעבליבען אין זכרון, גיב איך איבער פֿאַר די לעזער פֿון „יוד״, אין וועלכען עס זענען געדרוקט געוואָרען ראָזענפֿעלד׳ס־שענע נאַציאָנאַל־ליעדער.

משה יעקב, אָדער ווי ער הייסט אַמעריקאַניש מאָריס, ראָזענפֿעלד איז געבאָרען אין דעם דאָרף באָקשאַ נעבען סוואַלק אין דעם יאָהר 1862. זײַן פֿאָטער האָט דאָרטען געפּאַכטעט דעם טײַך, און דערפֿון מפֿרנס געווען זײַן געזינד. ביז נײַן יאָהר האָט ראָזענפֿעלד געלעבט אין דאָרף, געלערנט תנ״ך, געלאָפֿען, געשפרונגען אין דער פֿרײַער נאַטור און זיך צוגעהערט ווי די פֿייגעליך זינגען. ער האָט מיט זיי אויך מיטגעזונגען קינדערשע ליעדער, און האָט נײַע פֿערפֿאַסט. איהם איז דאָס ניט שווערער אָנגעקומען ווי די פֿויגעל אין וואַלד. עס האָט זיך עפּיס אַליין געזונגען, חאָטש קיינער האָט דאָס ניט געהערט, קיינער האָט דאָס ניט פֿערלאַנגט. ווי ער איז אַלט געוואָרען 9 יאָהר, זענען זײַנע עלטערן אַריבער־געצויגען קײַן וואַרשוי, דאָרטען צו זוכען פּרנסה. אין וואַרשא האָט דער קליינער דיכטער פֿיעל געהאַט וואָס אויסצושטעהן און אַריבערצוטראָגען. ער האָט געאַרבײַט בײַ פֿערשידענע בעלי־מלאָכות, געהונגערט, געליטען, פֿערהשכ׳ט געוואָרען, אָבער דאָך דעם ספר האָט ער ניט פֿערגעסען און ניט פֿערלאָזען. אַנשטאַט דעם פֿויגעל־געזאַנג האָט ער געהערט זידלערײַ פֿון די בעלי מלאָכות, זייערע ווײַבער און עלטערע פּועלים, אָבער אין האַרצען בײַ איהם האָט זיך דאָך געזונגען. ער איז געווען איבערגעפֿילט מיט פּאָעזיע, און אין דער גרעסטער אָרימקײַט האָט ער דאָך געפֿונען שענעס און ערהאַבענעס אין לעבען. ער האָט אין יענע שווערע יאָהרען פֿיעל העברעאיש געלעזען. שפּעט בײַ נאַכט פֿלעגט ער זיך פֿער־טיפֿען אין די יודישע פּאָעטען און דענקער.

איהם האָט זיך דאָך ניט געוואָלט בלײַבען אַ בעל־מלאָכה. ער האָט זיך געצויגען, געריסען נאָך ליכט, נאָך לופֿט און בילדונג. ער האָט זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט פּלענער, מיט פֿאַנ־

טאַזיעס און חלומות. ווי ער איז אַלט געוואָרען 16 יאָהר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין לאָנדאָן אָהן געלד, מיט לעדיגע קעשענעס אָבער מיט פולע פעק האָפֿנונגען און חלומות. אין לאָנדאָן האָט ער פערלעבט אַ קורצע צייט און האָט זיך מפרנס געווען פֿון פערשיעדענע ארבייטען. עס איז געווען ווי מ'זאָגט, פיעלע מלאָכות אָהן מזל און ברכות. איהם איז בעשערט געווען, ער זאָל אַליין פערזוכען, וואָס הייסט נע־ונד זיין און מוטשען זיך פאַר אַ שטיקעל ברויט און וואַלגערן זיך ערגעץ אין אַ שמוציגען ווינקעל אין דער פרעמד. ער האָט געהאַט דאָס גליק פֿון זיין יוגענד אָן צו לעבען צוזאַמען מיט דער יודישער מאַסע, מיט דעם המון־עם, מיט דעם יודישען בעל מלאָכה און ארבייטער און דורכמאַכען אַלעס גלייך מיט זיי, אָבער דאָס גליק האָט איהם צו טייער געקאָסט: הונגער און קעלט.

פֿון לאָנדאָן איז ראָזענפֿעלד געפֿאָהרען קיין אַמעריקאַ. שוין 20 יאָהר לעבט ער אין דער נייער וועלט, און ער איז נאָך תמיד נע־ונד. פיעל יאָהרען האָט ער דאָרט געשניידערט, ביי דער נעה־מאַשין האָט ער טאָג טעגליך פערבראַכט פֿון 12 ביז 15 שעה, דערום איז אַזוי שטאַרק די שנאה צו דער מאַשין, וועלכע שלינגט איין דאָס לעבען פֿון די אָרימע לייט, דערום האָט נאָך קיינער ניט ווי ער אַזוי בעקלאָגט דאָס לעבען פֿון די פערקנעכטעטע פועלים, דען ער האָט דאָס אַלעס אַליין ערלעבט. אין די יאָהרען, וואָס ער האָט גענעהט, האָט ער געשריבען זיינע בעסטע, טיעפסטע און פּאָעטישסטע שירים. ער איז געווען שניידער און פּאָעט. וואָס פאַר אַ מין שניידער ער איז געווען, ווייס איך ניט, אפשר אַ שלעכטער; אָבער וואָס פאַר אַ מין פּאָעט ער איז געווען, דאָס זאָגען מיר קלאָר זיינע געדיכטע פֿון יענע יאָהרען. אונזערע זשאַרגאָן דיכטער, וועלכע האָבען קיין מאָל אַ נאָדעל אין האַנד ניט געהאַלטען האָבען געוויס אַזעלכע ליעדער ניט געשריבען. פיעל פֿון זיי וואָלט גאָרניט געשאַדט בעסער אַ נאָדעל אין האַנד צו האַלטען איידער די פעדער.

נאָכדעם אַז ראָזענפֿעלדס שירים זענען איבערזעצט געוואָרען דורך פּראָפֿעסאָר וויענער און אַנדערע אויף ענגליש, און די גרויסע בלעטער האָבען איבער איהם פיעל געשריבען, איז זיין לאַגע בעסער געוואָרען. די פריינד פֿון דער יודישער פּאָעזיע, דער

געהעטאָ־דיכטונג האָבען מיטגעווירקט, דאָס ער זאָל פערלאָזען די נעה־מאַשין. מען האָט איהם געעפענט אַ ביכער־געשעפט. אָבער אַ פּאָעט איז ער אַ בעסערער אַלס געשעפטסמאַן. דערווייל איז ער אַ יוד אַ מטופל מיט פיעל קינדער, מיט פיעל זאָרג און מיט נאָך מעהר פּאָעזיע אין הארצען.

איך בין געוועזען מיט איהם אין בריטיש מוזעאום אין לאָנדאָן. איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען זיין התפעלות, זיין פרייד, זיין התלהבות ביי יעדען קונסטווערק, וואָס מיר האָבען געזעהען, ער ליעבט און לעבט מיט דער קונסט און פאַר דער קונסט. —

מאַקסימיליען האַרדען.

I.

אין דייטשלאַנד האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די סדרה: מאַקסימיליאַן האַרדען.

די — זידלען איהם, און די — הויבען איהם ביז'ן הימעל. אָבער ווידער אַלע רעדען און שרייבען וועגען איהם.

האַרדען פיהרט אַ קאַמפּף געגען די העכסטע הויף־קרייזען, געגען די נאָהענטע פריינד פון ווילהעלם דעם צווייטען, און ווי עס שיינט, וועט דער קאַמפּף ניט אַזוי גיך זיך ענדיגען, און דורך דיזען קאַמפּף איז די פּערזענליכקייט פון מאַקסימיליאַן האַרדען געוואָרען אַ „עפענטליכע פּראָבלעמע", וועלכע בעשעפטיגט יעצט פיעל גרויסע גייסטער אין איירָאָפּאַ.

ווער איז מאַקסימיליאַן האַרדען?

ער איז אַ דייטשער שריפטשטעלער!

קיין אַנדערע טיטלען, — ניט ד"ר, ניט פּראָפעסאָר, ניט געהיימראַט א. ד. ג. — האָט ער ניט. ער איז נאָר שריפטשטעלער, אָבער אַ גרויסער, ער איז נאָך מעהר: ער איז אַ פּערזענליכקייט. אַ כאַראַקטער. דערצו: אַ קאַמפּף־נאַטור. ער איז יעצט אין דייטשלאַנד דער גרעסטער פּובליציסט, דער בעדייטענדסטער טעאַטער־קריטיקער און ליטעראַטור קענער.

זיין אינערליכעס אונגליק און טראַגעדיע איז, דאָס ער איז געטויפט.

היינריך היינע האָט אַמאָל געזאָגט, „דאַס יודענטום איז איין אונגליק". אָבער היינע אַליין האָט דורך זיין גאַנצעם לעבען, ווי אויך זיין ליטעראַרישער מזל נאָך זיין טויט, בעוויזען, דאָס אויך דאָס טויפען זיך איז פאַר אַ טאַלענט, וועך רעכט נאָך פאַר אַ גרע-סערען גייסט — אַנ'אונגליק.

דאָס אונגליק פאַר האַרדען בעשטעט ניט אין דעם, וואָס אַלע אַנטיסעמיטישע צייטונגען זידלען איהם טאָג-טעגליך און רו-פען איהם נישט אַנדערש ווי „יוד", עס איז פאַר איהם איין גרע-סערעס אונגליק, דאָס אויך פיעל פון די פערעהרער פון זיין טאַ-לענט, פיעל פון די פיהרענדע גייסטער אין אייראָפּאַ גלויבען איהם ניט.

און אַפילו דער בעסערער עולם אורטיילט אַזוי: אַ שריפט-שטעלער אַ יוד, וועלכער האָט זיך געטויפט, געביטען און געהאַנ-דעלט מיט דער אַלטער אמונה פון זיינע עלטערען און עלטער-עלטערען, און דורך אַ נאַכט איז אָט דער „פּאָלנישער יודע" (האַרדען איז פון פּוילישע עלטערן אין מזרח-פּריסען, און האָט פריהער געהייסען וויטקאָווסקי) געוואָרען גאָר אַ הייסער, קאָכענ-דער דייטשער פּאַטריאָט 84-טער פּראָבע — אָט אַזאַ מין נפש איז מסתמא אַ קאַריערע-זוכער, אַ ליטעראַטור-שווינדלער אד"ג, און ווען אַ מענש קאָן בייטען זיין אמונה און זיך אָבזאָגען פון זיין פאָלק, טאָ ווי קאָנען מיר איהם גלויבען, וואָס ער קעמפּפט ווירקליך פאַר די ריינע וואַרהייט, פאַר די ווירקליכע גרויסקייט פון דייטשלאַנד, און קאָן ניט אַריבערטראָגען די גרויסע עולות אין קייזערס הויף און דעם מאָראַלישען שמוץ דאָרטען. פיעלייכט וויל אָט דער האַרדען נאָר געשעפט מאַכען, דאָס זיין וואָכענבלאַט „די צוקונפט" זאָל וואָס מעהר און מעהר פערברייטערט ווערען? עס געפינען זיך פיעל אַזעלכע נפשות, וואָס האָבען ליעב דוקא סקאַנדאַל-אַרטיקלען.

אַזוי זאָגט און אורטיילט אַ גרויסער טייל פון דעם עולם.

פאַר פינף יאָהרען האָט האַרדען געפיהרט אַ שווערען קאַמפף געגען אויגוסט בעבעל און געגען דעם סאָציאַליסטישען געלעהר-טען שריפטשטעלער מעהרינג. די אַרטיקלען פון האַרדען געגען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פיהרער זענען געוועזען שאַרף, גיפטיג און געשריבען מיט גרויס טאַלענט און „שיק", זיי האָבען אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט.

דאַן האָט דער אַלטער בעבעל ניט געפֿונען קיין בעסערע בלי־זין, צו קעמפֿפען געגען האַרדען און מבטל צו זיין דעם רושם פֿון זיינע שניידענדע אַרטיקלען, ווי צו עראינערן דער וועלט, דאָס זיין געגנער. רבי מאַקסימיליאַן, איז בסך־הכל אַ געטויפֿטער יוד, און וואָס קאָן מען, מ׳שטיינס געזאָגט, ערוואַרטען פֿון אַ משומד, ביי וועלכען אויך די אמונה איז אַ געשעפֿט?

און וואָס בעבעל זאָגט אָדער שרייבט, קאָן מען אין דייטשלאַנד ניט אויסמאַכען מיט דער האַנד, מען מוז זיך רעכענען דערמיט. און דאַן האָט האַרדען צו׳ם ערשטען מאָל עפֿענטליך (אין זיין „צוקונפֿט“) געגעבען אַנ׳ערקלערונג וועגען זיין שמד, דאָס איז געווען אַ מין יהוי־זאָגען. כמעט מיט טרערען אין די אויגען האָט האַרדען דערצעהלט, ווי טרויעריג איז געווען זיין יוגענד, ווי ער האָט געמוזט פֿערוואָגעלט ווערען פֿון דעם עלטערן הויז, ווי ער האָט פֿערלאָזען דאָס גימנאַזיום, ווייל ער האָט געוואָלט פֿריי זיין ווי אַ פֿויגעל; ווי איהם האָט געצויגען צו דער סצענע: איהם האָט זיך געוואָלט אַקטיאָר ווערען! ווי ער האָט געהונגערט אין בערלין, און ווען ער איז אַלט געווען זעכצעהן־זיבעצעהן יאָהר, האָט ער זיך געשמדט, ווייל ער האָט גאָרנישט געוואוסט פֿון דער יודישער אמונה, וועלכע מען האָט איהם קיינמאָל ניט געלערענט, און ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער זיך בודק געווען און געפֿונען, דאָס ער האָט שטענדיג מעהר ניטה געווען, מעהר בעגריפֿען די קריסטליכע אמונה. איך פֿראָסט יודיש גערעדט: ער איז געשמד׳ט געווען נאָך ביי דער מאַמען אין בויך.

מאַקסימיליאַן האַרדען האָט דאַן צו׳ם ערשטען מאָל געמאַכט אַ רחמנות׳דיגע מינע, און זיך בעמיהט צו „מטהר זיין דעם שרץ מיט ק״ן טעמים“.

II.

און דאָך איז האַרדען אַ ליטעראַרישע און אַ שטאַרקע, שאַרף אויסגעשניטענע פּערזענליכקייט.

מיט איניגע חדשים צוריק, ווען עס איז געווען דער וועלט־רעש׳דיגער משפּט האַרדען־מאָלטקע, — האָט זיך די רעדאַקציע

פֿוּן דעם װאָכֿענבלאַט „דער מאָרגען“ *) געװענדעט מיט אַ פֿראַגע צוּ גרויסע שריפֿטשטעלער אוּן בעװאוּסטע פּאָליטיקער אוּן געלעהרטע אין אײראָפּאַ: װאָס האַלטען זײ פֿוּן מאַקסימיליאַן האַרדען אַלס שריפֿטשטעלער אוּן מענש? אוּן די אַלע ענפֿערען, װעלכֿע זענען געדרוּקט געװען אין „מאָרגען“, ענטהאַלטען אין זיך בעגײַסטערטע מײנוּנגען װעגען האַרדען׳ס גרויסען ליטעראַרישען טאַלענט. װעגען זײנע ברײטע אוּן טיעפֿע ליטעראַריש־קינסטלערישע אוּן פּאָליטישע קענטניסען. אוּן אויך זײַנע פּאָליטישע אוּן ליטעראַרישע שׂונאים האָבען מודה געװען, אַז האַרדען איז עהרליך, פֿאָרנעהם (בּכבוד׳יג) אין זײַן פּאָליטישען קאַמפּף, ער זוכֿט ניט, װי געװיסע פֿעדער־באַנדיטען. סקאַנדאַלען, סדום־געשיכֿטען, כּדי געשעפֿט צוּ מאַכֿען, אָדער די װעלט זאָל מיט זײ קלינגען, האַרדען זוכֿט פּאָליטישע חטאים אין די הױכֿע פּאָליטישע קרײַזען, כּדי צוּ מנצח זײַן דעם שקר, כּדי צוּ בעפֿרײַען דײַטשלאַנד פֿוּן שמוּציגע, נידריגע פּאָליטישע אינטריגעס אוּן רכילות.

* *

*

האַרדען איז דוּרך זײַן אוּנגליקליכֿע ערציהוּנג (די ערציהוּנג, װעלכֿע הערשט בּיז הײַנט אין אַסימילאַטאָרישע קרײַזען) אוּן פֿער־פֿלאָנטעטע געשעהענישען אָבּגעפֿאַלען פֿוּן זײַן פֿאָלק, אָבער זײַן פּסיכֿיק, זײַן אַרט שרײַבּען, זײַן אופֿן צוּ קעמפּפֿען מיט זײַנע געגנער — דאָס אַלץ איז בּײַ איהם בּיז הײַנט עכֿט יוּדיש, אוּן ניט קוּקענדיג אויף דעם, װאָס האַרדען איז געװען דער אינטימער פֿרײַנד פֿוּן בּיסמאַרק, אוּן װאָס ער טראָגט אַ דיקע מאַסקע פֿוּן אַ דײַטש בּן דײַטש, אַ מאַסקע, װאָס איז אַ מאָל געפֿאַרבּט „יוּנ־קעריש“ (סאָלדאַטיש), אַפֿילוּ אַבּיסעל אַגראַריש; ניט קוּקענדיג, װאָס האַרדען בעמיהט זיך זײַן גאַנצען לעבען אַרויסקריכֿען פֿוּן דער יוּדישער הויט אוּן אַרײַנקריכֿען אין אַ עכֿט־עכֿט אײַז־קאַלטע „טױטאָנישע“ הויט — איז ער דאָך געבּליבּען עד היום אַ גלוּת־קינד, זײַנע ליטעראַרישע כּלי־זין זענען גענוּמען געװאָרען, געגען זײַן

---

*) אינטערעסאַנט איז צוּ בעמערקען. דאָס „דער מאָרגען“ (װעלכֿער איז רעדאַגירט פֿוּן בערימטע שריפֿטשטעלער אוּן געלעהרטע) איז אַ קאָנ־קוּרענץ־בּלאַט פֿוּן האַרדען׳ס „צוּקוּנפֿט“. ר. ב.

איינגענעם ווילען, פון דער יודישער נאס: גאַל-ביטערקייט, שאַרפער וויץ, גוזמאות, יודישער בטול. יודישע חוצפה (יענע חוצפה, וואס היינע רופט אן: „די שענסטע און בעסטע גאטס מתנה“), העכסט קלוגע שמד-שטיק (אין בעסערען זינן פון ווארט), אין וועלכע ס'איז דאך פערשטעקט א געוויסע פארציע פון טפשות, און א געשליפענעם צינגעל, מיט חזיר אויסגעשמירט, ווי א גיפטיגע שטעכיגע פעדער.

דאס עבט-יודישע און עכט-דייטשע האט זיך אין הארדען'ס אינערן ביז היינט ניט אויסגעמישט און ניט פערשמאָלצען געוואָרען, ער איז א קינד פון צוויי קולטורען. אין הארדען ליעגט עטוואס, גאַנץ געוויס, פון א מאָדערנעם נביא, וועלכער קעמפפט מיט ליידענשאַפט געגען דעם שקר אין אלע זיינע נייע צורות, — אָבער ער האט אין זיך, אויך גאנץ געוויס, א שטיק פון א מאַרקשרייער. און דארום איז ער אין פיעל אויגען א פראבלעם-מענש, א שווער-פערשטאַנענעם רעטעניש.

און ווען מען לייענט פיעל הארדען, פיהלט מען, דאס ער איז א נאהענטער קרוב, א „טינטען-ברודער“ פון לודוויג בערנע און פון זיין גרעסטען ליטערארישען געגנער מאקס נארדוי, ביי זיי אלעמען ליעגט די גרעסטע קראפט אין דער „נעגאַציאָן“, ד. ה. אין דער קונסט צו מבטל זיין, דער כח אויסצוזוכען אין אלץ די שוואַכע, די קראַנקע זייטען, צו קריטיקירען און זאגען א גרויסען „ניין“. אויף זאגען „ניין“ איז מאַקסימיליאַן הארדען דער גרעסטער מזיק.

פיעל יאהרען האט הארדען (אט דער פוילישער יוד, וועלכער האט זיך געשמד'ט) געקעמפפט געגען ווילהעלם דעם צווייטען. מייסטערהאַפט, קונציג, אָפען און צו גלייכער צייט פערשטעקט, בייסענדיג און גלעטענדיג אין בעקעל, האט הארדען געשילדערט יאהרען-לאַנג ווילהעלם דעם צווייטענס פעהלער און לעכערליכע זייטען, ער האט איהם שטענדיג דעם אמת געזאגט. געזאגט דורך א משל, א מליצה, דורך א מעשה'לע—אָבער געזאגט, וואס מ'דאַרף זאגען, און אלעס, וואס ער האט געזאגט, האט שטענדיג געמאַכט א רושם, געמאַכט א רעש. און וואס הארדען שרייבט, לייענט דאס גאַנצע אינטעליגענטע דייטשלאַנד, לייענט מען אין אלע „הויכע“ קרייזען, וויל וואס הארדען שרייבט איז „פיקאַנט“, געפעפערט און שניידט ווי מיט א צוויי-זייטיגען שווערד.

הארדען איז שוין דריי מאל געזעסען צו האלב יאהר אין געפענגניס פאר זיינע ארטיקלען געגען ווילהעלם דעם צווייטען, אבער יעדעס מאל איז ער ארויס פון „חד-גדיא" נאך מיט מעהר חשק, מיט מעהר היץ צו קעמפפען געגען די שטארקע, געגען די מיניסטארען און פאליטישע אנפיהרער, וועלכע האבען נאר איין טאלענט: געבארען צו ווערען אין די הייזער מיט די הויכע פענסטער, און וועלכע האבען נאר איין פערדיענסט: פאליטישע מומעס. הארדען האט גרויסען חשק, אליין מיניסטער צו ווערען, דאס אבער וועט ער קיינמאל נישט ווערען. בעגניגעט ער זיך מיט דעם, וואס מיט זיינע ארטיקלען ווארפט ער אראב ניט-פעהיגע מיניסטארען פון זייערע שטעלען, דאס מאכט איהם גרויס פערגניגען.

דעם לעצטען יאהר האט הארדען אנגעהויבען מיט גרויס טאלענט מבזה און פסול צו מאכען די נאהענטע פריינד פון ווילהעלם דעם צווייטען, צו בעווייזען, דאס זיי זענען טויגעניכטסען, ניעדריגע בעל-עבירה'ניקעס. האלבע משוגעים א. ד. ג., און דאס איז איהם געלונגען. אין די אויגען פון דעם פובליקום זענען זיי געפאלען, און דער דייטשער קייזער האט זיי געמוזט משלח זיין.

* *

*

א מאל האט א בעוואוסטער שריפטשטעלער געזאגט אויף הארדען: „הארדען איז דער גרעסטער פאסקוויל-שרייבער אין דייטשלאנד". איך וואלט זאגען, דאס הארדען שרייבט פאסקווילען נים געגען איינצלנע מענשען, אבער געגען די גאנצע דייטשע פאליטיק, געגען די גאנצע דייטשע קולטור. ער איז א פאסקוויל-שרייבער אין העכערען זין, א מין פראנצויזישער לאראשפוקא, זיינע „פאסקווילען" רייסען-אראב פון דער פאלשער, ליגנערישער קולטור די מאסקע מיט א שטיק פנים צוזאמען.

און דאס איז די עדעלע נקמה, וועלכע דאס אונטערדריקטע גלות-יודענטום, ווען דאס קליידעט זיך אייראפעאיש, איז זיך נוקם אן אונזערע פערפאלגער.

קײזער װילהעלם דער צװײטער.

(שטריכען צו זײן כאראקטער ביּלד).

די פערזאָן פון קײזער װילהעלם דעם צװײטען איז שטענדיג געװען אַ רעטעניש אין די אױגען פון דער גאַנצער װעלט.

די מײנונגען איבער װילהעלם דעם צװײטען האָבען זיך שטענדיג געטײלט אין דײטשלאַנד אין צװײ עקסטרעמע פאַרטײען. געװיסע צײטונגס־שרײבער און אַפילו בעװאוסטע געלעהרטע האַלטען דעם דײטשען קײזער פאַר אַ געניוס (גאון). אײניגע פערגלײכען איהם אַפילו מיט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען אַלײן. אין די צװאַנציג יאָהר, װאָס װילהעלם דער צװײטער איז קײזער פון דײטשלאַנד, איז געזאַמעלט געװאָרען, צו ליעב זײן כבוד און גדלות, אַ גאַנצע לױב־ליטעראַטור, װאו מען זאָגט איהם אָב גאַנץ הלל, פון די מײלער און פון די פעדערען פון דער פאַרטײ הערט איהר נאָר אין אײן קול: װילהעלם דער צװײטער איז זעהר אַ גרױסער מענש, ער איז אַנ׳אונגעװעהנליכע, זעלטענע פערזאָן, אַ מענש, — נאָך מעהר: אַ איבער־מענש, — מיט אײזערנע ענערגיע און ז. װ. קורץ: עס עקט זיך די װעלט.

עס האָט אָבער שטענדיג געגעבען אין דײטשלאַנד אױך שאַרפע־יאַרמעלקעס, שטעכיגע פעדער, בײסענדע צינגער, װעלכע האָבען אין פערשיעדענע פאַלען שטאַרק קריטיקירט (מעהר אָדער װעניגער בעהאַלטענערהײד, דורך דורכזיכטיגע רמזים, מעשה׳לעך

און משלים) די פערזענליכקייט פֿון ווילהעלם דעם צווייטען. די
צווייטע פארטיי, די קריטיש=סקעפטישע, האט זיך שטענדיג פֿער=
האלטען מיט א געוויסער איראניע צו אלע מעשים און דרשות פֿון
דעם דייטשען קייזער. ווי ער איז נאר אויף דעם טראן ארויף,
האט א בעוואוסטער מינכענער פראפֿעסאר, א היסטאריקער, גיך=
דרוקט א ספר מיט נאמען „קאליגולא". אין דער פערזאן פֿון קא=
ליגולא זאל מען האבען דערקענט דעם דייטשען קייזער, ווילהעלם
דעם צווייטען, מיט אלע זיינע חסרונות און „ווידערשפריכע".
מאקסימיליאן הארדען האט פֿאר פֿיעל יאהרען ארויסגעגעבען א בוך
(ער האט זיך אונטערגעשריבען אפאסטאטא) געגען דעם דייטשען
קייזער. הארדען איז שוין דריי מאל געזעסען אין געפֿענגעניש
פֿאר זיינע ארטיקעל געגען ווילהעלם. דער פֿיהרער פֿון די סא=
ציאל=דעמאקראטען אין דייטשלאנד, אויגוסט בעבעל, האט שטענדיג
אין זיינע בעקאנטע פארלאמענטס=רעדען, אדער אין גרויסע פֿער=
זאמלונגען, קריטיקירט, — ווען ער האט אפילו ניט „פורש בשם"
געווען דעם קייזער, — די דרשות און מיינונגען פֿון ווילהעלם.

* *

*

ווען מיר בעטראכטען גאנץ רוהיג און אביעקטיוו די פער=
זענליכקייט פֿון ווילהעלם דעם צווייטען, פֿון וועלכען עס רעדט און
שרייבט יעצט די גאנצע וועלט, די אלטע און די נייע, קענען מיר
אין איהם געפֿינען די חאראקטעריסטישע סימנים:

ווילהעלם דער צווייטער איז א אימפולסיוו=מענש, א מינוטען=
מענש, א קוועקזילבער=מענש, ער האט ניט קיין גלייכע ליניע אין
לעבען זיין און זיין רעגירונג. אלעס געהט ביי איהם אין א זיגזאג=
ליניע (א ליניע וואס איז ווי א שלשלת) ד. ה. „אהין און אהער" ליניע.
וואס ער טהוט און רעדט איז שטענדיג אונערווארטעט, פלוצלונג,
אונטער דער השפעה פֿון מאמענט. און אין דערינען איז ער דער
הפך פֿון דער דייטשער נאטור, וואס ליעבט „גרינדליכקייט" און
ישוב=הדעת. ער איז א התפעלות=מענש. גיך ווערט ער נתפעל,
און זיין גייסט פֿלאקערט זיך אויף, אבער גיך ווערט ער אבגע=
קיהלט. ער „ברענט איבער ווי א שטרוי".

ווילהעלם איז א געבארענער דרשן. די קונסט פֿון שווייגען,

פֿון אָבוואַרטען, ווייס ער ניט. וואו מען דאַרף, און אַם מייסטען וואו מען דאַרף ניט, רעדט ער און האַלט לאַנגע דרשות. ער איז פֿון געבורט אַ גוטער רעדנער. ער האָט אַ שטאַרקע, קלאָרע שטימע און קען זיך שען אויסדריקען. אָבער ער שטעקט זיין צונג אומעדום. קומט ער אין אָפּערן־הויז, האַלט ער אַ דרשה פֿאַר די אַקטיאָרען, און ער דערקלערט זיי, דאָס זיי זענען זיין אַרמעע, און זיי דאַרפֿען דינען זיינע קעניגליכע אידעען. פֿאָהרט ער אויף זיין יאַכט אין די צפֿון־לענדער, האַלט ער אויפֿ'ן שיף אַ זונטאַג־פּרעדיג, ווי אַ גלח. ער הויבט־אָן ווי אַ פּרעדיגער: „דוד המלך זאָגט אין תהלים קאַפּיטעל דער און דער, פּסוק דער און דער... און די כונה פֿון פּסוק איז אַזוי און אַזוי.

קומט ווילהעלם אויף דער חתונה פֿון קרופּ'ס יתומה (די טאָכטער פֿון פֿערשטאָרבענעם האַרמאַטען־קעניג), האַלט ער נאָך דער חופּה אַ דרשה און הויבט אָן מיט די ווערטער (ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען אַ מאַרשעלעק): מיין טייערע בערטאַ, ביי דיר איז היינט אַ יום־הדין... און דער קייזער ערקלערט דעם נייען פּאָר־פֿאָלק ווי מען דאַרף זיך פֿיהרען און לעבען נאָך דער חתונה, און זאָגט דעם עולם אַביסעל מוסר.

אין זיינע דרשות האָט ווילהעלם ליעב דעם לשון פֿון גוזמאות און פֿון אָנגעבלאָזענע מליצות און הפלגות. פֿון אַ פֿליעג מאַכט ער אַ עלעפֿאַנט, און פֿון אַ וואָרט — אַ קוואָרט. ער ווייס אין רעדען קיין מאָס, קיין גרעניץ און קיין טאַקט, און אינטערעסאַנט איז, דאָס ער ווידערשפּרעכט זיך אין אַלע זיינע דרשות. היינט זאָגט ער אַזוי, און מאָרגען — גאַנץ אַנדערש. ווען מען פֿערגלייכט זיינע דרשות, זעהט מען, וויפֿיעל סתירות אין זיי ליעגט.

ווילהעלם האָט זיך ליעב אין אַלעם צו מישען. דאָס איז אמת, ער האָט אַ אונגעוועהנליכע ענערגיע, אַ שטאַרקע אַרבייטס־קראַפֿט, אַ שטענדיגע נערוועזע אונרוהע און אין אַלץ זאָגט ער זיין דעה. אין קונסט־זאַכען איז ער ביי זיך אַ תקיף. ער האַלט רעדען געגען דער נייער קונסט און געגען די נייע גרויסע קינסטלער. ער וויל צווינגען די דייטשע קונסט געהן אין דעם דרך, וואָס ער שרייבט איהר פֿאָר. אמת דאָס גליקט איהם ניט. מאַקס ליבער־מאַן, דער אָנפֿיהרער פֿון דער מאָדערנער קונסט אין דייטשלאַנד, האָט ניט איין מאָל עפֿענטליך גערעדט געגען די קונסט־אַנזיכטען

פון ווילהעלם און האט זיי שארף קריטיקירט, און ווילהעלם געהט זיך זיין דרך. דעם ענגלישען גענעראל־שטאב גיט ער פלענער, ווי מנצח צו זיין די בורען, און די סקולפטור־און מאהלער־פראפעסארען אין דייטשלאנד גיט ער עצות און עסקיזען, ווי זיי זאלען מאלען און שניצען. נאך ווילהעלמ'ס פלאן איז די זיעגעסאלעע אין בערלינער טיערגארטען געמאכט געווארען, און זי טויג טאקי איף כפרות. אין בערלין רופט מען דאס „די פופענאלעע". ווילהעלם פערלאנגט פון די קינסטלער זיי זאלען דינען מיט זייער פענזיל און שניץ־מעסעריל זיינע קעניגליכע פאנטאזיען.

ווען עס האט דייטשלאנד געקאכט מיט די נייע המצאות פון „ביבעל און באבעל" פון דעליטש (צום סוף האט דאס געהייסען „ביבעל באבעל און בעבעל"־ענין) האט וויהעלם דאמאלס גערופען צו זיך דעם פראפ. דעליטש און האט זיך שטארק אריינגעמישט אין די ריין־געלעהרטע חקירות, און האט ארויסגעזאגט זיינע מיינונגען און הסכמות. איז געוועזען רעליגיעזע, פילאזאפישע פראגען איף דעם טאגס־ארדנונג — האק, ווילהעלם איז דא, ער שרייבט בריעף צו פערשידענע פערזאנען, וואו ער זאגט ארויס זיינע רעליגיעז־פילאזאפישע מיינונגען, און די צייטונגען האבען וואס צו שרייבען, און דעם עולם — וואס צו רעדען.

ווילהעלם מישט זיך אויך אין ריין־ליטערארישע פראגען. הויפטמאנ'ען ליעבט ער ניט, פון די נייע דראמען האלט ער ניט. דאגעגען זוכט ער ארויס טאלענטלאזע שרייבער און מאכט פון זיי א צימעס. פאריגען ווינטער, ווען ווילהעלם איז געווען אין מינכען, האט ער צו זיך גערופען עפיס א שרייבערל, א טינטען־פאטשקון, און האט איהם לויב געזונגען און ליטערארישע מיינונגען ארויסגעזאגט. היינע'ן ליעבט ווילהעלם ניט, און ווען ער האט ניט לאנג אבגעקויפט די ווילא פון דער פערשטארבענער עסטרייבישער קעניגין אין קארפו, האט ער בעפוילען ארויסצוטראגען היינע'ס סטאטוע פון גארטען. דאגעגען ווען דער בעוואוסטער שארלאטאן, דער וויענער טשעמבערלען האט פערעפענטליכט זיין ספר „די גרונדריסען פון דעם 19־טען יאהרהונדערט", האט איהם ווילהעלם גערופען פון וויען צו זיך און געזאגט איהם, דאס זיין בוך (דורך און דורך א אנטיסעמיטישעס) ליעגט שטענדיג אויף זיין טיש, און דאס בוך איז דאס גרעסטע ווערק פון נייינצעהנטען יאהרהונדערט, ווי

ער האט יעצט געזאגט דעם גראף צעפעלין, דאס ער איז דער גרעסטער דייטש פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

ווילהעלם איז א „מושלם“: ער מאהלט בילדער, אלס בעזונדערער צייכען פון זיין גנאדע שענקט ער זיי נאהענטע פריינד), ער מאכט מוזיק-קאמפאזיציעס און קאמאנדעוועט מיט די בעאמטע קאמפאזיטארען, ווי זיי זאלען שאפען זייערע אפערעס. ער האט שוין פראבירט דיריזשירען, ווי א קאפעלמייסטער, א מיליטער-ארקעסטער. ווען דאס איז געקומען אין די צייטונגען, האט בעבעל געזאגט: ווען עס זאל קומען, חלילה, די בייזע שעה, דאס ווילהעלם וועט זיך מוזען אבזאגען פון דער מלוכה, האבען מיר איהם פערזארגט; אלס קאפעלמייסטער וועט ער אויך פערדינען זיין שטיקעל ברויט. ווילהעלם האט שוין פראבירט שרייבען דראמעס (ער האט זיך אונטערגעשריבען מיט א פסעוודאנים: קאפיטען לייף), וועלכע מען האט געשפילט אין קעניגליכען טעאטער אין בערלין, און די גאנצע קריטיק האט דערפון א תל געמאכט און אויסגעלאכט.

ווילהעלם האט אין זיך נאך פיעל מעלות, אבער אין א קורצען ארטיקעל איז קיין פלאץ אלעס אויסצורעכנען.

די בעזונדערע סמנים פון ווילהעלמס חאראקטער:

ער האט ליעב צו רייזען. ער איז שטענדיג אין וועג. ער איז א שטענדיגער נע-ונד'ניק.

ער גלויבט, דאס ער קען אלעס בעסער ווי די אנדערע, וואס איינער אין די וועלט מאכט, גלויבט ווילהעלם, דאס ער וואלט דאס בעסער געמאכט, אפילו קאפע וואלט ער בעסער געקאכט ווי זיין קעכער. ער איז א בעל עצה און האט ליעב צו קריכען מיט זיינע עצות צו מלכים ווי זיי זאלען רעגירען. ער האט ליעב צו געבען עצות, אפילו ווי מען דארף עסען (אין דעם פירשט אייל‍ענבורגס פראצעס, האט דער לעצטער דערצעהלט אין געריכט, ווי ווילהעלם האט איהם געלערנט ווי און וואס מען דארף עסען). ווען אין אייראפא האבען אלע אנגענומען, דאס דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט הייבט זיך אן נאך דעם ווי עס ענדיגט זיך דאס יאהר 1900, האט ווילהעלם אליין דורך א דרשה געעפענט דעם 20-טען יאהרהונדערט (און געמאכט א יום טוב אין בערלין) מיט א יאהר פריהער, ווי עס האט זיך געענדיגט דאס יאהר 1899.

ווילהעלם האָט ליִעב, די גאַנצע העלט זאָל פון איהם רע־דען, עס זאָל מיט איהם קלינגען. נון עס קלינגט טאַקע מיט איהם די גאַנצע וועלט.

און וואָס טהוט ווילהעלם? — ער פליהט אין לופטען, האַלט דרשות, מיט וועלכע ער רופט אַרויס די אונצופריעדענהייט פון זיין פאָלק.

מַאקְס נָארְדוֹי.

מאַקס נאָרדוֹי — אַ כאַראַקטער־קאָפּ, אַ עכט יודישער קאָפּ און אַלס מענש איז ער פֿיעל אינטערעסאַנטער ווי אַלס שריפֿטשטעלער.

מען בעגעגענט זעהר אָפֿט און אין אַלע לענדער קינסטלער, שריפֿטשטעלער, פּאָעטען, וועלכע זענען אַלס מענשען גאָרנישט אינטערעסאַנט. זיי האָבען געדאַנקען, געפֿיהלען, בילדער נאָר דאַן, ווען זיי האַלטען די פֿעדער, אָדער דעם פּינזעל אין דער האַנד. אין לעבען, אין פּערזענליכען פֿערקעהר מאַכען זיי דעם איינדרוק פֿון אַ אויסגעקוועטשטער לימאָנע. זיי דריקען אויס דעם לעצטען טראָפּען גייסט, דאָס לעצטע ביסעל לעבענס־זאַפֿט אין זייערע ווערק. וואָס זיי האָבען אין זיך פּאָעטישעס, ליכטיגעס און פֿונקעלנדעס, שאַרפֿזיניגעס און גייסטרייכעס לעגען זיי אַריין אין זייערע ווערק, און לאָזען זיך, אַלס מענשען, גאָרנישט איבער. אַלס מענשען מאַכען זיי אָפֿט דעם איינדרוק פֿון „אָבגעשלאָגענע הושענות“. אין בעסטען פֿאַל: זענען זיי געגליכען צו אַ הדס, וואָס האָט (ווי דער תּלמוד דריקט זיך אויס) קיין טעם און קיין ריח.

דאָס זענען איינזייטיגע נאַטורען; וועניג מענשען און מעהר טאַלענט.

מאַקס נאָרדוי געהערט אָבער צו די גאַנץ וועניגע שריפֿטשטעלער אין אייראָפּאַ, וואָס זייערע ביכער, זייערע ווערק איז ביי זיי גאָר אַ גאַנץ קליינער טהייל. נאָר אַ פֿונק פֿון זייער גרויסער נשמה, פֿון זייער פֿרוכטבאַרען, שטאַרקען, שאַפֿענדען גייסט.

און אויך צווישען די גאַנץ וועניגע איז מאַקס נאָרדוי דער־

אויסגעצײכענטסטער. איך קען פערזענליך פיעל פון די גרעסטע אײראפעאישע שריפטשטעלער אין פערשידענע לענדער, און איך קען זאגען, דאס זעהר זעלטען מאכט װער פון זײ אין פערזענליכען פערקעהר אזא שטארקען, בעצױבערנדען אײנדרוק װי נארדױ, יעדעס מאל װען מען קומט מיט איהם צוזאמען.

און יעדעס מאל, װען איך בעזוך פאריז, געהערען צו מײנע בעסטע גײסטיגע תענוגים צו בעזוכען בײ מאקס נארדױ.

נארדױ װאהנט אין א זײטיגער שטילער גאס אבער גאנץ נאהענט פון דעם לעבעדיגסטען, קאכענדיגען צענטר פון פאריז, ניט װײט פון די גרויסע, רױשענדע בולװארען, ער פערנעמט פאר זיך א גאנצעס הויז פון עטליכע שטאק, דאס הויז געפינט זיך אין א הויף, מיט א קלײנעם גערטעל פאר דער טהיר, אין הויף איז שטיל און רוהיג, און עס הערט זיך גארניט דער אטהעם פון דער גרויסער שטאדט.

דאס ארבײטס-צימער פון נארדױ, דאס װערקשטאט פון פיעלע גרויסע געדאנקען, איז גאנץ קלײן. דאס גאנצע מעבעל פון צימער בעשטעהט פון א געװעהנליכען דיפלאמאטען-שרײב-טיש, פון אנ'אלטען פאטעל און צװײ שטוהלען, קײנע בילדער, אפילו קײנע פאטאגראפיען אדער גראװירען, קײנע פארטיערע, קײנע דראפעריען און קײן רמז אויף דעם קלענסטען שװאכסטען לוקסוס. דאס צימער איז אנגעשטאפט מיט ביכער. אײנפאך געבונדענע און גאר אהן אײנבאנד. ביכער, אין פערשידענע לשונות ארום די װענד, ביכער אויף דער פאדלאגע, און א גאנצע מאסע, די נײעסטע, אויף דעם שרײבט-טיש. אויף דעם קאמין שטעהט קײן אנדער ציערונג װי די אלע בענדער פון דער „דשואיזש ענציקלאפעדיע" (יודישעם לעקסיקאן).

און װי פײן, װי גוט און טרײהערציג, װי פרײנדליך און ליעב נעמט ער אויף אין זײן ארבײטס-צימער זײנע בעקאנטע, זײנע פרײנד און אפילו גאנץ אונבעקאנטע בעזוכער.

און נארדױ, נישט קוקענדיג, דאס ער איז שוין באלד זעכציג יאהר, נישט קוקענדיג אויף זײן שנײע-װײסעם האר און דאס זײן געזונדהײט האט אין די לעצטע פאר יאהרען געליטען, — איז ער דאך נאך פול לעבען, און דאס פײער אין זײנע קלוגע דענקער-אויגען ברענט נאך.

דאָס אַרבײַטס־צימער פֿון נאָרדױ איז פֿון אַ נזיר, פֿון אַ אײַנזאַמען, פֿון אַ „צוריקגעצױגענעם“. און ער ברױכט נישט צו בעקומען אָנרעגונגען פֿון שײנע זאַכען אַרום איהם. זײַן גײַסטיגע נאַטור איז זעהר געזונד און זי ברױכט קײן קינסטליכע מיטעל אום צו קומען אין בעװעגונג. ער האָט אַ אינערן קװאַל, פֿון װעלכען ער שעפּט צו יעדער צײַט ליכט און אָהן בעזונדערער מיה.

נאָרדױ לעבט די לעצטע יאָהרען נאָר פֿאַר זײַן אַרבײַט. װײַט און פֿרעמד פֿון דער „גלענצענדער װעלט“, פֿון לעבענס־מאַרק, און װאָס פֿאַר אַ פֿלײַסיגער אַרבײַטער ער איז! אַלעס לײענט ער, אַלעס שטודירט ער, און איבער אַלעס שרײַבט ער, ער בעקומט טעגליך בריעף פֿון אַלע טײלען װעלט, און אויף אַלע װיכטיגע בריעף שרײַבט ער אַלײן אַנ'ענטפֿער, און אין דעם זעלבען טאָג. ער איז דער פּינקטליכסטער און דער שנעלסטער אַרבײַטער. אין קײן אײנציגע מינוט געהט בײַ איהם אומזיסט פֿערלאָרען.

און נאָרדױ איז נישט נאָר אַ מערקװירדיגער, צ װאונדערבאַרער רעדנער אין „קאָזער“ *) — ער איז אויך דער אויפֿמערקזאַמסטער און דער בעסטער צוהערער, װען מען רעדט מיט איהם. ער הערט צו מיט אינטערעס, מיט „שפּאַנונג“. און פֿיעל דאַרף מען מיט איהם נישט רעדען, דען ער בעשאַפֿט אַלעס שנעל, פֿון אײן װאָרט, פֿון אַ װינק שאַפֿט ער זיך גלײַך אַ לעבעדיג ביל ד פֿון אַ גאַנצע „סיטואַציאָן“, פֿון אַ מענשען לעבען. און שנעל קען ער זיך אײַנלעבען, אײַנשפּינען — װען עס איז ערלױבט אַזױ צו זאָגען — אין אַ גאַנץ פֿרעמדע „װעלט־אַנשױאונג“, אין גאַנץ פֿרעמדען אופֿן צו דענקען, צו פֿיהלען און צו בעגרײַפֿען. און מיט יעדען רעדט ער אויף זײַן לשון, און נאָך יענעמס השגה.

אין יעדעס מאָל, װען איך בעזוך מאַקס נאָרדױ, האָב איך דאָס גרעסטע פֿערגעניגען צו הערען שטונדען־לאַנג, װי ער רעדט װעגען די העכסטע און לעצטע זאַכען אין דער װעלט און אין לעבען, און עס איז אַ זינד צו שפּרעכען מיט נאָרדױ איבער קלײנע זאַכען, איבער װאָכענדיגע זאַכען, און װען מען רעדט מיט נאָרדױ אַפֿילו איבער די גאַנץ געװעהנליכע, קלײנע לעבענס־זאָרגען, איבער „װײַפּענבלאָזען“ פֿון דער שעה און ד. ג. בעקומען זײ, במעט

---

*) אַנגענעהמע שמועסער

נישט וועלענדיג, אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, און ווערען בעטראַכט פון אַ העכערן שטאַנדפונקט.

און איבער וואָס נאָרדוי זאָל נישט רעדען — און ער רעדט מיט זיינע פריינד שטענדיג מיט חשק און מיט טעמפּעראַמענט — איז ער אָריגינעל און שאַרפזיניג, אָפט מאָל אויך פּאַראַדאָקסאַל, אָבער קיין מאָל נישט באַנאַל. און שטענדיג האָט ער וואָס צו זאָגען נייעס און פרישעס.

נאָרדוי מאַכט אין זיינע געשפּרעכען דעם איינדרוק פון אַ עלעקטרישער באַטעריע, וואָס מוז זיך „ענטלעדיגען", אויסשפּאַנען, פּטר'ן איהרע פונקען. ווען מען רעדט מיט איהם וועגען געוויסע ענינים וועלכע בעשעפטיגען און רייצען זיין גייסט, פיהלט מען גלייך, דאָס אין זיין זעלע ליגט אָנגעזאַמעלט געוויסע אָנצינדענדע מאַטעריאַלען און ביי דער קלענסטער בעריהרונג מוזען זיי אויפרייסען, אויפפלאַקערן, און ווי העל, און וויפיעל קאָלירען פלאַקערט נאָרדוי'ס גייסט, ווען ער רעדט וועגען די נייע ריכטונגען, די נייע שולען אין דער פילאָזאָפיע, אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט, אָדער ווען ער רעדט וועגען דעם שאָדען, וואָס די אַסימילאַציע האָט אונז יודען געבראַכט, און די זעלבע זאַך איז, ווען ער רעדט וועגען דעם פּראַקטישען קריסטענטום און זיינע פאָלגען.

און איבער וואָס נאָרדוי זאָל נישט רעדען, איז ער ווי אַ לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע. אין אַלעס שטעהט ער אויף דער העכסטער מדרגה פון אונזער צייט און זיין אַלזייטיגעם, רייכעם, גרינדליכעם וויסען איז קיין טויטעס קאַפּיטאַל, קיין דריקענדע משא; זיינע קענטעניסען זענען עטוואָס לעבעדיגעס, פרוכטבאַרעס, אַנרעגענדעס.

אויך די פּראָסטע שמועסען פון נאָרדוי מאַכען דעם איינדרוק פון אַ וואונדערפאָלען פייערווערק. אַפאָריזמען, בעמערקונגען, ביישפּילען פליהען ווי די לייכטענדע־ראַקעטען. ער רעדט, און עס שיט זיך אַ רעגען פון גאָלד און ברילאַנטען.

איך בין מיך נוהג צו ווידערשפּרעכען, סותר זיין. נאָרדוי'ען אין זיינע מיינונגען איבער ליטעראַטור, איבער קינסטלער און פּאָעטען, מיינע „עמפּפינדונגען" געהערען אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. מיין קונסט־געשמאַק איז פון אַ גאַנץ אַנדער מין — און דאָך ווי נע־

דולדיג הערט אוים דער אַלטער קעמפּפער די מיינונגען, וועלכע ווידערשפּרעכען איהם.

און נאָרדוי איז אין זיינע אַנזיכטען איבער קונסט, און זיינע פאָדערונגען פון דער ליטעראַטור אַ עכטער רעכטער יוד. ער שטעלט די עטיק, די מאָראַל, העכער ווי די עסטעטיק, די שענהייט. ער זוכט דעם תכלית, די נוצען פאַר דעם לעבען. די „קונסט צו ליעב קונסט“ איז ביי איהם דברים בטלים, אַ ברכה לבטלה. אָבוואָהל נאָרדוי איז אויך אַ געפיהלס-מענש, אַ מענש מיט אַ וואַרעמען האַרץ מיט אַ רייכער נשמה, אַ מענש מיט שטאַרקע, שאַרפע נייגונגען און אָבנייגונגען, דאָך איז די לאָגיק די מלכה אין זיין זעלען-לעבען; דער געזונדער שכל איז דער קעניג אין זיין גלענצענדען אינטעלעקט.

און ווען מען רעדט מיט נאָרדוי וועגען העבּרעאישע זאַכען, ווערען אין זיין געשפּרעך נישט וועלענדיג בעריהרט אַלע צווייגען פון די מאָדערנע וויסענשאַפטען. פראַגען פון דער וועלט פּאָליטיק, די נייע ווענדונגען אין דער וועלט-ליטעראַטור, און איבער אַלע דיעזע זאַכען האָט נאָרדוי שטענדיג וואָס צו זאָגען, זאָגען אַזעלכעס, וואָס אַנדערע האָבען דאָס נאָך נישט געזאָגט; ער האָט שטענדיג וואָס צו קריטיזירען און איבער וואָס ביטער און גייסטרייך צו איראָניזירען.

און די געשפּרעכען פון נאָרדוי זענען שטענדיג אַ „קווינטעסענץ“ פון פיעלע געדאַנקען, פון אַ שטאַרקער אינערער גייסטיגער אַרבייט און שטענדיג קען מען וואָס נוצליכעס לערנען פון זיינע געשפּרעכען, ווען מען איז אַפילו נישט מסכים — אָדער דוקא ווען מען איז נישט מסכים — צו זיינע אַנזיכטען.

שלום־עליכם.

שוין לאנג האב איך געפיהלט א בעדערפניש צו דאנקען שלום עליכם'ען פאר די אנגענעהמע שטונדען, וועלכע ער האט מיר פערשאפט מיט זיינע מעשיות און געשיכטען.

וויפיעל ערגערניש האט מען טעגליך אין א הויפט־שטאט ווי בערלין; וויפיעל ביטערקייטען, זארגען און אויפרעגונגען בריינגט דאס מאדערנע לעבען. און אז גאט העלפט און מען געפינט א פרייע שטונדע עפיס צו לייענען. קאן מען אויך ניט שטענדיג געפינען אין די ביכער פערגניגען. זעהר אפט קומט אויס צו לייענען אזעלכע ערצעהלונגען, ביי וועלכע מען טוט קנייטשען דעם שטערן ווי. להבדיל, ביי א שווערען מהרש"א, אדער ביי'ם טרעפען א רעבוס.

נו, לעבט ערגיץ וואו א שרייבער, וואס הייסט שלום־עליכם, און ער שרייבט אזעלכע מין זאכען, אז מען לייענט דאס, לאכט מען אויף וואס די וועלט שטעהט, אז נאר טרערען קייקלען זיך פון די אויגען, און עס ווערט לוסטיג, פרעהליך אויפ'ן הארצען, ניט קוקענדיג אויף די ביטערע, גאלי'יגע טראפענס וואס איז בעהאלטען אין די דאזיגע געשיכטען.

נו, ווי זאל זיך ניט וועלען אמאל פערזענליך דאנקען אזא שרייבער, וואס האט אזא לאבעדיגע, לייכטע פען, אזא רייכען, לוסטיגען הומאר. א פען, וואס קיצעלט אבער בייסט ניט, מאכט פון אלץ חוזק, חוכא וטלולא און דאך מיט רחמנות.

און ווען איהר אלע דארט אין רוסלאנד ליעבט שלום־עליכם׳ען און האט גרויס הנאה פון זיינע מעשות, טא שטעלט זיך פאר, מיט וואס פאר א התפעלות לייענט שלום־עליכם׳ן אזא יונג ווי איך, איינער קנעכט, — א יונג פון רוסלאנד, וועלכער לעבט צווישען דייטשען שוין מעהר ווי 16 יאהר. ביסלעכווייז הייבט מען אן פערגעסען דאס יודישע לעבען, די עלטע גלות־טיפען דארט, אין די יודישע שטעט אין רוסלאנד. ביסלעכווייז הייבט מען אן פערגעסען אויך דעם מאמע־לשון, די שפראך פון מיליאנען עלטע יודען און זייערע מנהגים, אויפפיהרונגען, האנדלען און וואנדלען, פיעל מאל קומט דאס אלץ אויס ווי א לאנגפערגעסענער חלום, און אפילו יודיש הייבט מען אן רעדען, צו אונזער שאנד, ווי א גוי.

נו. פאלט אריין שלום־עליכם׳ס געשיכטען אין די הענד, און דא ווערט אויף איין מאל דער חלום לעבעדיג, פערגעסענע אלטע בילדער, ערינערונגען, ווערטלעך, געשיכטען פון די קינדער־יאהרען ווערען אויף איין מאל, ווי דורך א כשוף, לעבענדיג, בולט, צאפלדיג און ליעב, מען לייענט און מען וואונדערט זיך: ווי רייך, ווי פלאסטיש, ווי קלינגענד איז דער מאמע־לשון.

ניין, מיינע ליבע לעזער אין רוסלאנד! איהר קאנט דאס נאר ניט פיהלען, וואס בעדייטעט שלום־עליכם פאר אזעלכע יודען ווי איך. ווי מיר לעקען די פינגער, ווי מיר צוקערן יעדעס ווארט. די יוגענד קעהרט זיך צוריק, וואס פאר א טייערער, ליעבער גאסט איז שלום־עליכם ביי אונז!

און וואס טהוט דער רבונו של עולם? ער שיקט־מיר־צו פאריגען זומער את דעם שלום־עליכם. איהם אליין, און מאריענבאד. און דא איז דערפילט געווארען מיין אלטער וואונש, אבגעבען א בריטען שלום־עליכם דעם בעקאנטען־אינבעקאנטען ש ל ו ם־ע ל י כ ם, און דאנקען איהם פון פולען הארצען פאר זיינע טייערע ליטעראריטשע מתנות.

איהר קאנט מיר גלויבען, אז עס איז ביי מיר געווען א אמת׳ר יום טוב, ווען איך האב זיך בעקאנט מיט שלום־עליכם. את דאס איז ער, דער שלום־עליכם, וואס האט מיר מיט זיין הומאריסטישער גאלדענער פעדער אזוי פיעל לאבענדיגע שטונ־

דען פֿערשאַפֿט, מיך בעקאַנט מאַכֿענדיג מיט „מנחם מענדעל פֿון יעהופּיץ" און מיט „טוביה דעם מילכֿיגער", אָט דער יוד האָט דאָס בעשריבען „יוסעלע סאָלאָוויי", „סטעמפּעניו", „אַדעל" און נאָך הונדערט געשיכֿטען, אין וועלכֿע עס ווימעלט אַ גאַנצע וועלט.

און ווי פּריש, יונג, לעבעדיג ער זעהט אויס פֿאַר זײַנע יאָהרען. איך האָב גלײַך געזעהן, דאָס ער איז ניט אײַנער פֿון יענע שרײַבער, וועלכֿע זעהען אויס, נאָכֿדעם ווען זײַ האָבען אַ פּאָר בענדער געשריבען, ווי אַ אויסגעקוועטשטער לימאָן, ווי אַ אויסגעפּרעסטער טאַראַקאַן אין אַנ׳אַלטער סדילקאָווער סליחה. דאָס איז ניט אײַנער פֿון יענע שרײַבער. בײַ וועלכֿע עס טריפּעלט טינט פֿון די פֿינגער. דאָס איז קײַן ביכֿער־וואָרם, קײַן קרעכֿצענדער „ליטעראַט", אין קײַן קולטור־איבערזעטיגטער מענש.

נײַן, שלום-עליכם האָט אויף מיר געמאַכֿט דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿרעהליכֿען יודען. און ווי ער שרײַבט, אַזוי רעדט ער: אַ וויץ, אַ ווערטעל, אַ אַנעקדאָטעל און ד. ג.

איך האָב געזעהען פֿאַר מיר אַ יודישען שרײַבער אַ אָפּטימיסט. אַ פֿאַנטאַסט, פֿול מיט פּראָיעקטען און פּלענער, פֿול אַרבײַטסלוסט און ענערגיע. ער האָט שוין אַזוי פֿיעל געשריבען, און ער קלויבט זיך ערשט צו שרײַבען און צו שרײַבען, טאַקי רעכֿט פֿיעל. עס מאַכֿט דעם אײַנדרוק, דאָס די אַלע געשיכֿטען, פֿעליעטאָנען און סקיצען, וועלכֿע ער שרײַבט, שיטען זיך בײַ איהם ווי פֿון אַרבעל. ער קען גאָר ניט דעם שרײַבער־שווייס. עס קומט איהם אַלץ אָן זעהר לײַכֿט און גרינג ווי אַ מזמור.

שלום־עליכם קאָן שרײַבען אין יעדען אָרט, אין יעדער שטונדע און מיט יעדער פֿען. אַ בלײַפֿען מאַכֿט אויך ניט אויס. ער זיצט אויף דער עלעקטרישער באַהן און שרײַבט אין זײַן נאָטיץ־ביכֿעל, אָדער אויף פּאַפּיער פֿאַר וועלכֿע ס׳איז צײַטונג. זײַן מוזע איז, ווי די יודישע ווײַבער זענען געווען אין מצרים, טראָגט אין זיך מיט אײַן מאָל זעקס קינדער.

און אַלץ שעפּט ער פֿון זיך אַליין. איך וויל דאָ ניט אורטײַלען איבער דעם קינסטלערישען ווערט פֿון שלום־עליכם׳ס ווערק (דאָס האָב איך אין אַ העברעאישען אַרטיקעל געמאַכֿט), און איבער די מדרגה פֿון זײַן טאַלענט. נאָר אײַנס וויל איך דאָ

זאָגען: אַלץ, וואָס שלום-עליכם שענקט אונז, גיט ער דאָס פֿון זײַן אײגענעם. פֿון זיך זעלבסט. ניט ווי געוויסע אַנדערע יודישע שרײַבער, וועלכע צוקײַען וואָס זײ האָבען געלײענט, וואָס זײ האָבען גענומען בײַ פֿרעמדע, און גיבען דאָס אונז אַרויס פֿאַר זײער אײגענס.

און שלום-עליכם שעפּט און שעפּט פֿון זײַנע אײגענע קוואַלען און ווערט ניט מאַט. עס נעמט זיך גאָר בײַ איהם ניט אויס, ער זיצט, דאַכט זיך, און פּלוידערט מיט אײַך בײַ אַ גלאָז קאַווע, און שרײַבט בשעת מעשה פּלינק אַ געשיכטע.

און שלום-עליכם ווײס הירקליך ניט וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט-ליטעראַטור, אין דער קולטור-וועלט, אין דער קונסט-וועלט. און צוליעב וואָס? עס געהט אַזוי אויך. עס מאַכט זיך. און פֿיעלײַכט אַ דאַנק דעם איז ער געבליבען יודישער, אײנגענ-טימליכער, שלום-עליכם'דיגער.

*   *

*

און אין מאַריענבאַד האָב איך אויך צום ערשטען מאָל געהערט, ווי שלום-עליכם לײענט זײַנע זאַכען. דאָס איז געווען אין אַ גרויסע פֿערזאַמלונג. און קײן מאָל וועל איך ניט פֿערגעסען דעם פֿער-גניגען וואָס איך האָב געהאַט דערבײַ. איך האָב געהערט די בעסטע פֿאָרלעזער אין אײראָפּאַ, די בערימטעסטע אַרטיסטען, אָבער אַזאַ הנאה, ווי איך האָב געהאַט בײַ שלום-עליכם'ס פֿאָר-לײענען, האָב איך נאָך קײן מאָל געהאַט.

ווען שלום-עליכם לײענט אַלײן פֿאָר זײַנע געשיכטען, בעקומען זײ נײַעס, פֿולעס לעבען. און ווי לײענט ער פֿאָר! עס איז נאָר צו הערען. ער פֿערוואַנדעלט זיך, ווערט מגולגל אין זײַנע פּאַרשוינען, וועלכע ער שילדערט. ער רעדט מיט זײער לשון, לעבט זײער לעבען; ער האָט דאַן זײער מימיק, זײערע הויות און תנועות. זײַן פֿאָרלײענען איז רײנע קונסט. ער טרײַבט ניט איבער, כדהנ'ט ניט און מאַכט קײן איבריגע מינע. אַלץ מיט קינסטלער-מאָס און טאַקט. אַלע קײַקלען זיך פֿון געלעכטער, נאָר שלום-עליכם אַלײן לאַכט ניט. ניט איהם געהט דאָס אָן. ער בלײַבט קאַלט און רוהיג. דער וואָס האָט ניט געהערט ווי שלום-

עליכם לייענט פאר זיינע זאכען, ווייס ניט, וואס הייסט יודיש פארלייענען. אין שלום-עליכם איז פערלארען נעגאנגען א אקטיאר פון ערשטען ראנג. זיין געזיכט איז פול בעוועגונג און הומאר. מיר שיינט, דאס ווען איך וואלט בעגעגענען שלום-עליכם'ען אין גאס, און קיינער וואלט מיר ניט געזאגט, דאס עס איז שלום-עליכם, וואלט איך אליין אויסגערופען: אט געהט ער! דער אויסערליכער שלום-עליכם פאסט פאלשטענדיג דעם אינערן שלום-עליכם. אט אזוי דארף ער אויסזעהן.

*

* *

שלום-עליכם ווילט שוין א פאר חדשים אין בערלין. און איך האב איהם נעהענטער ערקענט. וואס מיך וואונדערט ביי איהם איז דאס, ווי נאאיוו ער איז אין פיעל זאכען. אט דער וויצלינג, דער הומאריסט און חוזק-מאכער פון דער גאנצער וועלט, איז זעהר אפט, צו אפט, א ריכטיגעס קינד און קיין מענשען-קענער. אפט, ווען איך רעד מיט איהם, און זעה ווי קינדיש ער איז, ווי ער האט פון אלע קלייניגקייטען התפעלות: פרעג איך מיך: איז ער ווירקליך ווי ער שיינט, אדער איז דאס אויך פון איהם א וויץ, ווער ווייס?

און וואס מיר געפעלט ביי איהם איז דאס: ער איז שטענדיג צופרידען. איך האב פון איהם קיין מאל געהערט א שלעכטעס ווארט איבער אנדערע שרייבער. ער איז קיינעם מקנא און פערגינט יעדען דאס זייניגע. צווישען שרייבער איז דאס א זעלטענע ערשיינונג.

און ווי ליעבט שלום-עליכם די יודישע שפראך, און ווי קען ער זי! ווען ער הערט א נייעס ווארט אדער אויסדרוק אין יודיש, שרייבט ער דאס גלייך איין אין זיין נאטיץ-ביכעל. ווען ער געפינט א נייעם ווארט אין יודיש, וועלכער ער האט ניט געוואוסט, פרייעט ער זיך ווי אויף א טייערע מציאה.

דאס שענסטע דערביי איז, דאס ער ליעבט ניט ווייניגער די העבראַאישע שפראך, און ער ליעבט צו רעדען מיט מיר דוקא העבראַאיש, און ווי שען רעדט ער! ער איז ניט וויעניג שטאלץ דעראויף, דאס ער שרייבט אויך העבראאיש, און איך

אין אונזער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך שרײַבט ער שלום־עליכם׳דיג.

און ער איז אין בערלין, און בכלל אין אייראָפּאַ ווי אין אַ פרעמדער וועלט. ער איז צו ענג, צו שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסען מיט זײַנע מאַזעפּעווקער און יעהופּיצער יודען. ער פערשטעהט ניט די דײַטשע יודען. ווי זײַ פערשטעהען איהם ניט.

לעבען און ליטעראַטור.

אַ רעטעניש!

וואָס איז פאָרגעקומען, וואָס האָט פּאַסירט? עס שטימט עפּעס ניט. עס רופט אַרויס, עס רייצט צום נאָכדענקען...

אָבער אָהן פּיעל הקדמות.

איך געה גלייך צו'ם ענין.

איז דאָס ניט מערקווירדיג, איז דאָס ניט אויפפאַלענד, וואָס פון איין זייט ווערט אונזער לעבען פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה אַלץ אינטערעסאַנטער, אַלץ דראַמאַטישער, אַלץ רייכער אין פאַרבען און טיפער אין אינהאַלט, אַלץ פערוויקעלטער, און די יודישע (זשאַרגאָן) שענע ליטעראַטור, פון דער אַנדער זייט, ווערט אַלץ פאַנטאַסטישער, וואָלקענדיגער, בלאַסער, חלום'דיגער און אַלץ ווייטער און ווייטער, פרעמדער און פרעמדער פון אונזער לעבען. איך זאָג עהרליך, רוהיג דעם צוזאַמענהאַנג צווישען אונזער ווירקליכקייט (אונזער טעגליכע לעבען און קאַמפף, אונזערע האָפנונגען און שטרעבונגען ווי זיי זענען באמת) און צווישען אונזער נייעסטער יודישער בעלעטריסטיק, און איך געפין ניט. עפּעס זענען זיי איינער מיט דעם אַנדערן קידער־ווידער, להכעיס'דיג. וואָס איז דאָס? איך לייען און לייען די לעצטע ווערק, נאָוועלען, דראַמען, שירים, פון דער נייעסטער יודישער ליטעראַטור, און פרעג זיך: איז די דאָזיגע ליטעראַטור אַ שפּיגעל פון אונזער נייעם לעבען, אונזער ווירקליכען לעבען, מיט אַלע זיינע זיגזאַגען?

חלילה! ניין, מיט אַ גרויסען נון טויזענד מאָל ניין.

דער, וואָס קען ניט אונזער לעבען, און וועט דאָס וועלען קענען, שטודירען דורך די גאָר־נייעסטע יודישע ליטעראַטור, וועט

ער פערבלאָנזשען, און ניט קענען אַרויסקריכען. ער וועט גלויבען, דאָס די גרעסטע ראָלע אין אונזער יעצטיגען לעבען שפּילט די לבנה מיט איהרע זילבערנע שטראַהלען, די שאָטענס מיט זייערע סודות, רבי נחמנ'ס מעשיות, די בת-מלכה און דער בן-מלך פון די אַלטע בבא-מעשיות אויפ'ס ניי איבערגעניצעוועט.

קיין שפּיגעל איז די גאָר נייעסטע יודישע ליטעראַטור ניט. וואָס דען איז זי? איך וויל זוכען.

פילייכט וועל איך אין איהר געפינען דעם אָבקלאַנג פון אונזער אַמאָליגען לעבען, פון די ערשטע דורות, פון די מיטלערע דורות, פון אַלטע צרות, מלחמות, אידעאַלען, האָפנונגען און דענקען? ניין! קיין וואונדער איז דאָס ניט. דען אונזער נייעס לעבען, נייע צרות, נייע מלחמות, נייע האָפנונגען, נייע אידעאַלען, נייע בענקען זענען פיעל לעבעדיגער, פיעל אינטערעסאַנטער, שטאַרקער און פּראָבלעמאַטישער. אָבער פאַרוואָס געפין איך דאָס ניט אין בילדער, אין שילדערונגען, אין פאָרמען, אין פאַרבען, אין קלאַנגען, אין דיכטערישע בעשאַפענע פּערזאָנען?

ניין, איך געפין ניט. אומזיסט איז מיין זוכען.

און ווי זוך איך!

איך נייג-צו מיין אויער, איך פּרוב זעהר אויפמערקזאַם דער-הערען פון אונזער נייעסטער יודישער שען-ליטעראַטור די צוקונפטס-מוזיק, דעם מאָרגענדיגען טאָג, די בעוועגונג פון דער שפּולקע אין דער וועב-שטוהל, וואָס וועבט אונז אַ נייע שעה, אַ נייע עפּאָכע, אַ נייעם דור.

ניין, איך הער ניט, בין איך טויב, אָדער דאָרטען שפּילט ניט, בעוועגט זיך ניט?

איך שטעל-אָן מיינע אויגען, איך בעניץ זיך אויך מיט קרי-טישע שפּאַקולען און זוך אין דעם געוועבעכטס פון אונזער נייעס-טער יודישער ליטעראַטור די שאָטען-געשטאַלטען, די רמזים, חאָטש די קאַנווע, פון דעם קומענדיג יוד-מענש, די בשורה פון אַ נייעם יודישען טיפּ. פון נייע שענהייט, פון אַ נייעם נצחון.

עס ווערט מיר אַזש נאָר טונקעל אין די אויגען, און איך זעה דאָס ניט. בין איך בלינד. אָדער עס איז טאַקי ניטאָ וואָס צו זעהן?

און דאָס וואָס איך געפין יאָ אין דער נייעסטער יודישער

ליטעראַטור איז טאַלענט. טאַליענט, קינסטלער־זין, ערליבע בעציהונג, ליבע צום פאָלק, דורשט נאָך שענהייט איז דאָ גענוג.

אָבער דאָס טאַלענט ווערט ניט אויסגענוצט. עפּעס איז מען פאַרקראָכען אויף אַ פאַלשען וועג. עפּעס קלעבט זיך ניט. עפּעס שטעהען די שרייבער, די דיכטער, די דראַמאַטורגען צופיעל אונטער דעם איינפלוס פון דער רוסישער ליטעראַטור, פון פרעמדע אָבגעטער, פון פרעמדע מוסטער.

איך ווענדע זיך צו דיר, יונגסטע יודישע ליטעראַטור, אונזער יונגסטע יודישע שעפּפונג, און זאָג דיר אָהן קונצען דאָס, וואָס איך דענק און פיהל: דו שענע יונגע פריילײן, דו חנ'עוודיגע יודישע טאָכטער: איך וויל דיך ליעב האָבען, איך וויל זיך אין דיר זאָגאַר פערליבען, אָבער, זיי מיר מוחל פאַר אַנ'אמת, דיר פעהלט די עכטע, רעכטע יודישע צניעות. דו פערדרייסט מיר צופיעל דיין קעפּעל,. דו ווערסט צופיעל נתפעל, ווען אַ גוי גיט דיר אַ קניפּ אין בעקעל.

נאָך וויל איך דיר זאָגען, דו שענע יונגע פריילײן ליטעראַטור:

דו ביסט אָרעם, אָבער דאָך שען. דו ביזט בלאַס, אָבער דאָך אינטערעסאַנט. נאָר האָסט איין חסרון, פון וועלכען דו מוזט זיך אָבגעוואָהנען: דו פודערסט זיך און פאַרבסט דיינע בעקלעך, און דאָס שאַדעט דיין נאַטירליכער שענקייט, איך דאָס: דו ווילסט נאָר קאָמפּלימענטען הערען, הלל זאָל מען דיר פון מאָרגען ביז אָווענד זאָגען, און דו פערטראָגסט ניט קיין קריטיק, קיין וואָהר וואָרט. דו קענסט גאָרניט הערען, ווען מען ווייזט דיר אַ פעהלער.

און צווישען אונז רעדענדיג: ביזט דו אויך צו נערוועז, דו ווערסט גלייך אויפגעבראַכט, אָנגעצונדען, ווען מען זאָגט דיר, דאָס דיין עלטערע שוועסטער, מאַדאַם העברעאישע ליטעראַטור, איז שען, האָט מעלות, און דו קאָנסט נאָך פון איהר וואָס לערנען. איהר זענט דאָך שוועסטער פון איין מוטער און אויף דעם שוים פון דיין עלטערער שוועסטער ביזטו דאָך געהאָדעוועט געוואָרען.

אָפּשר ניט?

איך וויל דיר קיין מוסר ניט זאָגען. איך ליעב איבערהויפּט

קיין מוסר. איך האב דיר נאר געוואלט זאגען: מערק זיך דעם אלטען אויסשפרוך: בעסער א ביס פון א פריינד, אלס א קוש פון א פיינד.

אויך דאס וואלט איך דיר זאגען, דו חנ'עווידיגע יונגע פריילין, שוועב ניט אין דער לופטען; נאש ניט צופיעל פון פרעמדע טעלער, קלייב ניט קיין ברעקלעך פון פרעמדע טישען.

מעטערלינק איז דיר ניט א פאר. ווערעקינד איז פאר דיר קיין שידוך. קום צו אונז א ביסעל נעהענטער, שעפ א ביסעל מעהר פון אונזער אייגענעם, אלטעגליכען, ווירקליכען לעבען. דאס וועט דיר גאנץ גוט טהון. דיינע בלאסע באקען וועלען רויטע פארב בעקומען. דיינע פער'חלומ'טע אויגען וועלען מעהר לעבען, מעהר אויסדרוק בעקומען.

און וואס ווילסטו נאך, מיין ליעבכען?

דאס איז ניט אלץ, איך האב נאך וואס מיט דיר, מיין יונגע פריילין, צו רעדען.

אבער איין אנדערש מאל.

.II

מען זיצט אין געזעלשאפט און מען רעדט וועגען ליטעראטור, וועגען קונסט, וועגען שרייבער, וועגען קינסטלער. און עס איז ניט פארהאן, אז דער קלענסטער, דער אונבעדייטענדסטער שרייבער, אדער קינסטלער זאל ניט האבען זיינע חסידים אדער חסידות, זיינע בעוואונדערער און אנהענגער.

עס זענען זעהר וועניג מבינים אין א שטאדט, וועלכע קענען ריכטיג אונטערשיידען עכטע דימענטען, בריליאנטען פון פאלשע, נאכגעמאכטע, נאך וועניגער זענען די מבינים אויף מענשען, די מענשען-קענער. אבער אם וועניגסטען זענען די מבינים אויף פאעטען, דיכטער, שריפטשטעלער.

ווי עס גיבט פאלשע בריליאנטען, וועלכע לייכטען, שיינען, שפיגלען זיך אב אין פיעל פארבען און בלענדען די אויגען פון פיעל מענשען, וועלכע גלויבען, דאס זיי זעהען עכטע גוטע שטיינער, ווי עס איז פארהאן מענשען פוסטע און וויסטע, אהן

אַ האַרץ און אָהן אַ נשמה, אָהן שכל און אָהן געפיהל, וועלכע בלענ־
דען לײַטען מיט אַ פּאָר אויסגעלערנטע, אויסגעלײענטע פראַזען, מיט
אַ פּאָר ערנסטע אויסגעשט־דירטע וויכטיגע מינעס, — אַזוי איז פאַר־
האַן נאָך פיעל מעהר פאַלשע, געמאַכטע, פאַבריצירטע פּאָעזיע. עס
איז נאָר אין שאָלעכטס פון פּאָעזיע, אָהן דעם קלענסטען לעבעדי־
גען קערנדיל. דאָס זענען נאָר „זײף־בלאָזען“, ניט מעהר.

— וואָס איז אײגענטליך דער און דער שריפטשטעלער?
פרעגט מען אין דער געזעלשאַפט, וואו מען „דעבאַטירט“ וועגען
ליטעראַטור.

— דער און דער, — חאַפּט זיך אַרויס אײנער, וועלכער
האַלט זיך פאַר אַ גרויסען מבין און קענער — דער און דער איז
אַ פּאָעט!

און ווען דער מבין איז נאָך אַ בעל התפעלות, בעניגט ער
זיך ניט מיט דעם טיטעל „פּאָעט“ אַלײן, ער לעגט נאָך וואָס
צו: „אַ פּאָעט פון גאָטעס גנאַדע“.

מײַנע ליבע לעזער, באמת איז גאָט ניט אַזוי גנעדיג ווי
מען מײנט.

ריכטיגע, עכטע פּאָעטען זענען זעהר וועניג בײַ יעדען פאָלק.
זעהר וועניג בײַ דער גאַנצער מענשהײַט.

ווי עס שײַנט, קאַרגט גאָט מיט דיזען אַרטיקעל. ניט אַלע
מאָנטאָג און דאָנערשטאָג בעשאַפט ער אַנ'אמת'ען פּאָעט. אײן
מאָל אין אַ יובל, ווען גאָט איז זעהר גוט אויפגעלעגט, אָדער
אפשר, ווען ער איז זעהר צאָרניג, בעשאַפט ער אַ פּאָעט, צום
גליק, אָדער אַלס אַ שטראָף פאַר די מענשען. נאַכהער ווערט
ער כביכול, מיעד און רוהט ווידער אָב אַ האַלבען אָדער אַ גאַנ־
צען יאָהר־הונדערט.

ער איז אַ פּאָעט! זאָגען די ליטעראַטור־נאַשער. און יעדערער
מײנט, אַז ער האָט רעכט אויסצוטײלען דעם טיטעל.

ער איז אַ פּאָעט!

דאָס איז זעהר פיעל געזאָגט, אָבער אויך: זעהר וועניג,
גאָרניש געזאָגט.

זעהר פיעל: דען דער טיטעל „פּאָעט“ בעדײַט שעפּפער,
אַדלער־מענש, נביא, הערשער אויף די מענשליכע הערצער און
געמיטער, צויבערער, וועלכער פערענדערט, ווי מיט אַ כשוף,

די גאנצע וועלט און ניט איהר א נייעם געשטאלט.

אַ גאַנץ פֿאָלק, אַ גאַנצע עפּאָכע הויבען אָן צו לעבען, צו אָטעמען, דורך די שעפּפֿונג פֿון דעם ווירקליכען פּאָעט. דער ווירקליכער פּאָעט זאָגט אונז אויס די בעהאַלטענסטע סודות אין דעם פֿרויען האַרץ, די סודות און חלומות פֿון די בלומען, פֿון די שטערען אין הימעל. דער ווירקליכער פּאָעט איז פֿון די נאַטור אויס אַ קעמפּפֿער, ער פֿיהרט אונז אין קאַמפּף, ער העלפֿט אונז צו זיגען. דער ווירקליכער פּאָעט איז אויך אַ מענשען־טרייסטער, ער טריקענט אונזערע טרעהרען, היילט אונזערע האַרץ־וואונדען און עפֿענט אונזערע אויגען צו זעהן, צו שעצען און צו ליעבען די שענהייט...

ער איז אַ פּאָעט!

דאָס איז אַלץ געזאָגט. אָבער עס קאָן זיין, אז עס איז גאָר נישט געזאָגט.

„ער איז אַ פּאָעט!" דאָס קען אויך הייסען: אַ וואָרט־אַקראָבאַט, אַ קונצען־מאַכער, אַ גראַמען־שטאָפּער.

דאָס פֿאָלק אַליין מאַכט חוזק פֿון די פֿאַלשע פּאָעזיע. עס הייסט אויף זיין לשון: „גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק!" אָדער: „עק, מעק, שטרויענע זעק!"

קיין בעסערע סאַטירע אויף די „פֿאַבריק־סחורה" פֿון דער פּאָעזיע קען עס גאָרניט געבען.

עס גיבען נאָך פֿיעלע מענשען, בעזונדערס ביי אונז יודען, וועלכע גלויבען, אז איינער שרייבט קורצע שורות, קלינגענדע, קנאַקענדע ריממען און בפרט ווען ער ווענדעט זיך צום הימעל, צום טייפֿעל און צו די אַלדע רוחות, און ווער זאָגט נאָך, אַז ער געברויכט די מאָדערנסטע ווערטער, די דונקעלסטע בילדער, — איז ער דאָך אודאי און אודאי אַ פּאָעט.

און דער הייליגער נאָמען הייבט־אָן וואָכענדיג, אָבגעניצט צו ווערען.

ער איז אַ פּאָעט!

און ווען ער איז אַ פילו אַ ווירקליכער פּאָעט, איז דאָס נאָך אויך זעהר וועניג. אַ גרויסער פּאָעט מוז אויך אַ גרויסער מענש זיין, מוז אויך גרויסע אידעאַלען האָבען, גרויסע, נייע, ליכטיגע וועלטען אין זיין בוזעם טראָגען.

אַ גרויסער פּאָעט, און אַ קליינינקער מענשעלע, איז א

טראגי־קאמישע פיגור, א אונגליקליכע בריאה.

און באמת: נאר גרויסע מענשען קענען גרויסע פאעטען זײן.

און נאך עטוואס: איך דער, וואס איז געבוירען א פאעט, וואס גאט אלײן האט איהם געקושט, מוז פיעל לערנען, שטודירען, פערפאלקאמנען זיך. ער איז דאס נאך מעהר מחויב צו טהון, ווי אלע אנדערע געוועהנליכע מענשען. דער פאעט האט אויך מעהר פליכטען, חובות, מעהר אויפגאבען אין לעבען, אלס אלע אנדערע שטערבליכע מענשען.

און דער גרעסטער פאעטישער טאלענט ווען מען ארבײט ניט אויף איהם שטענדיג, ווען מען בערײכערט איהם ניט שטענדיג דורך וויסען און קענטניש, דורך קולטור און דענקען, ווערט ער דאר, שוואך, פערבליאקעוועט און אבגעשטארבען.

זײן א פאעט הײסט — דאס האבען א גרויס ווארעם הארץ, א טיעפע, גרויסע נשמה, ווערכע וועהטאגט, שמערצט, לײדעט פון אלע מענשליכע דומהײטען, שלעכטיגקײטען, קלײנליכקײטען.

דיכטען, פאעזיע שרײבען, זאגט איבסען, הײסט: זיך מתודה זײן, אויף זיך אלײן דעם יום הדין האלטען...

און דער רעכטער סימן פון דעם ווירקליכען פאעט: ער איז קײן מאל מיט זיך ניט צופרידען. ער ליעבט דעם פראצעס פון דעם שאפען, דען איהם דרינגט, איהם צווינגט עפעס אינוועניג צו שאפען, אבער ער האסט זײן שעפּפונג, דען זי קומט ארויס שטענדיג בלאסער, שוואכער ווי ער האט געוואלט.

ער וויל שטענדיג העכער, ווײטער, בעסער, טיעפער...

נײן, עס איז קײן פערגעניגען צו זײן א פאעט.

די פערלען, וועלכע ער שענקט אונז, דאס זענען זײנע טרערען און דער שטילקײט...

ביבער און לעזער.

פֿאַרהאַן מענשען, וועלכע לעזען אום בעסער איינצושלאָפֿען. און פֿאַרהאַן מענשען, וועלכע לעזען אום צו דערוואַכען. די לעזען, ווייל זיי האָבען מורא צו בלייבען מיט זייערע אייגענע געדאַנקען; יענע לעזען, ווייל זיי האָבען איבערהויפּט קיינע געדאַנקען. אין קאָפּ איז פּוסט. און זיי זעהען אָנצופֿילען די לערהייט מיט פֿרעמדע געדאַנקען, אָדער מיט פֿרעמדע קלינגענדע ווערטער. און די לעזען, ווייל זיי זוכען רייכער, שטאַרקער און שאַרפֿער צו מאַכען זייערע אייגענע געדאַנקען; זיי לעזען כדי צו פֿערגרעסערן, כדי צו פֿערטיפֿערן זייער וויסען, זייערע קענטניסען.

ס'איז איבעריג צו זאָגען דאָס דער לעצטער סאָרט לעזער איז אויך דער בעסטער.

*

דער גרויסער פֿראַנצויזישער שרייבער אַנאַטאָל פֿראַנס זאָגט „דאָס עס גיעט אַזאַ מין לעזען, וואָס איז אַ מין שכרות, אַ מין אָפּיום־טרינקען". דער קאָפּ ווערט פֿערדולט, צומישט, פֿערדרעהט, אָבער ס'איז אַ זיסע, אַ אַנגענעהמע שכרות.

עס זענען דאָ לעזער, וועלכע האַפּען זיך פֿאַר אַלץ, וואָס עס קומט זיי אין האַנד. עס איז זיי קיין חילוק, קיין נפקא מינה, וואָס זיי לעזען, אַבי זיי לעזען עטוואָס געדרוקטעס אין דער שפּראַך, אָדער אין די שפּראַכען, וואָס זיי פֿערשטעהען. זיי האָבען קיין סיסטעם, קיין מעטאָדע, קיין געשמאַק, און קיין אויסוואַהל אין זייער לעזען.

אַזאַ לעזען לאַ די, וואָס עס ברענגט קיינע נוצען, וואָס

דאס מאכט ניט דעם לעזער קליגער און געבילדעטער, אזא לעזען רויבט נאך ביי דעם מענשען זיין אייגענעם געזונדען און קלארען פערשטאנד, ווען ער האט איהם פין געבורט. עס ווערט פון אזא לעזען א קאשע אין קאפ, א מיש-מאש, א מין תהו ובוהו. עס בויטשען זיך, עס שווימען אום און פלאנטערן זיך אין קאפ ביי אזא לעזער אבגעריסענע, אבגעהאקטע, צוקאליעטשטע פרעמדע געדאנקען און אנזיכטען, אהן א צוזאמענהאנג, און אהן ערגיץ וועלכער פערבינדונג.

ניט וויפיעל ביכער, נאר וועלכע ביכער און וועלכע צייטונגען מען לייענט, איז די הויפטזאך. ווי דורך געוויסע שפייזען פערדארבט מען, איך בעט אייך מחילה, דעם מאגען, אזוי פערדארבט מען דורך געוויסע ביכער דעם גייסטיגען מאגען. און מען פערליהרט דעם געשמאק, מען איז ניט מעהר אימשטאנד צו אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט, צווישען זיס און ביטער.

לײַדער: פון צופוילטע פיש, פון שטינקענדע פיש אנטלויפט מען, (ווען אויך ניט אלע) אבער נאך ביכער און צייטונגען, וועלכע זענען פול מיט פערפוילטע, פערשימעלטע געדאנקען, שטינקענדע פראזען (זאלט איהר קיין פאר איבעל האבען), — נאך אזעלכע ביכער לויפט מען נאך, ווען אויך ניט אלע.

ווי עס שיינט, גיעט לעזער, וועלכע האבען קיין חוש-הריח, אדער האבען א פערדארבענעם געשמאק, און דוקא דאס, וואס איז צופוילט, וואס עפוש'ט, געפעלט זיי.

*

אלעס צו לייענען, לייענען, וואס עס מאכט זיך, וואס איז דא בשעת מעשה אין דער ביבליאטעק, אדער ביים פאקען-טרעגער, איז ניט גוט. ס'איז א נארישקייט, אדער א קראנקהייט. ס'איז אבער אויך ניט גוט צו לעזען נאך א געוויסער מעטארע פון איין מין, פון איין סארט. די וועלכע לייענען נאר ראמאנען, נאר בעלעטריסטיק, ווען אפילו פון בעסטען מין, לעבען זיי שטענדיג אין א וועלט פון פאנטאזיע. די לעזער בלייבען איינזייטיג; זיי בלייבען שטאק-בלינד פאר פיעל ערשיינונגען אין לעבען, אין דער ווירקליכקייט, אין דער גרויסער וועלט. די, וואס לעזען נאר וויסענשאפטליכע ווערק, און קיינמאל קיין שענע ליטעראטור, בליי-

בען טרוקען, און ווידער איינזייטיג. זייער פאנטאזיע דארט־איין און ווערט־אויס, וועבט־אויס.

און איך בין ניט מקנא יענע מענשען, וועלכע האבען קיין פאנטאזיע, אדער זעהר א שוואכע און בלאסע פאנטאזיע. זייער אינערעס לעבען איז ארעם און אהן פארבען. דארווין דער גרעס־טער נאטורפארשער פון 19־יאהר־הונדערט, האט אין זיין לעבען געלעזען מעהר ראמאנען אלס וויסענשאפטליכע ווערק. מאלטקע, דער גרעסטער קריעגספיהרער, האט א פאר שטונדען פאר דער מלחמה אין סעדאן געלעזען א ראמאן פון דיקענס. אפילו דער אייזערנער פאליטיקער ביסמארק פלעגט ליעב האבען צו לייענען ראמאנען און דראמען אין די וועניג פרייע מינוטען פון זיין גרוי־סער, שווערער מלוכה־ארבייט.

ווי עס איז ניט גוט פאר דעם קערפער צו נעהרן זיך שטענדיג פון איין מאכל, חאטש עס קאן זיין דאס בעסטע, דען דער קערפער פערלאנגט צו זיין דערהאלטונג און צו זיין ענטוויק־לונג פ ע ר ש י ע ד ע נ ע שטאפען, יסודות. „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" (נישט מיט בלויז ברויט לעבט דער מענש). אזוי איז אויך דער גייסט. ווען מיר שפייזען אונזער גייסט נאר מיט איין ליטעראריש מאכל, קאן ער זיך ניט ענטוויקלען און קאן ניט געזונד זיין. אונזער גייסט מוז זיך אויך נעהרען פון פ ע ר ש י ע ד ע נ ע יסודות.

מיר זענען מענשען, און אלעס, וואס איז מענשליך, דארף אונז נישט בלייבען פרעמד!

מיר זענען יודען און אלעס, וואס איז יודיש, דארף אונז ניט בלייבען פרעמד.

גרויסע גייסטער האבען געשאפען גרויסע ווערק און זיי ווארטען אויף אונז. מיר זאלען זיי לעזען, מיר זאלען זיי לערנען, מיר זאלען זיך אין זיי פערטיעפען.

*

א מאל האט מען ביי אונז ניט געלעזען, נאר געלערנט. די ספרים זענען געווען הייליג, דען אלעס וואס האט גייסט איז הייליג. דער פראפעסאר חיים שטיינטהאל האט מיר אמאל געזאגט: „ניט נאר פיער־און־צוואנציג הייליגע ספרים איז דא אויף דער וועלט. אלע ספרים, וועלכע זענען געשריבען געווארען מיט ערנסט, און אין וועלכע עס ליעגען געדאנקען און אמת, זענען

הײליג. און אַ בוך, וועלכעס איז ניט הײליג, איז עס ניט ווערט מען זאָל איהם רעכנען צו ליטעראַטור. אַלעס וואָס געהערט צו די ליטעראַטור איז הײליג״.

לערנען אַ בוך איז פיעל מעהר אַלס איהם נאָר לעזען. ווי שען און ריכטיג שרײבט וועגען דעם פרידריך ניטשע: „איך האַס די לעזענדע לעדיגגעהער. ווער עס קען דעם לעזער, דער האָט מעהר קײן חשק עטוואָס צו שרײבען פאַר איהם. נאָך אײן יאָהר־הונדערט פון לעזער (ה. ה. ניט לערנער — און דער מענשליכער גײסט וועט פאַלען ניעדריג. דאָס יעדער מענש דאַרף זיך לערנען לעזען, פערדאַרבט ניט נאָר דאָס שרײבען. אָבער אויך דאָס דענקען... ווער מיט בלוט שרײבט, ווער עס שרײבט דורכגעדאַכטע פסוקים, דער וויל ניט מען זאָל איהם לעזען, דער וויל מען זאָל איהם לערנען אויסווענדיג.

ווען איך זעה, ווי אונזערע לעזער לײענען אונזערע בעסטע שריפטשטעלער און פאָעטען — טהוט מיר וועה מײן הארץ. דער שרײבט מיט בלוט און מארך, און דער — גיט אַ לעק, אַ שמעק, און איז — יוצא.

נײן, לײענען איז אַ קונסט. דאָס דאַרף מען קאָנען. און ניט אַלע קאָנען דאָס, אַ בילד מוז מען קאָנען בעטראַכטען, און ניט אַלע קאָנען דאָס, ווי ניט אַלע קאָנען לײענען אין דאָס אָפענע בוך פון דער נאַטור.

*

גאָגאָל שילדערט אין זײן Мертвыя души אַ דינער, וואָס פלעגט ליעב האָבען לעזען. ער פלעגט קאָנען זיצען שטונדען־לאַנג און בראָקען „עברי״. וואָס ער האָט געלעזען, האָט ער גאָר ניט פערשטאַנען, אָבער ער האָט הנאה געהאַט פון דעם פראָ־צעס פון לעזען אַליין. די מלאכה פון דעם לעזען, ווי די אותיות לעגען זיך צוזאַמען צו ווערטער, איז איהם געפעלען געוועזען. און דאָס איז איהם גענוג געוועזען.

אַזעלכע לעזער! און ניט גראָד צווישען די דינער, האָב איך אין מײן לעבען פיעל געזעהען. און יעדעס מאָל, ווען דער שריפטשטעלער בעגעגענט אַזעלכע אויבערפלעכליכע לעזער, ווילט זיך איהם אַוועקווארפען זײן פעדער אויף עביג. ער פרעגט דאַן מיט דעם פאָעט י. ל. גאָרדאָן: „למי אני עמל?״ פאַר וועמען אַרבײט איך?

די בעסטע לעזער האָב איך געפֿונען אין די קליינע יודישע שטעדט. ניט נאָר אַ ספר, ווען זיי געפֿינען אפילו אין אַ צייטונג אַ גוטען אַרטיקעל, אַ שענעם פֿעליעטאָן, לערנען זיי דאָס. זיי לייענען אפילו צווישען די שורות, זיי זוכען אוים יעדען אויסדרוק און פֿערטיעפֿען זיך אין דעם פשט פֿון יעדען זאַץ. איך האָב בעגעגענט יודישע לעזער, וועלכע געדענקען גאַנצע שטיקער אויסוועגדיג פֿון אַ פֿעליעטאָן, וואָס זיי האָבען געלעזען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. און יעדעס מאָל, ווען זיי ציטירען דאָס, ווערען זיי איבער אַ נייעס נתפעל און ציהען דערפֿון גייסטיגע הנאה.

*

עס גיעט לעזער, וועלכע ווערען בעאיינפֿלוסט און היפּנאָטיזירט פֿון יעדען בוך, וואָס זיי לעזען. איך קען מענשען, דאָס, ווען איך רעד מיט זיי אַ פּאָר מינוט, דערקען איך גלייך, וואָס פֿאַר אַ בוך זיי לעזען, אָדער געענדיגט צו לעזען גראָד אין דעם מאָמענט. ווען זיי לעזען מאָרגען אַ אַנדער בוך, רעדען זיי און אורטיילען גאַנץ אַנדערש. און איבערמאָרגען ווערט ווידער גאַנץ אַנדערש. זיי זענען ווי אַ לאָמפּע אונטער אַ קאָלפּאַק. איז דער קאָלפּאַק גרין, איז דאָס ליכט גרין. איז דער קאָלפּאַק רויט, איז דאָס ליכט רויט. און ד. ג. קיין אייגענע פֿאַרב האָבען זיי ניט.

איך קען אויך געוויסע שרייבער, דאָס ווען איך לייען זייער שרייבעכטס, דערקען איך גלייך, וואָס פֿאַר אַ בוך זיי האָבען געלעזען דאָס לעצטע מאָל.

אַ בוך דאַרף מען ניט לעזען בלינד, גלויביג. נאָר דאַן ברענגט דאָס לעזען נוצען, ווען מען לעגט איבער און מען וועגט איבער, ווען מען בעקלערט און בעטראַכט יעדע זייטע, וואָס מען לייענט. אַ געלעזענעס בוך ברענגט נאָר דאַן נוצען, ווען מען פֿערדויעט דאָס געלעזענע, ווען דאָס גוטע נעמט מען און דאָס שלעכטע וואַרפֿט מען אַוועק, ווען דער גייסטיגער מאָגען קאָכט ניט, העלפֿט ניט דאָס לעזען. יעדער לעזער מוז זיך געוועהנען זיין אַ קריטיקער.

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פֿלעג איך קאָנען זעקס אָדער מעהר שטונדען נאָך אַנאַנד זיצען און לעזען, ווען דאָס בוך איז מיר געפֿעלען געוועזען. די לעצטע יאָהרען קאָן איך דאָס ניט. מעהר ווי אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד קאָן איך ניט לעזען דאָס בעסטע בוך. און ווען איך לעז אַ האַלבע שעה, מוז איך דאָס בוך אַוועק-

לעגען. איך מוז געבען מײַן גײַסטיגען מאָגען די מעגליכקײַט צו פֿערדויען דאָס געלעזענע. ווען איך לעז אַ גוט בוך אַ האַלבע שעה, דערוועקט עס אין מיר מײַנע אײגענע געדאַנקען, וועלכע גיבען מיר קײן רוה. דאָס בוך רופֿט אין מיר אַרויס קריטישע געדאַנקען, צו להכעיס'דיגע אַנזיכטען, אָדער אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זענען מסכים צו דעם מחבר, און פֿערשטאַרקען, פֿערשאַרפֿען און דערווײַטערן די געדאַנקען פֿון דאָס געלעזענע בוך, און בעלײַכטען זײ גאַנץ אַנדערש, און ווען איך בין פֿאַרטיג מיט מײַן אײגענע געדאַנקען-אַרבײַט, קאָן איך ווײַטער לעזען.

דער לעזער דאַרף זיך ניט לאָזען צו דערשטיקט און צודריקט ווערען מיט די געדאַנקען פֿון אַ פֿרעמד בוך. דער מחבר קאָן זײַן אַ גאון, און דאָך מוז מען קאָנען זעהן זײַנע פֿעהלער, און אויך פֿון די פֿעהלער פֿון אַ גרויסען שריפֿטשטעלער קאָן מען פֿיעל לערנען.

עס איז פֿיעל ניצליכער צו לײענען װעניגער אָבער מיט אַ קלאָרען קאָפּ און מיט קריטיק, אַלס פֿיעל צו לײענען, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. אָנשטאָט צו לײענען פֿיעל ביכער, וואָס האָבען קײן בעדײַטונג, איז בעסער דורכצולײענען געהעריג אײן בוך אַ גוטעס, אײן בוך אַ רעכטעס, וואָס איז געשריבען געוואָרען פֿון אַ גרויסען שריפֿטשטעלער, בעדײַטעט פֿיעל מאָל אין אונזער לעבען אַ גרויסע געשעהניש. אַזאַ בוך קאָן פֿאַרברענגען אין אונז אַ גאַנצע רעוואָלוציע. דורך אַזאַ בוך קאָן מען זיך פֿיעל מאָל אַלײן דערקענען.

און ניט נאָר שרײַבען ביכער דאַרף מען קענען, אויך לײענען זײ מוז מען קאָנען.

עטוואס איבער ליטעראטור.

עס איז א גאנץ אנדער וועלט געווארען. אלעס ענדערט זיך. אנ׳איצטיגער מענש האט א גאנץ אנדער געשמאק אין אלעס: אין קליידער, פאהרען, געהן און שטעהן. אויך אין לייענען האט דער איצטיגער מענש, א גאנץ אנדער געשמאק. ער פערלאנגט פון שרייבער עטוואס גאנץ אנדערש ווי אמאל. דער נייער געשמאק האט געשאפען אין דער ליטעראטור די סקיצע.

וואס איז דאס פאר א מין די סקיצע? באלד וועל איך דעריבער רעדען.

א היינטיגער מענש — איך רעד ניט פון די קליינשטעדטילדיגע און פון אלטע בטלנים — האט ניט ליעב, אז מען דרעהט איהם א קאפ מיט לאנגע געשיכטען. ער האט ניט קיין געדולד און אויך ניט קיין צייט דערצו, ער האט אויך ניט ליעב, אז מען צוקייט איהם, יעדעס פיצעלע און מע לעגט עס איהם אין מויל אריין. אונז אליינען פעהלט ניט נאר געלד, עס פעהלט אונז אויך צייט. מיר מוזען אלעס ראש, גיך, באלד בעקומען. א היינטוועלטיגער מענש, ליעבט פון אלעם דעם תמצית און דעם זאפט. מיר זענען כמעט אלע נערווען, אונזער גייסט איז צוריסען און צופליקט אויף טויזענד שטיקער, און מיר זענען ניט אימשטאנד צו לעזען א מעשה, וואס ציהט זיך ווי פעך, אראמאן וואס האלט פיער בענדער. אונז ווילט זיך אלע ווייל׳ע עפעס נייעס, גאנץ פרישגעבאקענע געשיכטען, וועלכע מען קאן אויף גיך מיט איין מאל אראבשלינגען. און דערום הערשט איצט אין אלע ליטעראטורען

די סקיצע. זי ווערט שוין אײַנגעפֿיהרט אויך אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. פּרץ האָט געמאַכט די התחלה אין זשאַרגאָן און דוד פֿרישמאַן אין לשון־קודש.

אַזעלכע געצופּטע, צוקײַטע און אויסגעצװינגענע מעשיות װי מיר האָבען בײַ אונזערע אַלטע שרײַבער, הערען אויף צו געפֿעלען דעם עולם. בײַ די זשאַרגאָן־לעזער הויבט אויך אָן װערען אַ אַנדערער, אַ געזונדערער געשמאַק.

די קורצע שאַרפֿע סקיצע איז איצט דאָס בעליבטעסטע אין דער װעלט־ליטעראַטור. אַ סקיצע איז אַ קורצע ערצעהלונג, אַ קורצע שילדערונג פֿון עטװאָס. אין אַ סקיצע קאָן מען איבער אַלעם אין דער װעלט דערצעהלען, שילדערן, אָבער דאָס מוז זײַן גאַנץ קורץ, שאַרף און צוזאַמענגעדרענגט. אַ סקיצע אין אַ מין פֿערקלענערטעס בילד. דאָס גאַנצע געזיכט, אָדער דער גאַנצער קערפּער איז דאָ, אָבער אַלעם פֿערקירצט, פֿערקלענערט. די גאַנצע ערד מיט איהרע שטעדט צײַכענט מען אויף אַ קלײנעם גלאָבוס. קוקענדיג אויף דעם גלאָבוס האָב איך אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער גאַנצער ערד אויף װעלכער מיר לעבען. װען איך לעז אַ סקיצע פֿון גי־דע מאָפּאַסאַן, פֿון טורגעניעװ, פֿון אירװינג אָדער קנוט האַמזון, זעה איך מאַנכעס מאָל אַ גאַנצע דראַמע אָדער טראַגעדיע פֿון אונזער לעבען. פֿיעל מאָל איז די סקיצע אַ מאָמענט־פֿאָטאָגראַפֿיע, זי גיט איבער דעם פֿרישען אײַנדרוק, װאָס דער שרײַבער האָט בעקומען פֿון לעבען, פֿון מענשען, פֿון אַ לאַנדשאַפֿט, אויך פֿון חיות און עופות. דען עס איז ניט פֿאַרהאַן אײן זאַך אין דער װעלט, עס איז ניט פֿאַרהאַן קײן רגע אין לעבען, פֿון װעלכער דער טאַלענטפֿאָלער שרײַבער קאָן ניט שאַפֿען אַ סקיצע, אין װעלכער מיר זעהען אַלעם פֿון אַ גאַנץ אַנדער זײַט און בעקומען אַ גאַנץ פֿרישען, נײַען אײַנדרוק, — דעם אײַנדרוק װאָס דער שרײַבער זעלבער האָט בעקומען און טרײַ געשילדערט.

אַ סקיצע דאַרף איך ניט לעזען שטיקליכװײַז אין פֿיעל אָװענדען, איך לעז זי דורך אין אײן מאָמענט. איך לעז זי דורך, און איך שטעל מיר עס פֿאָר אין מײַן פֿאַנטאַזיע. דער שרײַבער זאָגט מיר ניט אַלעס, איך מוז פֿיעלעס אַלײן טרעפֿען, ער גיט מיר נאָר אַ װינק און איך מוז אַלײן מיט מײַן שכל אַלעם פֿערשטעהן. מיר דאַכט זיך דעמאָלסט, דאָס איך בין אַלײן אַ קינסטלער און

העלף דעם שרייבער אויספיהרען, אויסמאָלען, וואָס ער האָט ניט דערזאָגט, ניט דערמאָלט.

איינער פון די בעסטע סקיצען־שרייבער איז דער ענגלענדער (זעהר פיעל זאָגען און שרייבען, דאָס ער איז אַ יוד. מיר שיינט, אַז דאָס איז אמת) רודהאַרד קיפלינג (Rudhard Kipling). ער איז אין דעם אַרט אַ מין גאון. ער שרייבט כמעט נאָר סקיצען. ער רייסט אָב איין סצענע פון לעבען, ער כאַפּט אַרויס איין טראָפּען פון אַ ים געשיכטען, ער צייכענט איין בליק, איין צוג פון אַ מענשען, איין שפּליטער פון אַ געדאַנק. ער מאָלט איין ליכטיגען שטראַהל פון דער זון, און מיר זעהען פאַר אונז אַ וועלט. ער מאַכט דאָס אַלעס געשיקט, פיין און קינסטלעריש. ער טרעפט אין פינטעל. ער געברויכט ניט איין איבריגעס וואָרט. ווען ער דאַרף מאַכען איין שטריך, מאַכט ער ניט צעהן. עס זענען פאַרהאַן קינסטלער, וואָס שרייבען אויף גאַנץ תהלים אויף אַן'אַרבעס, וואָס מאָלען אויס דעם אייפעל־טהורם אויף אַ פינגערל. ווען איהר לעזט קיפּלינגס קורצע סקיצען, מאַכט איהר מיט איהם אַ רייזע דורך אינדיען, דורך מצרים, דורך ענגלאַנד און אַמעריקאַ. איהר זעהט און הערט זעהר פיעל, און האָט איבער וואָס נאָכצודענקען. ער האַלט אייך ניט אויף אין איין ווינקעל אַ צייט לאַנג. אייער אייגענע וועלט ווערט גרעסער, אינטערעסאַנטער, רייכער און אויך טיעפער, ווען איהר לעזט זיינע סקיצען. ער מאָלט אין זיינע סקיצען מיט גאַנץ ווייניג שטריכען מלחמה און שלום, ליעבע און טויט. ער מאָלט אונז דאָס מיטעלאַלטער און אויך אונזער לעבעדיג צייט; ער מאָלט די ערד, די שטערן אין הימעל און דעם הימעל אַליין, ער מאָלט דעם ים און דעם מדבר, ער מאָלט דעם קערפּער און דעם נפש, די נאַכט און דעם טאָג, מענשען און אויך חיות. ער שרייבט הונדערטער קליינע סקיצען, אין וועלכע ער שילדערט די חיות, דערהויפּט די העלפאַנטען. ער וויל ניט מוסר זאָגען, ווען ער שילדערט די חיות, ניט צוליעב אַ משל פאַר דעם מענשען שרייבט ער ערצעהלונגען פון זייער לעבען. איהם אינטערעסירט דאָס לעבען אַליין אין אַלע זיינע ערשיינונגען, אין אַלע זיינע מדרגות. און דאָס אַלעס האָט ער איינגעפּרעסט אין דער פאָרם פון סקיצען. אפילו זיינע גרויסע ראָמאַנען זענען נאָר אַ שנירל איינצעלנע פּערל. יעדע פּערל איז

אליין פאר זיך, נאר אויף איין פארעם זענען זיי צוזאמענגעהאנגען. איבערהויפט שיינט איהם דאס לעבען ווי צוזאמענגעזעצט פון שטיקער. קיפלינג געפינט, אז דאס אינטערעסאנטעסטע אין מענשליכען לעבען, אין דעם מענשליכען מזל איז דוקא דאס דונקעלע און און ערקלעהרליכע, דאס פערווירטע און חלום׳האפטע. ער איז דערינען א מענש פון דער היינטיגער וועלט. ער זעהט די העכסטע טראגיק אין דעם, וואס אין לעבען איז אלעס אומגעדרעהט, מיט דעם קאפ אראב און אזוי, אז עס איז שווער צו געפינען די לאגיק אין דעם שטענדיגען הו-הא, און די גערעכטיגקייט אין דער אייביגער מלחמה, וואו אלע שלאגען און ווערען געשלאגען, שלינגען און ווערען פערשלונגען.

נאך דעם אז מ׳האט געלעזען די סקיצען פון א קיפלינג, פון אלא האנסזאהן, פון העדענכטיערנא, פון אנטאן טשעכאוו זעהט מען ווי אלעס קאן דיענען פאר א טהעמא צו א סקיצע. וואו דער עכטער קינסטלער ג. ל. זיך א קעהר, געפינט ער אינטערעסאנטעס, געפינט ער וואונדער, פאעזיע און א שטיק לעבען אדער נאטור. היינע זאגט, אז אין יעדען קבר, וואו עס ליגט בעגראבען א מענש, איז דארט אויך בעגראבען די וועלט-געשיכטע. ד. ה. יעדער מענש, דער קלענסטער און אונגעבילדעסטער לעבט דורך אין זיין אייגענער פעריאן די גאנצע וועלט-געשיכטע. און דערום איז מיר שווער צו בעגרייפען ווי אזוי קומט דאס, דאס אונזערע זשארגאן-שרייבער, וועלכע שרייבען סקיצע, — און צווישען זיי געפינען זיך אויך בעגאבטע און טאלענטפאלע, עכטע קינסטלערישע נאטורען, ווי קומט דאס, פרעג איך, דאס מייסטענס האפען זיי זיך פאר דיזעלבע אלטע טעהמעס, דאס זייער וועלטיל איז אזוי קליין, אזוי ארים, איינער געהט אין דעם וועג פון דעם אנדערען, איין שרייבער חאפט שיריים ביים צווייטען. איצט, למשל, איז געווארען א מאדע שרייבען פון חסידים׳שען לעבען, שרייבען אלע כמעט אויף איין ארט. וויעדער און אבער די זעלבע חסידים. פרץ איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער האט אנגעהויבען צו שילדערן די חסידים גאנץ אייגענארטיג, אויף זיין דרך. ער האט געפונען פאעזיע אין זייער לעבען; ער האט זיי בעלייכט פון אזעלכע זייטען, וואס די פריהערדיגע שרייבער האבען דאס גארניט בעמערקט. אויף פרץ קוקענדיג האבען פיעל

אָנגעהויבען שילדערן דאָס לעבען פֿון די חסידים, אָבער דאָס איז נאָר קאָפּירט, נאָכגעמאַכט, נאָכגעטאַנצט. קיין לעבען און קיין חסידים, אַלעס אויף דערזועלבער מאַניער ווי פּרץ. נאָר אָהן זיין טאַלענט. און פּרץ אַליין האָט דאָך נאָר איין פּינטעל געמאָלט אין חסידישען לעבען, און די לעצטע צייט ווידערהאָלט ער זיך אויך צו פֿיעל און צו אָפֿט. און וויפֿיעל ליגט נאָך אונגעשילדערטעס, אונבעשריבענעס אין דעם לעבען פֿון די חסידים. און פֿאַר וואָס נאָר די חסידים, איז דען פֿאַרהאַן ווייניג מאַטעריאַל פֿאַר סקיצען אין אַלע ווינקעלעך פֿון אונזער לעבען? אַלעס וואַרט אויף די האַנד פֿון אַ קינסטלער.

מ'זאָגט, דאָס אַ יוד וואַרפֿט זיך אויף אַלע מלאָכות און פּרנסות, און אַ יודישער שרייבער פּרובט אויך אַלע גליקען אין דער ליטעראַטור, היינט איז ער דאָס און מאָרגען עטוואָס אַנדערש. איך גלויב, דאָס עס איז ניט ריכטיג. אַ יוד איז ניט פֿיעלזייטיג. איהם פֿעהלט די ערפֿינדונגסקראַפֿט, דאָס זעלבסשטענדיגע. איין אייראָפּייער, בעזונדערס אַ אַמעריקאַנער פּרובט אויס ווירקליך אַלע פּרנסות, אַלע געשעפֿטען און אַרבייטען, און יעדער זוכט עטוואָס נייעס, אייגענעס. אַ יוד דרעהט זיך אין אַ ענגען קרייז, און פֿון איהם נעהט ער ניט אַרויס. אַזוי איז אויך מיט אונזערע שרייבער: דעם נאָכגעמאַכט אָדער יענעם, און וואו זענען זיי אַליין? זיי שפּאַרען זיך אויך איין אין אַ ענגען קרייז און טאַנצען דאָרט אַרום אויף איין אָרט. קיין נייע געדאַנקען, קיין נייע טהעמען, קיין נייע פֿאָרם.

איך האַלט פֿיעל פֿון שלום־עליכם'ס טאַלענט. זיין טאַלענט איז געזונד, אָבער ניט פֿריש, אימער און ווידער בענוצט ער די־זעלבע טהעמען, דיזעלבע טיפּען, דיזעלבע חכמות. שלום־עליכם מאַכט נאָך שלום־עליכם'ען. תמיד דיזעלבע פֿאָרם און דיזעלבע זאַכען, און שטענדיג בעטראַכט ער אַלעס פֿון איין ווינקעל, פֿון איין זייט. איך לעז למשל, די סקיצען פֿון טשעהאָוו, — און זיי זענען אונצעהליג, — און אין יעדער געפֿין איך עטוואָס אַנדערס. ער לאַכט אויך פֿון אַלעס, אָבער ווירקליך פֿון אַלעס, ער לאָזט איינעם ניט הורך. אין זיינע סקיצען איז אַ וועלט מיט מענשען, אַ וועלט מיט זאַכען. יעדער נייער מאָמענט, יעדע נייע ווענדונג שפּיגעלט זיך אין זיי אָב. שלום־עליכם איז פֿון דער נאַטור זעהר בעגאַבט און דערצו ווייס ער אונזער פֿאָלקס־לעבען זעהר גוט,

אָבער עָר ריהרט זיך נִיט פֿון אָרט; עָר װאַקסט נִיט מִיט דעָם לעָבעָן. עָר האָט אײַן קאַפּוּל און אױף אִיהם מאַכט עָר אַלעָ זײַנעָ שִׁיך. אַלעָ אײַן מאָס און אײַן פֿאָרם. װאָס אִיך לעָז אִיצט פֿון שלום־עליכם'ן, שײַנט מִיר שטענדִיג, דאָס אִיך האָב דאָס שױן געָלעָזעָן פֿון אִיהם געָלעָזעָן. און אִיך האָב קײַן טעות: עָר האָט דאָס שױן באמת געָלעָזעָן געָשריבעָן. אױסעָר דעָם פֿעָהלט אִיהם די מאָס. עָם שרײַבט זיך, עָם װעָרטעָלט זִיך. אַ שאַרפֿעָן שטריך, אַ װאָרט אַ בלִיטץ, אַ שפּאָגעָל־נײַעָ װעָנדונג װעָט איהר בײַ אִיהם נִיט געָפֿינעָן. װעָר למשל האָט געָלעָזעָן אײַן בריעף פֿון מעָנדיל מוּעהופּעָן, — האָט געָלעָזעָן אַלעָ זײַנעָ בריעף. שלום־עליכם האָט נײַן מאָס רײד, און עָר שִׁיט זײַ װאו מ'דאַרף, און נאָך עָפּטעָרס, װאו מ'דאַרף נִיט. עָר מײנט, דאָס אַלעָם אִיז אַ חכמה, און צוליעב אַ װיץ אִיז עָר קאַפּאַבעָל אַלעָם צו פֿעָרדאַרבעָן אִין זײַנעָ בִּילדעָר.

און אִיך װִיל דאָך גלױבעַן, דאָס אַפילוּ אונזעָרעָ זשאַרגאָנישעָ לעָזעָר האָבעָן אױך אַ רעָכט, מ'זאָל זײַ בעָהאַנדלעָן נִיט װי קִינדעָר, װעָלכעָ לאַכעָן פֿון אַלעָם, אַפילוּ אַז מ'שטעָקט זײַ אױס אַ צונג. אױך זײַ פֿעָרדיענעָן מעָהר אַכטונג.

דער תנ"ך.

אונצעהליגע מאל האב איך דעם תנ"ך געלערנט, געלעזען, געבלעטערט און אריינגעקוקט אין איהם, אונצעהליגע מאל האב איך זיך פערטיעפט און, אויב מען קאן אזוי זאגען, זיך „אריינגעלעבט" אין דעם „בוך פון אלע ביכער", און יעדעס מאל קומט מיר דער תנ"ך פאר ווי א נייעס, גאנץ נייעס, נאך קיינמאל ניט געלעזענעס בוך.

אזוי אלט, און אזוי ניי! אזוי ווייט פון אונז, און אזוי נאהענט צו אונז!

דער תנ"ך איז געוועזען מיין ערשטעס בוך, וואס איך האב אנגעהויבען לעזען, ריכטיגער: — לערנען, און איך וויל גלייבען, איך וויל האפען, דאס אויך מיין לעצטעס בוך, אין וועלכען איך וועל לעזען, איידער דער לעצטער שטראהל ליכט וועט פערלאשען ווערען אין מיינע אויגען און אין מיין גייסט, וועט זיין דער תנ"ך.

* * *

וויפיעל ביכער האב איך שוין אין מיין לעבען געלעזען און וויפיעל ביכער האבען שוין מיין נשמה בעוועגט, מיין הארץ געריהרט, מיין גייסט בעפרוכטעט, מיינע געדאנקען רעוואלוציאניזירט, מיינע געפיהלען, סימפאטיען און אנטיפאטיען פעראנדערשט.

און דאך איז ביז היינט (און איך וויל גלייבען, דאס אויך ביז דער לעצטער מינוט פון מיין לעבען) דער תנ"ך מיין בעסטעס, שענסטעס און טיעפסטעס בוך.

און עס גיט מאָמענטען אין מײַן גײַסטיג לעבען, דאָס איך וואָלט אײַך אַײַעקשענקען אַלע ביכער פון דער וועלט, און וואָלט אײַך מוחל געווען במחילה גמורה אַלע גרויסע און קלײנע, עפּענט־ליכע און פּריוואַט־ביבליאָטעקען, אָבער קײנמאָל, און פֿאַר קײנע אוצרות אין דער וועלט, וואָלט איך אײַך מוחל געווען, וואָלט איך זיך געקענט אָבזאָגען פון מײַן קלײנעם ספר'ל, פון דעם תנ"ך.

סתם אַ בוך לעז איך (אין בעסטען פֿאַל: לערען איך); דעם תנ"ך אָבער לעב־איך־דורך. דער תנ"ך איז אין מײַנע אויגען די נשמה פון מײַן נשמה, די „נשמה יתירה" פון מײַן פֿאָלק. די קווינט־עסענץ פון אונזער העכסטער, רײנסטער און אײדעלסטער נאַציאָנאַלער שעפּפונג.

* * *

עס גיט מאָמענטען אין מײַן לעבען, דאָס איך קוק־אָן די אַלע געדרוקטע און געשריבענע ביכער מיט האַמלעט'ס אויגען. עס גיט פֿערצווײפֿעלטע, טראַגישע מינוטען אין מײַן לעבען, דאָס די ביכער־חכמה, ביכער פילאָזאָפיע, ביכער־פּאָעזיע זענען מיר ווי אַ משא, וואָס דריקט מיך און צוקוועטשט מײַן פּערזענליכקײט, און די אַלע שענע, גײַסטרײַכע און קונסטפֿאָלע ווערטער שײַנען מיר ווי פּוסטע פֿראַזען, ווי לעדיגע שאָלעכטס, אָהן אַ פּיצעל יאָדרע, אין בעסטען פֿאַל: ווי אַ היכּעל אָהן גאָט, ווי אַ מזבח אָהן פֿײַער, ווי בלומען אָהן אַ דופֿט (ריח), ווי אַ טויטער קערפּער אָהן אַ פֿונק לעבען.

און אין אַזאַ מאָמענט ווערען אויסגעלאָשען אַלע ליכטער אין מײַן נשמה; עס שטאַרבען־אָב אַלע האָפֿנונגען אין האַרץ, און מיט די לעצטע קרעפֿטען זוך איך פֿערצווײפֿעלט אַ טרײסט־וואָרט, אַ וואָרט פון ערלעזונג, אַ ווירקליך לעבעדיג וואָרט אַלס לעצטע רעטונג...

און איך עפֿען דעם תנ"ך און איך לעז אונזערע נביאים — און איך בין געראַטעװעט, איך בין געטרײסט, דאָס גאולה־וואָרט איז דאָ, עס לײַכט אין מײַנע אויגען, עס איז געשריבען מיט ווײַסען פֿײַער און שוואַרצען פֿײַער...

און יעדעס וואָרט בײַ די נביאים בליצט, בליצט און דער־לײַכט טיעפֿע אָבגרונדען. יעדער פסוק איז ווי אַ דונער. וואָס

מאַכט ריין די לופט. אַ טויבער מוז דאָס הערען, אַ בלינדער מוז דאָס זעהען.

און ווען מיין נשמה יוערט קראַנק, און ווען אין מיין האַרץ עפענען זיך טויזענדע בלוט-טריפענדע וואונדען, און ווען די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענשליכע געשיכטע טהוען זיך אָהן פאַר מיינע אויגען אין טונקעל שוואַרץ — עפען איך אויף דעם תנ"ך און איך געפין אין איהם באַלזאַם, „לעבענסעליקסיר", שטאַרקונג און היילונג.

איך לעז אונזערע נביאים, איך לעז דעם תהלים, און ווער ווידער געזונד, ווידער גענעזען.

* * *

און ווען איהר וועט געפינען אין מיין קליינעם תנ"ב'ל פלעקען אויף די בלעטער פון תהלים, זאָלט איהר וויסען — איך שעם זיך דאָס אפילו אייך אויסצוזאָגען — דאָס זענען די שפורען פון מיינע טרעהרען. אַ לאַנגע רייהע פון דורות האָבען דאָס געלעזען, פערגאָסען אויף די בלעטער הייסע, ביטערע, פערצווייפעלטע טרעהרען; מיינע עלטערן און מיינע אבות-אבותי האָבען דערין אָבער אויך געפונען טרייסט און קראַפט געפונען.

אויך מיינע קינדער. ווען זיי וועלען, חלילה, אין שווערען לעבענס-קאַמפף גאָט פערליהרען, און אָן אַלע גרויסע, מענשליכע, אידעאַלען פערגעסען, — אויך זיי וועלען זיך נאָך האַפען פאַר דעם תנ"כ'ל, און צו דעם גאָט פון זייערע אבות צוריק קעהרען. טרעהרען איז ניט וואַסער.

* * *

און אַלע פריה מאָרגען לעז איך, מעהר אָדער ווייניגער, דעם תנ"ך. און דאָס גיט מיר גייסטיגע כחות און מוט אויף דעם גאַנצען טאָג.

דער געוועהנליכער לעבענס-טאָג איז פול קאַמפף, וואַכענדיגקייט, מידיגקייט, פערצווייפלונג, און זעהר אָפט אויך עקעל נעגען „אַלעם און אַלעם", געגען די קולטור און איהרע פלאַגען, געגען די „נביאי-השקר" און זייערע „געמיינדען", אָבער די קאַפּיטעל, וואָס איך לייען טעגליך אין די אַלטע נביאים, טראָגען מיך

אַריבּער אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט, אין אַ גאַנץ אַנדער אַטמאָספּע-רע, אין אַ ווײַטערע, אין אַ העכערע.

אונזערע אָבות זענען פֿאַר דעם תנ"ך אין פֿײַער און אין וואַסער געגאַנגען. זײ האָבען איהם אַלעם מקריב געווען און זיך אויף איהם מוסר-נפש געווען. יעדער אות, יעדע נקודה אין תנ"ך איז הײליג, הײליג שבהײליג געווען.

און פֿון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע שעפּפֿונגען, פֿון אַלע אונזערע גאַנץ אַלטע קולטור-שאַצען איז איבערגעבליבען דאָס אײ-קלײן ספר'ל, וואָס די פֿעלקער האָבען פֿון איהם געשעפּט, און וועלען נאָך שעפּען. אָבער נאָר מיר אַלײן האָבען איהם געבאָרען, דורכגעלעבט און מיט אונזער בלוט דערהאַלטען אויף דער וועלט.

און דאָך וויפֿיעל ברידער און שוועסטער פֿערגעסען, פֿער-לאָזען, וואַרפֿען אַוועק דעם תנ"ך, ווײסען און ווילען איהם נאָר ניט וויסען און קענען. עס גיט אַזעלכע צווישען אונז, וואָס זענען נאָר שטאָלץ דערויף, ואָס זײ קענען און ווײסען ניט אונזער על-טעסטעס און שענסטעס בוך.

אויף דעם אָרט פֿון דעם תנ"ך קומט יעצט אין אונזער וועל-טיל פֿריהער די העבּרעאישע מעטאָדעס: טרוקענע, קאַלטע ביבער-נאַכדעם קומט די מאַרק-ליטעראַטור. די שונד-ליטעראַטור, די וואַסערדיגע-ליטעראַטור.

און די גרויסע, די פֿײַערדיגע ווערטער פֿון אונזערע גרוי-סע נביאים האָט אונזער יוגענד אין גאַנצען אַוועקגעוואָרפֿען.

אַלעס איז בײַ אונז אַ מאָדע-זאַך.

און דער תנ"ך איז געוואָרען אונמאָדערן. ליעב האָבען אונ-זערע נביאים, בעגײַסטערען זיך מיט זײערע פֿלאַמענדע רעד — איז פֿון מאָדע אַרויס.

אָבער יעדעס מאָל, ווען איך ווער זאַט, איבערזאַט מיט די מאָדערנען, מיט די „היפּערמאָדערנען" קעהר איך דאָך צוריק צו דעם תנ"ך.

דער תנ"ך איז אין מײנע אויגען ניט נאָר דאָס גרעסטע בוך פֿון דער פֿערגאַנגענהײט; דער תנ"ך איז אויך דאָס בוך פֿון דער צוקונפֿט. אויך אין דער ווײַטעסטע צוקונפֿט וועלען די פֿילאָזאָפֿען, די פּאָעטען און די מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט, איבערהויפּט אַלע גרויסע גײַסטער — וועלען זײ זיך אַלע ווענדען איבער אַ

ניַיעס צו דער ביבעל, און וועלען געפינען אין תנ"ך פרישע, לעבעדיגע, אייביג־ערקוויקענדע גיַיסטיגע קוואַלען. פיעל דורות האָבען געטרונקען פון זיי, און נאָך פיעל מעהר וועלען ערשט פון זיי טרינקען.

* * *

און ווען איך זעה דאָ, אין לאָנדאָן, ווי דאָס ענגלישע פאָלק, וואָס האָט זײַן אייגענעם שעקספּיר, זיַין אייגענעם בײַראָן, זיַין אייגענעם שעלי — ווי דאָס ענגלישע פאָלק ליעבט, לעזט, לערנט און פאָרשט אונזער תנ"ך *) — רוף איך אויס ניט וועלענדיג: „נחלתנו נהפכה לזרים!"

פאַר אַ פּאָר יאָהרען זומער בין איך געזעסען אין וואַלד נעבען מאַריענבאַד און געהאַלטען אין די הענד אַ אָפענעם תנ"ך. עס זענען פאָרבײַגעגאַנגען צוויי גאַליציִשע חסידים. איינער פון זיי האָט זיך איַינגעבייגט און אַריַינגעשטעקט זיַין נאָז אין מיַין אָפענעם תנ"ך. ער האָט געוואָלט זעהען, אין וואָס פאַר אַ ספר קוק איך. ווען די חסידים זענען פון מיר אַ פּאָר טריט אָבגעגאַנגען, זאָגט דער איינער צו זיַין חבר, טיַיטענדיג אויף מיר מיט די פינגער: דאָס מוז זיַין אַ מיסיאָנער רחמנא ליצלן. פון וואַנען ווייסט דו? האָט דער צווייטער געפרעגט. „איך האָב אַליין געזעהען, ווי ער קוקט אין אַ תנ"ך", איז געוועזן דער ענטפער.

---

*) די גרעסטע ביבעל־פאָרשער אין אונזער זמן זענען ענגלענדער (ניט הדילה יודען). כמעט אין אַלע מאָדערנע האָטעלן פון לאָנדאָן ליגען אויף די נאַכט־טישען תנכ"ס.

מַזָל מוּז מֶען הָאבֶּען!

(אַ אונטערגעהערטער געשפּרעך).

צו אַלץ מוּז מען מזל האָבּען. און אַז עס געהט ניט, איז חאָטש נעהם און צוריס זיך. געה און שריי חי-וקים, אַז דער אויבּערשטער גיט קיין הצלחה.

איך האָבּ שוין אַלעס איבּערגעפּרובט אין מיין לעבּען, פאַר אַלעס געחאַפּט זיך; אַלע פּרנסות איבּערגעהאַט, און דער דלות לויפט נאָך. דער דלות, פאַר אייך ניט געדאַכט, איז מיט מיר גאָר אַ לייבּליכער ברודער און היט מיך ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער לאָזט מיר גאָרניט אָבּ אויף איין רגע.

און מיינט איהר, חס-וחלילה, אַז איך בּין אויף דער גאַס געפונען געוואָרען, אַז איך בּין אַבּי ווער, אַז איך שטאַם פון פּראָסטאַקעס. פּע, עס הויבּט זיך גאָרניט אָן. איך האָבּ ניט ליעבּ צו בּערימען זיך, וואָרום יחוס, ווי זאָגט מען, איז אויף בית-הקברות. נאָר איך זאָג אייך גלאַט אַזוי, דאָס איך בּין געקנעטען אויף סאַמע רבנים. איהר שפּילט זיך מיט מיר, איך בּין דעם „עוזר-דלים'ס אַנ'אייניקעל און דעם „זוקף-כפופים'ס" אַנ'אוראייניקעל. און ווייסט איהר, ווער מיין באָבּע איז? — נאָר וואָס איז דער פּועל-יוצא דערפון, נאַט אייך פאַר מיין גאַנצען יחוס-צעטעל אַ אויסגעבּלאָזענע איי. דאָ, אין דער פּרעמד, זענען אַלע יחסנים; יעדערער דערצעהלט גאָר נסים-ונפלאות פון זיין משפּחה. נאָר ווער גלויבּט אונז, ווער האַלט פון אונז, ווער דאַרף אונז? דאָ אין דער פּרעמד ווערען מיר אַלע גערעכענט פאַר שנאָרער, דלפנים,

קבצנים. און איז דאָס אפשר ניט אמת? נו, מילא דאָס בין איך אייך מוחל. פֿון מיין יחוס וועט אייך ניט זיין ניט קאַלט און ניט וואַרעם. אלא וואָס דען, איהר מיינט אַודאַי, דאָס איך האָב קיין שכל, דאָס איך בין אַ עם-הארץ, גלאַט אַ גראָבער יונג, און דערפֿאַר בין איך געוואָרען אַ הויזירער (קאָראָבייניק). זייט מוחל, פֿעטער, איהר האָט אַ טעות. איך זאָג אייך, פֿעטער, דאָס, וואָס איך האָב תורה אין קליינינקען פֿינגערל, האָט דאָס ניט זייערער אַ ראַבינער, אַ רעווערענדל, אַפֿילו אין קאָפּ. איהר קענט דאָס מיר גלויבען, און ווען איהר גלויבט ניט, איז ווי איהר ווילט זיך. וואָרום למאי נפקא מינה צי איהר גלויבט מיר יאָ, צי איהר גלויבט מיר ניט. זעהט איהר, אַז איהר וואָלט זיין, לכל הפחות, אַ ראָטשילד, וואָלט איך שוין וועלען, דאָס איהר זאָלט מיר גלויבען. אלא וואָס דען, אַז מען רעדט — רעדט מען. ווען דער אַשמדאי האָט אויסגעשפּייט שלמה המלך'ן אין דער פֿרעמד, איז ער אויך נעבעך אומגעגאַנגען און געשריען אין איין קול: אני שלמה המלך! נאָר ווער האָט איהם געגלויבט, ווער האָט איהם געהערט? און דער, וואָס האָט יאָ געהערט, האָט מסתמא געזאָגט: וואָס שלמה, וועז מלך, וואָס מלך, מסתמא גלאַט אַ משוגע'נער.

איך זאָג אייך נאָר גלאַט אַזוי, דאָס איך בין אַ בקי בש"ס, און וועגען דעם רמב"ם רעדט מען דאָך ניט. און מיינט איהר, חלילה, דאָס איך האָב קיין ידיעה אין פֿילאָזאָפֿיע, אין די אַלע מיני חקירות פֿון פֿינטיפֿליושקעס — הלואַי וואָלט איך אַזא מזל געהאַט, ווי איך בין, נעלויבט איז גאָט, אויך אַ שטיקעל הקרן און דערצו טאַקי אַ רעכטער משכיל. מיין העברעאיש איז נאָך היינט צוקער-זיס, נאָר ווער דאַרף דאָס דאָ! דאָ מוז מען האָבען די מזומנים, די קלינגענדע, אַז ניט — ביזט דו אַ גאָר-נישט שבגאָר-נישט.

איהר קענט דאָך אַודאַי מיינען, אַז איך בין אַ פּוילער, דערפֿאַר בין איך געוואָרען אַ שלים-שלימאַזעלניק. איך אַ פּוילער! חאַ-חאַ! וואו בין איך שוין נישט אויסגעווען! וואו די וועלט האָט אַן עק! אַמעריקאַ האָב איך אויסגעטראָטען אין דער לענג און אין דער ברייט. אָבער וואוהין איך בין געגאַנגען, וואוהין איך בין געפֿאָהרען — איז דער דלות נאָך מיר, דען מיר זענען דאָך ווי

אַנדערע צווייַ, לייַטען האָט אָבגעגליקט. משרתים זענען נאָר פּריצים געוואָרען, בעלי־מלאכות — גרויסע פֿאַבריקאַנטען. נאָר איך... אָבער וואָס וועט איהר מיר העלפֿען. איך וויל גאָרניט, איהר זאָלט מיר העלפֿען. קאָן דען אַ מענש אַ מענשען העלפֿען?... נאָר איך זאָג גלאַט אַזוי, דאָס מיך שטראָפֿט דער רבונו של עולם. און גע‌ה פֿרעג בייַ איהם קשיות, וואָס האָט ער זיך אַזוי אָנגע־משפּעט דוקא אָן מיר, בין איך דען אַזאַ צדיק?... קיין צדיק בין איך דוקא ניט. געה זייַ אַ צדיק, ווען מען זעהט, דאָס די וועלט פֿיהרט זיך קאַפּויר מיט די פֿיס. די צרות האָבען מיך גע־מאַכט פֿאַר אַ אַפּיקורס. איך זעה דאָך בעשייַנפּערליך, דאָס ניט תורה, ניט חכמה, ניט בריה'שאַפֿט, ניט פֿרומקייַט, — גאָרנישט קאָן העלפֿען, ווען קיין מזל איז ניטאָ.

און מייַנט איהר, רבי פּעטער, דאָס איך בין נאָר אַמעריקאַ אויסגעפֿאָהרען? איך האָב שוין אויך אין ענגלאַנד געזוכט דעם מזל, און געהאַפּט זיך פֿאַר וואָס איהר ווילט... זאָל איך אייַך אויסרעכענען. פֿאַר וועלכע מלאכות און פּרנסות איך האָב זיך דאָר־טען געהאַפּט? — אָבער צו וואָס זאָל איך אייַך דורען אַ קאָפּ. מסתמא איז אייַער קאָפּ אַלייַן אויך פֿול מיט דאגות, וואָרום ווע כער יוד האָט ניט זייַנע פּעקלעך צרות וכדומה?

איך וויל נאָר, איהר זאָלט ניט גלויבען, דאָס איך בין אַ פֿוילער. טהוט דאָס אַ פֿוילער? ווען איך האָב דערזעהען, דאָס מען קאָן ניט געפֿינען דעם שטיקעל ברויט אין ענגלאַנד האָב איך גע־געבען אַ שפּרונג פֿון לאָנדאָן קיין פּאַריז; די פֿראַנצויזלעך זענען אַפֿילו נישט־קשה פֿון מענשען, און פּאַריז איז אַ פֿרייַע שטאָדט, אָבער ענגליש פֿערשטעהען זיי נישט, און פֿראַנצויז — איך נישט.

קורץ און גוט, איך האָב זיך אומבלאָקייַעט אין די פּאַריזער גאַסען און בולוואַרען, איך האָב זיך געריבען אַרום די יודישע גאַסען — אָבער אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל העלפֿט נישט. ובכן אויך אין פּאַריז, ווי זאָגט מען, לא פידאלתי. אין פּאַריז איז מיר געווען אַזוי שלעכט. אַז איך האָב דאָרטען גאָר געהאַט בדעה צו מאַכען אַ סוף אַנ'עק פֿון אַלע צרות. איין שפּרונג אין דער סענע. און אַד־יע! אָבער ווי זאָגט מען, על כרחך אתה חי... ווען איהר וועט מיר פֿרעגען, צוליעב וואָס לעב איך. וואָס דערוואַרט איך פֿון לעבען, וואָס קען איך געפֿינען אין לעבען? וועל איך אייַך ענט־

פֿערן: אַ נעכטיגען טאָג אָדער צרות און יסורים, איינע גרעסער פֿון די אַנדערע. און דאָך, דאָס איז עפּעס אַ מאָדנע זאַך, ווי איך האָב געהאַלטען שפּרינגען און טייך, און דער פּאַריזער סע-נע, האָט מיך עפּעס־וואָס צוריק געצויגען, ניט דערלאָזט. עפּעס עס מוז שטעקען אַ מין ספּרושזינקע און דער לעבען־מאַשינקעלע, וועלכע לאָזט ניט דעם לעבען איבּערהאַקען פּלוצלונג. ווען עס איז נאָך די צייט ניט געקומען. איהר לאַכט פֿון מיינע חקירות... וואָס אַרט מיך, לאַכט געזונדערהייד, זאָל אַ יוד הנאה האָבּען... איך זאָג אייך נאָר גלאַט אַזוי. אַז דאָס לעבען און אונז איז עפּעס אַ מין עלעקטריקע און אַ בעהאַלטענער מאַשינקעלע, און אַז די רעדע-לעך דאַרפֿען זיך דרעהען קען מען זיי מיט געוואַלד ניט אויפֿ-האַלטען... אפשר ניט אַזוי? און דאָס איז דאָך אַ כלל ידוע, אַז מ׳לעבּט, ווילט זיך עסען — איך זאָג אייך, פֿעטער, דאָס עס איז אַ פּאַסקודנע זאַך דאָס עסען - און אַז עס ווילט זיך עסען, מוז מען געפֿינען אַ שטיקעל ברויט, און אַזוי ווי איך האָב מיין שטי-קעל ברויט, — מ׳שטיינס געזאָגט וויפֿיעל דאַרף איך, — און פּאַריז ניט געפֿונען און שטאַרבען פֿון הונגער, אָדער שפּרינגען און דער סענע האָב איך קיין בעזונדער חשק געהאַט. — אַ יוד איז דאָך אַ עקשן, — איז וואָס האָט מיינער געמאַכט? האָב איך זיך גאָר אַריבּערגעחאַפּט קיין דייטשלאַנד זוכען גליקען. איך זאָל אייך, פֿעטער, דערצעהלען, ווי איך האָב זיך דערקליבען ביז דייטשלאַנד, איז דאָס אַ צו־לאַנגע אויך אַ צו־טרויעריגע געשיכטע... פֿע, פֿע, עס איז אַ מאוסע זאַך אַ אָרעמאַן צו זיין...

און אַז איך האָב זיך קוים לעבּעדיג אַריינגעקליבען אין דייטשלאַנד און געוואָלט „מאַכען אַ לעבען", פֿאַר עטוואָס זיך נעהמען, פֿאַר ערגיץ וועלכע פּרנסה עס איז זיך חאַפּען — איך האָב נאָך ניט אויספּעיעט זיך אַרומקוקען, איז געקומען דער „קאָל-נער", דער „מעשענע קנעפּעל" און האָט מיך „אויסגעוויזען", אויף פּראָסט יודיש הייסט דאָס: משלח געווען פֿון גאַנץ דייטשלאַנד. טענה אַהער, טענה אַהין, עס האָט ניט געהאָלפֿען קיין מענה-לשון, און מען האָט מיר געגעבען „אַ פֿוהר מיט אַ גלעקעל". „אַ פֿוהר מיט אַ גלעקעל" רעדט זיך נאָר, דאָס הייסט מען האָט מיר געגעבען פֿון עפּעס אַ קאָמיטעט אַ „טיקעט" ד. ה. אַ בילעט צו פֿאָהרען ביז דער גרעניץ. איהר ווייסט דאָך אַליין פֿערשטעהן, —

איהר זייט דאָך עפּעס אַ שטיקעל בר-דעת, ווי איך זעה אָן אייער פּנים, — דאָס ביז דער רוסיש-פּוילישער גרעניץ, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען און מיין יוגענד פערבראַכט, האָב איך ניט געוואָלט פאָהרען. וואָס וועל איך דען מאַכען אין פּוילען, די ווענד טאַפּען, איבער די הייזער אומגעהן? דאָרטען עסט איינער דעם צווייטען. קרופּניק אַ אכילה, און פּוילען אַ מדינה!

און וואָס האָט מיינער געטהון? און וואָס האָב איך געזאָלט טהון? — אַ יוד אַז מען הייסט איהם געהן, מוז ער אַוועקלעגען אַלע חכמות אָן אַ זייט און מוז געהן, מוז זיך שלעפּען, וואוהין די אויגען טראָגען, אָדער וואוהין מע שטופּט איהם.

ובכן ויהי בחצי הלילה, האָב איך דייטשלאַנד פערלאָזען. דייטשלאַנד אויך מיר אַ מדינה! פער'שרפ'עט, פערברענט זאָל דאָס ווערען, רבונו של עולם. איך זאָג אייך, פעטער, דאָס די דייטשען זענען ווילדע חיות, צוררי ישראל... און געהט זייט אַ צדיק און זייט ניט קיין אַפּיקורוס, זאָגט אַליין: מיר יודען, מיר די „אתה בחרתנו'קעס", דאַרפען אומעדום נע ונד זיין, אומעדום פערוואָגעלט און פרעמד זיין, און זיי, די דייטשורעס, אַזעלכע כפול-שמונה'דיגע חזירים, אַזעלכע טרפ'נע קאָלבאַסניקעס, אַזעלכע מענשענפרעסער דאַרפען אויף אַלעמען רייטען און שפּילען אַזאַ ראָלע אין דער וועלט.

נאָר חקירות אַהין, חקירות אַהער, איך האָב געמוזט נעהמען דעם פּעקעל (דעם טלית ותפלין און אַ פּאָר אַלטע ספרים), און די פיס אויף די פּלייצעס און האַידאַ — וואוהין? קיין בעלגיען! טאָמער בין איך נאָך אין בעלגיען ניט געוועזן, נאַ האָט איהר מיך דאָ אויך.

איך בין שוין דאָ אין אַנטווערפּען, ווי איהר זעהט מיך, שוין צוויי יאָהר. גאַנצע צוויי יאָהר, און איך לעב, און איך האַנדעל, און איך הויזירע, און קיינער טשעפּעט מיך ניט. די בעלגיער זענען טייערע מענשען, איידעלע מענשען. זיי האָבען אַליין ליעב צו לעבען און דעם אַנדערן לאָזען לעבען. פּאָליציי קוקט און שווייגט, און אויך אונזערע אחינו בני ישראל דאָ אין אַנטווערפּען, מייסטען פּוילישע יודען, זענען גאַנץ גוטע מענשען און זיי האַסען ניט אַ אָרעמאַן. זיי האָבען מיך דאָ גאָר געוואָלט מאַכען פאַר אַ דימאַנטען-הויזירער, ד. ה. זיי האָבען מיר געוואָלט געבען

אַ פּעקעל דימאַנטען אומגעהן דערמיט אין די קאַפּע-הייזער, וואו די דימאַנטען-סוחרים זיצען דאָרט, און מאַכען געשעפט. פּיעלע, זעהר פּיעלע, לעבען דאָ דערפון, און אַנדערע ווערען אויך רייך.

וואָס טהוט מיינער? איך זאָג: פּע, דריי מאָל פּע! דאָס האָט מיר אַפּילו גרייליך הנאה געטהון, דאָס מען האַלט מיר פאַר אַ עהרליכען מאַן און מ'גלויבט מיר אַ פּעקעל סחורה, דימאַנטען, דאָס מיר ביידע זאָלען דאָס אין גוטע יודישקייט פערמאָגען, וואָס דאָס איז ווערט — דאָך האָב איך צו זיך געזאָגט: בלא! מיט אַ גרויסען אַלף. קיין דימאַנטען-מעקלער, דימאַנטען-הענדלער אָדער הויזירער וויל איך ניט זיין. איך וויל ניט זיין אַ „סרסור לדבר עבירה". איהר פערשטעהט מיך, איינער. אַ לייַדאַק וויל שענקען עפּעס אַ נקבה דימאַנטען אום זי צו מפיס זיין, כדי אַ עבירה צו טהון, דאַרף איך דאָס, הערט איהר אַ מעשה, — דאַרף איך דאָ זיין אַ מעקלער. אַז ניט דערלעבען זאָל ער! ניין, ברודער, דאָס איז פאַר מיר קיין סחורה.

און איך האָב מיר בעסער אָנגעהויבען האַנדלען מיט אַנדערע סחורה. אָט האָט איהר ביי מיר פּעקעל׳ך ציצית, סדורים'לעך, העקלעך, קנעפּלעך, מעסערלעך, שוועבעלעך, שוך-שנירלעך א. ז. וו. דאָס איז אַליץ אַזעלכע נוצליכע זאַכען וואָס יודען און מענשען דאַרפען און מוזען דאָס האָבען... קויפט, רבי יוד, טייער וועל איך ביי אייך ניט נעהמען, קיין בעריסער בין איך, חס וחלילה, ניט... איהר ווילט ניט קויפען, איז ווי איהר ווילט זיך. נויטען וועל איך אייך ניט. ווען איהר וועט ניט קויפען, וועט מיר השם יתברך צושיקען אַנדערע קויפער. נאָר מזל דאַרף מען האָבען, אַ מזל... איהר ווילט דאָך אַודאַי וויסען, וואו איז מיין פלונית, וואו זענען מיינע קינדער, און וואָס טהוט זיך מיט מיין... אַ, דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע סדרה, דאָס איז שוין די תוכחה אַליין... קויפט, רבי יוד, אַ פּעקעל ציצית... איך האָב נאָך היינט קיין אָנהויב געמאַכט... אַי מזל מוז מען צו אַליץ האָבען...

א--ינטער ריגע
ין-ביבליאטעק

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO

8 1
30